STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10455

SHVERE GEMITER

B. Shlevin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

B. Schlevin
NOUVELLES

הילע געצייכנט פון
דוד טושינסקי

פאָרטרעט פון מחבר :
משה׳קע באַהעלפער

Imprimerie Impressions Populaires
65, rue du Faubourg-Saint-Denis, 75010 Paris

ב. שלעווין

שווערע געמיטער

בנימין שלעווין ז״ל

איז אַוועק פון דער וועלט דעם 29־סטן מערץ 1981. דאָס בוך „שווערע געמיטער״ איז גע־וואָרן דורך אים צוגעגרייט, אויסגעזעצט, קאָרעגירט און געסדרט אין די סאַמע לעצטע חדשים פון זיין לעבן. ער האָט נאָך באַוויזן צו זען אַלע אָפּגעדרוקטע בויגנס, אָבער שוין נישט דאָס פאַרטיק געבונדענע בוך.

●

דאָס ווערק ווערט איבערגעגעבן דעם יידישן לייענער צו די שלושים פונעם מחבר. זאָל עס זיין אַ ליכטיקע דערמאָנונג פאַרן פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם יידישן שרייבער.

ב. שלעווין

שווערע געמיטער

דערציילונגען
דערמאָנונגען
באַטראַכטונגען

בוך-קאָמיטעט

פאַריז 1981

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער וואַרעמער מיטהילף פון דער בריסקער לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז, פון מיין חבר יאַנקל פּערלמאַן ע״ה, דעניז פּייטלאָוויטש, מ. ראָזענבלום, ראָזען, גורוויטש, מ. שיניאַווער.



ב. שלעווין — צייכענונג פון מ. באָהעלפער

אינהאַלט:

13 פּראַצענט 9
דאָס יונגוואַרג 15
אַן אַלטער דיאַלאָג 41
ס׳ווערט קיל... 51
אפרים און איטשע 59
די היסטאָרישע ליאַמע 67
די אַקאַדעמיע אונטערוועגנס 75
„די יידישע גאַס" 85
בימי בולאַק באַלאַכאַוויטש 93
דער גלאָקן־קלינגער פון עין־כרם 97
צ י פּ י 107
דער פּחד, וואָס גייט דיר נאָך 115
רחוב ליליענבלום 119

סענטימענטאַלע אָפּנייגן

אייז־גאַנג 125
דער אומפאַרגעסלעכער ניגון 133
„איבער די הילכיקע ברוקן" 138
דער פּילגרימען־מאַרש 144
„פּאַריז, מיין בלאָנדע" 150
די בירָאָבידזשאַנער אילוזיע 153
אַגינסקי׳ס פּאַלאַנעז „געזעגענונג מיטן פאָטערלאַנד" 161
נאָכן מבול 170
מיט שלום אַש׳ן אין ניס 178
דער טרויעריקער עפּילאָג 182
דאָס נישט־פאַרענדיקטע ליד 186

13 פּראָצענט

1.

ביים קליינעם ווייבל דאַבעלע האָט געטרערט אַן אויג; זי איז געשטאַנען אויף דער ברייט־צעלייגטער טעראַסע פון „האָטעל די לאַק" און אַרומגעמוטלט מיט איר מענה־לשון, דער עיקר מיט דעם בערגערן, פון דער קאָנפעקציע־בראַנ־שע. מיט אַ דיסקרעטן ווונק, האָט זי אים צולעצט פון וויטן אָנגעוויזן די קאָקאָטע אין די שוואַרצעברילן איבערן חנוודיקן נעזל, מיט איר רויטן פלאַמיקן קאָפּ, ווי א שרפה. יענע איז דאָרט געווען צעלייגט קעגנאיבער אויף דער טעראַסע ביים סאַמע ברעג פון לעמאַן און געוויגט זיך הין און צוריק אין דער שאָקל־שטול.

— מסיע... — האָט אים דאַבעלע פאַרגעשטעלט און ס'האָט ביי איר געטרערט דאָס לינקע אויג — טאָמער ווילט איר, קען איך באַלד א רעד־טון... זי זוכט טאַקע, הער איך, עפּעס אַ פּאַסיקע ז אַ ך ... — און האָט אים דערביי אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ — אַזאַ מאַנצפּאַרשוין ווי עטץ זענט, קניינעאָרע...

זי האָט זיך אַ הייב געטון פון דער שטול, ווי באַלד שוין צו לויפן; ער האָט, אַ ביסל צעחושט, געשמייכלט, דער ייד; צו די אַלע צרות, איז אים נאָך באַפּאַלן אַ געלעכטער אויך. ער האָט זיך אַ גלעט געטון ס'דינע וואָנסעלע, וואָס איז געלעגן ווי אַ קוילן־שטריך אויף דער אויבערשטער ליפּ ביי אים, אַ פּיר געטון די האַנט איבערן געדיכטן קאָפּ האָר, פאַרוואַקסן נידעריק איבערן שטערן, היפּש דורכגעשפּרענקלט מיט גרויע פעדים. ס'האָט אים סתם זייער געשמייכלט, וואָס ער קען נאָך געפעלן ווערן אַ ווייבל. ווייל ר'האָט שוין, דעם אמת געזאָגט, גאָרנישט מער געטראַכט דערפון. ער האָט געפילט, ווי די איינזאַמע ווייבלעך, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום, האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף אים. מ'האָט אים שוין דאָ אַ ביסל פריער אויך געהאַט נאַראַ־עט עפּעס אַ שמאָל, איינגעצויגן ווייבל אין הויזן. יענע האָט באַלד, נישט זייער איידל, א פרעג געטון :

— וויפל, כ'בעט איך, באַקומט איר פון דער „ווידערגוטמאַכונג"?...

— וואָס איז אייער עסק ?! — האָט ער זי געלאָזן שטיין אין מיטן גאַס.

זיי פוצן זיך, חנדלען זיך ווי די מיידעלעך (כאָטש אַנדערע זענען שוין אַפילו באָבעס). איינע, דערציילט מען, האָט דאָ פאַרפירט אַ וויכטיקן שמועס מיט אַ מיטל־יאָריקן ייד, און ווען זי האָט זיך באַלד דערוווּסט, אַז דער ייד האָט נאָך, גאָט צו

דאַנקען, אַ ווייב, האָט זי קורץ אָפּגעהאַקט: „אויב אַזוי, האָב איך מיט אייך אינגאַנצן נישט וואָס צו רעדן”...

אַז אַ מענטש איז באַשערט אַמאָל אַריינגעצויגן צו ווערן אין פרעמדע עסקים און קאָפּ־פאַרדרייעניש... אַזוי איז אנומלטן געשען מיטן מיטליאָריקן ייד, מיט דעם בערגערן. ס'האָט אין אָנהייב גאָר אויסגעזען, אַז ער האָט צוריקגעפונען אַ שטיקל אָנהאַלט אין זיין צעטראָגן לעבן פון א ייד מיט אַ שניידער־געוועלבל; ווייל אין יענעם יאָר איז אין הויז ביי אים אַלץ געגאַנגען, ווי מ'זאָגט, מיט דער פּוטער אַראָפּ. ס'ווייב איז אים, נישט־דאָ־געדאַכט, דעם לעצטן ווינטער אָפּגעשטאָרבן פון „יענער קרענק”. די שלעכטע סעזאָנען, די שטייערן, די בעלי־חובות, האָבן אים שוין דירעשט צוגעשטיקט. האָט ער שטילערהייט אויספאַרקויפט די סטאָקן כמעט בחצי־חינם, געלאָזן אָפּשניידן זיך אַ פּאָלע, צושטיקן ביים האַלדז און האָט נאָך שיעור נישט אָפּגעשניטן מיט אַ מיאוסן באַנקראָט. ר'האָט זיך מיטאַמאָל אַרומגעזען, אַז ער האָט קיין היים אויך נישט מער. אַ קאַלטער ווינט האָט דאָרט געבלאָזן. ס'אונטערגעוואַקסענע זונדל, מישעל, האָט געוואָרפן ס'לערנען, ארומגעשלעפּט זיך ערגעץ מיט אַ שיקסע. ער האָט איצט געהאַט צייט, אַ סך צייט, אַריינצוקלערן, אַרומגעדרייט זיך איינער אַליין אין פּוסטן הויז. די גרויסע שטילקייט האָט אים געקלונגען אין די אויערן. טאַקע, ווען איז אים געקומען אַמאָל אויפן געדאַנק אַריינצוטראַכטן וועגן אַ לעבן, וואָס רינט אויס מיט גאָרנישט? צושניידן... ליפערן... לויפן צו קליענטן... האָט ער איינמאָל אַ טראַכט געטון, גאַנץ ניכטער — מילא, ס'ווייב... זי איז אַלע יאָרן — זי זאָל אים מוחל זיין — געווען אַן אָפּגעלאָזענע יידענע... און אַליין איז מען נאָך אויך נישט אַזוי אַלט. מ'טוט זיך אָן ווי אַ מענטש, מ'קומט צווישן מענטשן. לויפן, איינרייסן! נאָך וואָס? פאַר וועמען? האָט ער איינמאָל אַלץ געוואָרפן, אויפגעהויבן זיך און איז אין יענעם זומער, נאָך לאַנגע יאָרן אַראָפּגעפאָרן צום דאַטשע־שטעטל ביי דער שווייצאַרישער גרענעץ, צופוסנס דער בלויער אָזיערע, מיט אומקלאָרע האָפענונגען.

ווי די אַלטע וואַנדער־פייגל, וואָס ציען סוף זומער, אונטער די האַרבסטיקע הימלען, אין לאַנגע שנורן, צו די וואַרעמע דרום־לענדער, אַזוי ציען די לעצטע פּאָר יאָר געעלטערטע יידן פון פּאַריז צו די קוראָרט־שטעטלעך אַרום דער בלויער אָזיערע לעמאַן, טרינקען די הייל־וואַסערן, פּונקט ווי צו די הייסע שוועבל־קוואַלן, צופוסנס די פּירענייען, צו היילן זייערע אלטע מיחושן; אָדער צום „בלויען ברעג”, אַרום מיטללענדישן ים, אויסצוואַרעמען זיך די אַלטע ביינער אונטער דער מילדער דרום־זון; דער עיקר טאַקע קיין מאַנטאָן, ס'אַלטערטימלעכע ברעג־שטעטל, אַריינגעשניטן און ווי צוגעקלעפּט צו די בערג פון אַלפּ־מאַריטים, באַשיצט פון דריי זייטן פון די קאַלטע צפון־ווינטן און פון פּראָוואַנסאַלן מיסטראַל. מ'לאָזט זיך אַראָפּ אַהין אין די שלאָף־וואַגאָנען סוף דעצעמבער, אָנהייב יאַנואַר. דעמאָלט ליידיקן זיך אָפּ כמעט אַלע געדיכט־באַזעצטע קאַפע־טעראַסן אויפן פּלאַס רעפּובליק אין פּאַריז, אין די נאָכמיטאָג־שעהן געווינלעך באַזעצט פון געעלטערטע יידן און יידענעס ביז אַרויף. אַזוי איז אין מאַנטאָן מיט דער צייט אַנטשטאַנען אַ קליינע יידישע קהילה, אַ שולכל צום דאַווענען און — מ'זאָל עס נישט באַדאַרפן — אַ בית־עלמין.

אָבער ס׳איז כדאי אומצוקערן זיך צום קוראָרט־שטעטל, וואָס קוקט אַראָפּ פון הינטער די גרינע, האַלב־צוגעלענטע שטאַכטן־לאָדן אין זון־פאַרבלענדטן נאָכמי־טאָג איבער דער בלויער אָזיערע אין די הייסע זומער־חדשים, אויף דער סאַמע גרענעץ פון דער שווייץ. ווייל דאָרט זענען זיך אין יענעם זומער פאַרלאָפן אומגע־ווײנלעכע זאַכן, פאַרהוילן פאַר אַ זייטיק אויג.

טאָקע אין יענעם זומער האָט ער זיך דאָ אַרומגעדרייט, דער מיטליאָריקער ייד, דער בערגער; ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אַ היפּש ביסל יאָרן, מיט זיינע שיין־צעוואַקסענע, גרוילעכע פּאַוואָריטן, פאַרשניטן טיף אין די מאָגערע באַקן אַריין. געוויינלעך, אַ גאַנץ לעבן פאַריאָגט, פאַרשמייעט, שטענדיק אין אַ קויטיק, צעשפּיליעט העמדל, קיינמאָל נישט רעכט אַרומגעגאָלט, איז דאָס מאָל גע־לעגן אַ דין וואַנסעלע, ווי אַ קוילן־שטריך, אויף דער אויבערשטער ליפּ ביי אים. אין אַ טוועד־וועסט, אין העלע הויזן, טונקעלע ברילן איבער די אויגן, האָט ער פּלוצים געצויגן אויף זיך די נייגעריקע בליקן פון די עלנטע ווייבלעך, וואָס דרייען זיך, פּונקט ווי ער, אַרום אין די קוראָרט־שטעטלעך מיט אומקלאָרע האָפענונגען. מאַלע וואָס די ווייבער האָבן שוין געגנאַבלט הינטער זיינע פּלייצעס. דער עיקר טאָ־קע — ס׳קליינע, ספּריטנע ווייבל דאָבעלע, וואָס פאַר איר דאַרף מען זיך היטן, ווי פאַר פייער. זי קומט אַהער יעדן זומער פון דער דייטשער „גוטמאַכונג״. זי קען אַלעמען, און ברענגט צו טראָגן אַלע פּליאָטקעס. זי איז אַ שטיקל שדכנטע אויך. האָט זי באַלד אָפּגעפּסקנט דעם בערגערן, ווי ער זוכט אַן אָרט צוצוזעצן זיך אויף דער קאַפע־טעראַסע, אין זוניקן נאָכמיטאָג:

— יידן, ר׳איז, דוכט זיך מיר, נישט קיין רעיעלער...

אויף אַזוי אומגעריכט איז דער בערגער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער דאַמע מיט דער הויך־אויפגעטורעמטער פריזור, וואָס האָט געפלאַמט ווי א שרפה. זי איז אין נאָכמיטאָג געווען צעלייגט אין אַ וויג־שטול ביים ברעג. זי איז טיילמאָל פאַר־נאַכט צייט אויך אַרונטער צוזעצן זיך אויף דער ברייט־צעלייגטער קאַפע־טעראַסע „טאַוועדן״, אויף דער צענטראַלער פּראָמענאַד, ביים סאַמע ברעג. איר פריזור — באַשטעקט מיט שפּילקעס, אירע אָפּגעדעקטע הענט — באַלייגט מיט בראַסלעטן, אירע לאַנגע פינגער — מיט רינגלעך און אויפן פולן דעקאָלט האָט זיך חנוודיק געוויגט אַ מגן־דודל. מ׳האָט שוין געוווסט צו דערציילן, אַז זי איז אַ יונגע אלמנה, צי גאָר אַ גע׳גטע.

נאָכן קורצן, האַסטיקן שמועס מיט דעם בערגערן אויף דער קאַפע־טעראַסע פון „האָטעל די לאַק״, איז דאָבעלע, נישט פרעגנדיק גאָר, געקומען איינמאָל, מיט אַ געלעכטערל, צוזעצן זיך צו איר אין דער ברייטער וויג־שטול ביים וואַסער, אַז די שטול האָט זיך אַ הוידע געטון הין און צוריק. יענע, מיט די טונקעלע ברילן איבערן חנוודיקן נעזל, אויפן פאַרבראָנדזטן פּנים, האָט זיך אַפילו נישט א קער געטון אין איר זייט אַריין, נאָר העכער אויפגעשטעלט דאָס אָנגעשמירטע פּנימל אין זון־פלאַקער, וואָס האָט זיך געגומען אַראָפּלאָזן איבער די ווייטע, גרויע וואַסערן אונטערן פרישן ווינטל, אָנגעווייעט מיט די ים־ און פיש־ריחות.

— נו, וואָס זאָל איך אים ענטפערן ?... — האָט דאָבעלע איר אָפּגעשטעקט אַ פּולכנע הענטל און דערביי איר גנביש, מיטן מיטלסטן פינגער, אַ גראָבל געטון אין דער האַנט־פלאַך, קיינער אַרום זאָל זיך גאָרנישט כאַפּן — כ׳זוך אין שוין אַרום דעם גאַנצן פרימאָרגן.

— וואָס איז שוין ווידער ? — האָט יענע, גאַנץ פלעגמאַטיש, געפרעגט.

— דער בעל־דבר חלשט מיר שיער נישט אַוועק אונטער די הענט... כ׳זאָל אים מיט אינען באַקענען... וואָס זאָל איך אים ענטפערן ?

— ר׳זאָל גיין ראַד־געבראָכן... — האָט די איידעלע דאַמע אַן עפּן געטון אַ בריט, שריייריש, וואַרשעווער מויל.

— ע, אַזוי קען מען נישט, מאַ בעל... אַוועקשאַרן פון זיך אַ גליק־שידוך... וואָסי, ס׳וואָלגערן זיך אַזעלכע לייטישע יונגעלייט אויף דער גאַס ?...

— כ׳קען אים, דעם אָנזעצער... ער האָט ס׳ערשטע ווייב זיינס אויך פאַר־פייניקט...

— טאָ וואָס איז עס אײנס עסק ?... אַזאַ איינער, הערט איר, האָט נאָר באַ־דאַרפט אַריינצופאַלן אין מיינע הענט...

אָבער צומאָרגנס, ווען דאָבעלע האָט זיביידן פלוצים דערזען זיצן בייזאַמען אויף דער טעראַסע, ביידע מיט שוואַרצע ברילן פאַרדעקט די צורות, האָט זי אויפ־געמאַכט אַ בריט מויל, מער גאָרנישט אָפּגערופן זיך. זי האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, זייטיק צוגעקוקט זיך ווי זיי ציען ביידע דורכן שטרויעלע דעם זיסלעכן מילכיקן געטראַנק פון הויכע גלעזער; עפּעס שוויגן זיי מער ווי זיי רעדן. זי האָט געזען, ווי ס׳פלאַמט ביי אים אַן אויער, ביי דעם בערגערן, ווי ביי אַ יינגל. האָט זי פאַרשטאַנען — „העע... אַזוי וויט האַלט עס שוין ? בין א י ד, הייסט עס, דער נאַר"... זי איז דערביי כלומרשט געזעסן און געמוטלט מיט עפּעס אַ יידענע, אָבער מיט איין אויער אויפגעכאַפּט זייערע שטילע רייד. „עמאַ... — האָט זי דייטלעך גע־הערט — מיר זענען שוין נישט קיין קינדער"... און זי האָט געלאַכט, די פאַר־כאַפּנדיקע דאַמע, זייער שיין געלאַכט, אַנטפּלעקט אירע לאַנגע, רעגולער־צעשטעל־טע ציינער (דוכט זיך, נישט קיין אמתע), נישט געענטפערט באַלד, נאָר אָנגעקוקט אים פון אונטער די טונקעלע ברילן. ס׳ברייטע סענסועלע מויל האָט איר געגעבן דעם חן און די פאַרריסנקייט פון אַ גרויס־שטאָטישע קאָקאָטע. באַלד דערנאָך האָבן זיי זיך אויפגעהויבן פון דער טעראַסע און אַוועקגעשווומען צווישן שפּאַצירנדיקן עולם לענגאויס די ברעג־טראָטואַרן.

דער בלענדיקער פאַרנאַכט האָט זיך געזעצט הינטער די וואַסערן, הינטער די זשיראַ־בערג, אין הייסע קאָלירן. די מעוועס אויפן ברעג האָבן זיך אויפגעהויבן אין פלי איבער די לייכטע כוואַליעס, געקרייזט איבער קעפּ. זיי האָבן נאָך, זעט אויס, געהאַט איבערצושמועסן וויכטיקע זאַכן; האָבן זיך מער נישט אומגעקוקט צו די יידן, וואָס האָבן געגריסט פאַרבייגייענדיק. עפּעס איינעם אַ ייד האָט זי יאָ צוגע־וואָרפן: „מסיע גייזלער, כ׳וועל אייך שפּעטער זען". און צו אים:

— די נאַרישע יידן... שפּילן נאָר אין „טיערסע"... די פערדלעך שלעפּן ביי זיי אַרויס די פּאָר גראָשן...

דאָס קלויסטערל, ערגעץ אויבן, אין די בערג, האָט זיך אָפּגערופן אין פאַר־נאַכט, ווי פון שלאָף אַרויס, מיט אַ דינן גלעקערן, און איז אַנטשטומט געוואָרן. צו־פוסנס האָט דאָס וואַסער געשווענקט די אַלטע ברעג־וואַלן זייט אומפאַרגעסלעכע צייטן. אויפן קאַרק פון די בערג, איינגעביסן אין פעלדזיקן געשטיין, האָבן געקלעפּט פּיטאָרעסקע ווילעס, רויטע, גרינע, פּאַלאַצלעך מיט הענגענדיקע ווערענדעס, גע־שניצטע באַלקאָנדלעך, ווי קינדער־שפּילצייג.

פון דעמאָלט אָן האָט דער בערגער זי שוין געפּלעגט אָפּצוואַרטן, אַביסל צע־רויטלט, מיט אַ פאַרחלשט האַרץ, מיט אַביסל פלאַטער. ער האָט זיך אין נאָכמיטאָג לאַנג געדרייט אין פאָדער־זאַל פון „האָטעל די לאַק" און — זי איז אַלץ נישט אַראָפּגעקומען. ער איז לאַנג זיצן־געבליבן אין ווייכן פאָטעל און ס'האָט אים שוין אונטערגעהויבן. די צוויי שטייפע האָטעל־באַדינער, אין שוואַרצע רעק, האָבן זיך שווייגנדיק פאַרהאַלטן אַרום די דריי־טירן, העפלעך פאַרנייגט זיך יעדן אַריינקו־מענדיקן. עטלעכע צעחושטע קאָנפעקציאָנערן, דעם קאַפּעלוש פאַררוקט אין שטערן אַריין, דאָס סיגאַרעטל האָט זיך אַליין דעררויכערט אין אַ ווינקל ליפּ, אייגנטימער פון מאַגאַזינען אויף רי דע טירען, רי ד'אַבוקיר, אין פּאַריז, און די יידענעס זייערע, באַלייגט מיט צירונג, זענען דאָרט, הינטער דער קאָלאָנאַדע, געוועזן אַרומגעזעצט ביי צוויי צונויפגערוקטע קאָרטן־טישלעך. מ'האָט געשפּילט אַ דערדל. ס'איז אויפ־געגאַנגען אַ בלויער אַראָמאַטישער רויך פון די סיגאַרעטלעך אויף די אַש־טעצלעך. די ווייבער האָבן זיך געקאָכט נאָך מער ווי די מענער:

— יאָקובל... מיינסט כ'האָב נישט געזען, ווי דו מאַכסט שקרות ?...

— די פּריי זאָל מיר אַזוי דינען, זשאַנעט, ווי די טויז איז מיר גליך אַריינ־געפלויגן, ווי אַ טייבעלע...

און זי, מיט אַ לאַכעלע:

— ווער ס'קען אים נישט, דעם מאַרעוויכער פון באַלוט...

בערגער האָט מער נישט געקוקט אַהין, נאָר זייטיק — צו די האָטעל־באַדינער. קיין אויג האָט ביי זיי נישט קיין פינטל געטון, הערנדיק דאָס געדיכטע יידישע לשון, וואָס האָט הויך אָפּגעהילכט איבערן ליידיקן זאַל: און ס'איז אים, בערגערן גופא, אויך געוואָרן אַביסל פּריקרע. אין זייער העפלעכן שטילשווייגן פון די האָ־טעל־באַדינער איז געווען — ביטול, מסתמא נאָך עפּעס אויך. כאָטש יידן זענען פעטע קליענטן, וואַרפן זיך מיטן טרינק־געלט, לאָזן דאָ איבער אין די סעזאָנען שווערע געלטער.

ער האָט יעדעס מאָל אומגעדולדיק געבליקט צו דער ווינדע, צו די ברייטע מאַרמאָר־שטיגן, באַלייגט מיט דיוואַנען, צי הערט מען נישט דעם שאָרך פון איר לאַנג קלייד, די ווייכע טריט פון אירע לעטשלעך. יעדן טאָג כמעט טוישט זי די טואַ־לעטן. די קורצע קליידלעך ווייזן, זעט אויס, צופיל אירע דיקלעכע פיס, אָנגעצויגן אונטער ניילאָן־זאָקן. טיילמאָל פאַראַדירט זי אין ברייטע זיידענע הויזן. מ'שמועסט, אַז זי האָט עטלעכע סטודיאָס צום פאַרדינגען אין פּאַריז, אין מאַנטאָן און אפשר דאָ אויך. אַגענטורן פאַרנעמען זיך שוין דערמיט. זי האָט, הערט ער, אַ טאָכטער אין

דער שווייץ און כאַפּט זיך אָפּ אַריבער אַהין אויף אַ פּאָר טעג; און דאָ שפּילט זי נאָך די ראָלע פון אַ מיידעלע...

אַרונטער פון די שטיגן איז זי אַזוי אומגעריכט, אַז ער האָט נישט באַוויזן גלייך צו מאַכן דעם קראַוואַט, נאָך אַמאָל באַטראַכטן זיין געדיכטע שעוועליורע מיט די זילבערנע שטרייפן אין די שפּיגלען. זי זון־זיילן, וואָס זענען געפאַלן דורך די הויכע פענצטער האָבן אים פאַרבלענדט. זי איז אָנגעשוואומען, דער קילער שמייכל האָט געשפּילט צווידייטיק:

— כ׳האָב אייך נישט געלאָזן צו לאַנג וואַרטן?

און ער האָט אַצינד פאַרשטאַנען, דערפילט, ווי אַ צעטומלט יינגל, אַז אַראָפּ־געפאָרן אַהער אין דעם זומער־סעזאָן איז ער, אייגנטלעך, בלויז — צוליב איר. זי האָט אים געפירט, נישט ער; דעם וואָגן האָט זי געוויינלעך געלאָזן שטיין אין רעזערווירטן פּלאַץ ביים האָטעל. אָבער ער איז דאָרט מער נישט געשטאַנען. זי האָט אים אָנגעקוקט פון דער זייט און אַ טראַכט געטון — „מיט אַזאַ איינעם, אַן אומשולדיקן שניידער, שפּילט אַ ראָלע אַ פּאָר צו געבן קיין לאָזאַן, צי קיין זשענע־ווע?... וועמען וועט דען איינפאַלן צו גיין דאָרט זוכן אין וואָגן?״.

זיי זענען אַרונטער צום ברעג. די גאָרע, ווייטע זון־בלענדיקייט האָט זיך אָפּ־געדעקט ביזן האָריזאָנט, ווען זיי זענען געשטיגן העכער מיט די שמאָלע, געדרייטע טרעפּלעך. אָבער צווישן די משופּעדיקע ווענט מיט די האַלב־צוגעלענטע לאָדנס אין שמאָלן געסל, הענגענדיקע וועש איבערן קאָפּ, איז שוין באַלד געווען טיפער פאַר־נאַכטיקער שאָטן. ס׳האָט מיטאַמאָל געצויגן אַ שאַרפע קילקייט פון די ברעגן. די זון־פלעקן זענען געלעגן ערגעץ הויך אויף די ווענט און מ׳האָט אַרויפגעקוקט צו זיי, ווי פון אַ טיפן ברונעם.

ערגעץ האָט דאָ אַ קלויסטערל געקלונגען צווישן די לאַבירינטן, טורעמלעך, טויבן־נעסטן, צווישן די אינקרוסטאַציעס, געשניצטע גאַניקלעך פון אַ פאַרעלטערטן רענעסאַנס, אַ פאַרעלטערטע גאָטיק, פון ווער ווייס וויפל יאָרהונדערטער צוריק. אפשר האָבן זיך דאָ אויך, פּונקט ווי אין מאָנטע־קאַרלאָ, אויפגעהאַלטן אַמאָל רויבער־פּיראַטן. דאָס איז דער שיינער „יחוס״ זייערער, פון זייערע עלטער־זיידעס, די פאַרבליבענע פּעאָדאַלע פּרינצנטומס. זיי האָבן געלויערט אויף די פאַרבייפאָרנ־דיקע שיפן־גאַלערעס, האַנדלס־פלאָטן, מיט זייערע פלינטעס, פּולווער־קאַנאָנדלעך, דורך די שיס־לעכער, באַרויבט די רייזנדע, וואָס האָבן פאַרבייגעצויגן צו די אַלפּן־בערג, ביי די מיטללענדישע ברעגן, געפירט געווירצן, בראָקאַט, פּערסישע טעפּי־כער, גאָלד, העלפאַנטביין פון די אָריענטאַלישע מערק און לענדער. אים, בערגערן אַליין, האָט זיך פּלוצים אויסגעוויזן, ביי דער זייט פון דער פאַרכאַפּנדיקער דאַמע, אַז ער איז אַ שטיקל אַוואַנטוריסט. אַז אַזאַ יינגלשער פלאַטער זאָל נאָך אַמאָל צוריקקומען אין זיין אייביק פאַריאָגט שניידעריש לעבן, האָט ער זיך מער נישט געריכט. ער האָט זיך בלינד געלאָזן פירן פון איר מיט איר רויט־אויפגעטורעמטן קאָפּ, ווי אַ שרפה. אָנגעשפּאַרט אין אַ געציינדלט טורעמל, האָבן זיי ביידע אַראָפּ־געקוקט צום ברעג. די שפּאַצירנדיקע לענגאויס די ברעג־טראָטואַרן האָבן איצט

אויסגעזען ווי מוראַשקעס. אַ זעגל־שיפל פון פישער האָט געבלאַנקט אין דער ווייט. די טרעפּלעך האָבן געפירט נאָך העכער.

וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? אַז זי האָט דאָ אין די הויכע געסלעך ערגעץ גע־לאָזן שטיין דעם וואָגן אירן, אַ נייער „פּעזשאָ״, נישט צו ציען אויף זיך קיינעמס בליקן אונטן, ביים האָטעל־איינגאַנג. זי איז צו, האָט אַ מאַך אויף געטון דאָס טירל, פאַרבעטן אים מיט אַ פאַרדעכטיק שמייכעלע, און אַליין פלינק אַוועקגעזעצט זיך צום רעדל. זי האָט גאַנץ געשיקט געקערעוועט צווישן די אָפּגרונטן און געפּערלעכע פאַרבייגן פון שמאָלן שאָסיי, וואָס האָט זיך ווי א פראַפּן־ציער געשרויפט וואָס אַמאָל העכער. ער האָט לייכט פאַרלענט די אויגן און זייער נישט געוואָלט זי זאָל דער־כאַפּן דעם פלאַטער אין זיין צעטומלטן בליק. „אַזאַ־אָ... אפשר האָט זי גאָר זייטיקע כוונות? אפשר ווייסט זי שוין עפּעס״...

בערג־וואַסערלעך האָבן געמורמלט, געריסן זיך צווישן שטיינער און פאַרפאַלן געוואָרן אין דער געדיכטעניש פון די קליינע, צעקרומטע באַרג־סאָסנעס ביי די אָפּריסן. אַ בריק איז געהאַנגען איבער תהומען. און פּלוצים איז פון אַ טונעל אַרויס אַ רויט באַנדל, ווי אַ קינדער־שפּילצייג, און איז באַלד פאַרשוווּנדן אין דער טיפע־ניש פון אַ באַרג קעגנאיבער. ווען זיי זענען גאַנץ אויבן אַרונטער פון וואָגן, האָט אומגעריכט געצויגן אַ שאַרפע קילקייט פון די בערג. כאָטש די זון איז נאָך גע־שטאַנען גאַנץ הויך, איבער די באַרג־שפּיצן, און זי האָט אַ נעם געטון פון וואָגן אַ פוטער־מאַנטל, געטוליעט זיך אין פוכיקן קאָלנער, געטוליעט זיך צו אים.

— ווייסט כאָטש וווּ מיר זענען? — האָט זי אים מער נישט געאירצט.

— כ'בין נאָך דאָ קיינמאָל נישט געווען.

— דאָ זענען מיר שוין אין דער שווייץ, נאָר איינער... דורך דער טיר זענען מיר אַריין אין פראַנקרייך און די פענצטער קוקן שוין אַרויס — צו דער שווייץ...

זי האָט אים געפירט מיט די טרעפּלעך דורך אַ קאַטאַקאָמבע, ווידער אויפ־געהויבן זיך און אַנגעטראָפן אין אַ טיפן קאָרידאָר די טיר פון האָטעל־רעסטאָראַן. פון אינעווייניק האָט אַ שלאָג געטון אַ היימישער רעש, אַ וואַרעמקייט פון פול־באַ־זעצטן זאַל. די ברייטע פענצטער האָבן אָפּגעשפּיגלט די פאַרטונקלטע זון, ווי אַ ליקוי־חמה, און ס'האָבן ליכטיק געבלענדט שאַרפע, פילקאָלירישע פאַסן. ס'איז גע־ווען ווי אַ וויזיע. די בערג זענען ברוין געוואָרן, ווי באַשאָטן מיט צימערינג. זיי האָבן דאָ קוים אָפּגעזוכט אַ ליידיק טישל ביי אַ פענצטער, וואָס קוקט אַרויס צו די תהומען. זי האָט זיך דאָ געפילט גאַנץ היימיש. דערוואַרעמט זיך מיט א הייסער קאַפע מיט אַ היפּשער דאָזע קאָניאַק, האָט זיך עמאַ צערויטלט אָפּגעווישט די טונ־קעלע ראַנדן אַרום איר ברייט, שיין־געצייכנט מויל, מיטן ראָזן טיכעלע, פאַרשטעקט דאָרט אַ סיגאַרעטל און אַ ווייז געטון:

— די נאַכט פאַלט באַלד צו אין די בערג. כ'האָב עפּעס מורא...

— וואָס האָסטו מורא צו האָבן, נאַרעלע? — האָט ער זיך איצט אַרויסגע־שטעלט פאַר אַ גרויסן העלד — און איך ווו בין?...

האָט זי טיפער פאַרצויגן, געבלאָזן אים דעם רויך אין פּנים אַריין. זי האָט גוט באַמערקט דעם גלי אין זיינע אויגן און ווי ס'פלאַמט אים יינגלעריש אַן אויער.

דעם בליק אירן אונטער די טונקעלע גלעזלעך, אין די פערלמוטערנע רעמלעך, שמאָלע, יאַפּאַנישע, האָט ער נישט געקענט זען, ער האָט אָבער דערכאַפּט דעם קוים־מערקבאַרן שמייכל, וואָס האָט זיך געצייכנט אַרום די ווינקלען מויל ביי איר. ס׳איז אים אַדורך עפּעס אַזוינס ווי אַ פיבער איבערן גאַנצן לייב, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געפילט. „מיט אַזאַ־אַ... — האָט ער נאָך באַוויזן אַ טראַכט צו טון — צו דערציען די פּאָר יאָר"...

2.

אויפגעכאַפּט האָט זיך דער צעטראָגענער ייד אין אַן אַלטמאָדיש, ברייט פּויע־ריש בעט, באַלייגט מיט קישנס, קישעלעך, אונטער אַ שווערער פּוך־פּערינע, אונ־טער אַ נידעריקן הילצערנעם באַלקן. ס׳האָט זיך אים אַ רגע אויסגעוויזן ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט אין ברייטן בעט, יינגלווייז, ביי זיין טאַטן, דעם טאַנדייטניק, דעם הויזן־שניידער, אין שטעטל בזשעזשין, אונטערן היימישן נידעריקן באַלקן. ער האָט נאָך דאָ ערגעץ אַלץ געפילט די לוילעכע וואַרעמקייט לעבן זיך, אָבער זי איז מער נישט געווען לעבן אים. אין האַלבן טונקל פון די פאַרצויגענע שטאָרן, האָט געשפּאַרט אַ שפּיזיק ליכט, ווי פון אונטער אַ וואָלקן. אויף דעם, וואָס איז זיך פאַר־לאָפן מיט אים די נאַכט, האָט ער זיך שוין מער נישט געריכט אין זיין צעטראָגן שניידעריש לעבן; און ער האָט זיך אפילו געפילט עפּעס ווי פאַרשולדיקט קעגן איר, ווי אַ יינגל, וואָס האָט אָפּגעטון עפּעס אַ נישט שיין שטיקל.

זי איז באַלד אַרויס פון זייטיקן באָד־צימערל, דעם רויטן קאָפּ אין אַ טורבאַן, דעם שלאָפראָק האַלב־צעשפּיליעט, אין איר ברייט מויל — אַ געלעכטער, וואָס האָט אים געקלונגען מאָדנע:

— די קאָפּע שמעקט שוין איבערן גאַנצן הויז און ער — ליגט נאָך !...

ווי זיי וואָלטן שוין געווען אַן אַלט פּאָרפאָלק מכמה יאָרן. אונטן, אין זאַל, האָבן זיי אָפּגעזוכט דאָס ווייטסטע טישל. ס׳איז אים עפּעס נישט געווען אָנגענעם אויפצוהייבן די אויגן צו די איבעריקע געסט. פון די טעפּלעך איז אויפגעגאַנגען די געשמאַקע פּאַרע פון פריש־פאַרבריטער קאַפּע. זי האָט געריסן און געשלונגען שטיקער פון די קרואַסאָנען און געוואָרפן אין ברייטן מויל אַריין, אין דער צייט, ווען ער האָט באַדאַכט געמישט מיטן לעפעלע. ער האָט געהערט ווי זי מאָלט נאָכאַנאַנד מיט איר שפּיציק וואַרשעווער לשון:

— יידן האָבן דאָ געמאַכט אַ פּאָר פראַנק... קריגן רענטעס... ליקווידירט די שניידערישע געשעפטן, זוכט יעדער איינער צו פאַרזיכערן זיינע פּאָר גראָשן... מאַכן אַ פּאָר פראַנק איז איין זאַך און קענען זיי איינהאַלטן — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש...

— דאָס ווייס איך... כ׳האָב עס אַליין...

זי האָט אים אָבער נישט געלאָזן פאַרענדיקן :

— אַנגעקויפט סטודיאָס, האָבן זיי צו טון מיט לאָקאַטאָרן, וואָס צאָלן נישט, מיט פּראָצעסן, אַדוואָקאַטן... און דאָ — 13 פּראָצענט, ריינער ריווח, אָן דעקלאַראַציעס, אָן שטייערן...

— טאָ איז וואָס ? כ׳פאַרשטיי נישט...

— וועסט — מאַכט זי צו אים, כמעט אויפן אויער, אָבער באַפעלעריש — נאָך היינט אַריבערכאַפּן זיך מיט דער שיף קיין לאָזאַן... כ׳האָב דאָרט אַ באַקאַנטן. ער וועט דיך שוין אַפּוואַרטן...

ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין איבעריקן חשק דערצו, ס׳איז אים געווען אַביסל פריקרע, אָבער ער איז געפאָרן. ער איז געשטאַנען אויפן בריקל צו דער שיף און זי האָט פון ווייטן געפאָכעט צו אים מיטן טיכעלע, ווען די שפּאַציר־שיף האָט גערירט צום אַנדערן ברעג, צו דער שווייץ. כאָטש ער האָט דערווייל קיין שום קאָנטראַבאַנדע מיט זיך נישט געפירט, האָט זיך אים פאָרט אויסגעוויזן, אַז אומגעזעענע אויגן קוקן אים נאָך. זיי זענען אַוודאי צווישן לוסטיקן טוריסטן־עולם, די גרענעץ־אַגענטן. מען דערקענט זיי נישט, אָבער זיי האָבן אַן אויג אויף יעדן איינעם. אַן אומשולדיקער טוריסט, האָט ער זיך פאַרהאַלטן אויף יענער זייט אַזיערע אַ טאָג־צוויי, צו טרעפן דעם ראַזענען — אַ נאָקעטער שאַרבן, אַ פייקעלע צווישן די שטאַרקע ציינער, אַ צעמישטער בליק פון הינטער האָרן־ברילן. יענער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז שטאַרק פאַרטון אין אַלערליי אומקלאָרע פינאַנסיעלע אָפּעראַציעס און טראַנזאַקציעס, אויפן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. ער האָט זיך אָבער פלוצים דערמאָנט, אַז דער ייד האָט זיך געפלעגט אַרומדרייען אין פאַריז אויך, האָט פון דאָרט באַצייטנס געמוזט עוקר זיין צוליב זייער נישט קלאָרע חשבונות פון קהלשע געלטער; מ׳האָט אַפילו גערעדט דערפון אין בלאַט; איז פאַרשווונדן פון האָריזאָנט, און אָט האָט ער צוריק אויפגעטויכט אין דער שווייץ.

דאָס האָט זי, עמאַ, אים שוין געלערנט, בערגערן, אַז וועגן אַזעלכע דעליקאַטע ענינים דאַרף מען וויסן ווי צו רעדן מיט יידן, נישט געכאַפּט, און אַז איינער דאַרף גאָרנישט וויסן פון אַנדערן.

— ס׳איז כאָטש רעיעל ? — האָט ער פלוצים אַ פרעג געטון און דערביי אַליין אַ טראַכט געגעבן וועגן די אייגענע פאַר פראַנק.

צוריקוועגס פון לאָזאַן, איז ער אין נאָכמיטאָג זיצן־געבליבן אויף דער קאַפּעטעראַסע און געפרווט אַ רעד־טון מיט אַ יידן, כאָטש ס׳האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט. אָבער זי האָט אַריינגערעדט אין אים :

— נאַר דו, אַזאַ איינער האָט אָפּגעשפּאַרט אַ פּאָר מיליאָן פראַנק און ווייס נישט וואָס צו טון דערמיט. מיט אַזאַ ייד, אַ שניידער, זיצט מען ביי אַ טעפּעלע קאַווע און מען כאַפּט זיך אַמאָל אומגערן אַרויס מיט אַ וואָרט.

האָט ער טאַקע געפרווט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַ וואָרט צו איינעם אַ ייד :

— איר מיינט טאַקע... די שפּאַר־קאַסעס, די בענק זאָגן אייך צו גליק־פּראָצענטער, אָן שום שטייערן, און עס קומט צום סך הכל סוף יאָר — האָט איר, נאָך די דעוואַלואַציעס, דערלייגט געלט, כאָטש איר האָט כלומרשט פאַרדינט... ציפערן.

— טאָ וואָס־זשע טוט מען טאַקע, אַז מ׳האָט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר פראַנק ?
— כ׳ווייס... — קוקט זיך דער בערגער זייטיק אַרום — ס׳איז אפשר פאַראַן אַ שטיקל עצה... 13 פּראָצענט, פאַרזיכערט אין דאָלאַרן... מ׳קען ס׳געלט לייכט אַריבערפירן...

און ער טוט אַ ווונק אַהין, צום נעפּלדיקן ברעג אויף יענער זייט, צום שווייצער ברעג, און כאַפּט זיך צי קיינער האָט עפּעס נישט באַמערקט :

— די גרענעץ־מענטשעס נאַרט מען נישט אַזוי לייכט. זיי דערקענען שוין די לייט לויט זייער צעטומלטן בליק. זיי זענען אויך פּסיכאָלאָגן, אַז איר ווילט. איר קענט דורכגיין 20 מאָל זיי זאָלן זיך אַפילו נישט אומקוקן, אָבער אָט האָבן זיי פאַרהאַלטן, אַזוי אומשולדיק, אַ וואָגן, עפּעס אַ פאַרשלאָפענעם יונגערמאַן. און וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ? אין הינטערשטן זיץ — העראָין... צי חאַשיש... וואַליוטע...

— טאָ ווי אַזוי ? ...

— ס׳איז פאַראַן אַ וועג, אַ זיכערער, נאָר געווייגלעך, ס׳דאַרף עפּעס קאָסטן... 13 פּראָצענט גייט נישט צופּוס...

— וואָס איז דען געוואָרן — כאַפּט זיך יענער — פון די אומבאַוווּסטע און אומגעציילטע פאַרמעגנס פון יידן, וואָס זענען פאַרן היטלער־מאָרד אין אייראָפּע, געלאָפן אַהין פאַרזיכערן זייערע פאַרמעגנס אין די אָפּגעשלאָסענע סייפן פון די קילע, כיטרע שווייצער באַנקירן ? זיי ליגן דאָרט עד היום, צוזאַמען מיט די גאָלדענע ציין, וואָס די נאַציס האָבן אַרויסגעריסן אין די דערמאָרדעטע יידישע קהילות, אין אוישוויץ, פון די מיילער פון די געהרגעטע יידן...

דאָ איז דער בערגער אַביסל מבולבל געוואָרן, געשטאַמלט, נישט געוווּסט באַלד וואָס צו ענטפערן, אָבער ער האָט זיך געכאַפּט :

— וואָס פאַרגלייכט איר ? צו אַ יידישער באַנק האָט איר שוין אויך נישט קיין פאַרטרויען ?

— מ׳האָט שוין אַזוינס אויך געזען... כ׳קען אַביסל די קאָמבינאַציעס... כ׳פאָר דאָ נישט לאַנג אַריין אין דער שווייץ אויף אַ פּאָר וואָכן, בעט מיר אַ ייד : נעמט מיר מיט דאָס פּעקעלע. וואָס ווייס איך ? אַ טובה טון אַ ייד... וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ? — אַ פּעקל מיט דאָלאַרן ! נאָך גוט מ׳האָט מיר נישט פאַרהאַלטן... כ׳האָב דעם ייד גוט אויסגעזידלט, און יענער האָט זיך נאָך דערביי בריית צעלאַכט. מ י ר גייט איר דערציילן פון די אַלע קאָמבינאַציעס ?...

דאָס אַלץ איז אַרומגעשמועסט געוואָרן אין דער קאַפע „צום בלויען דאַנאַו״, ביים רומענישן יידן, אין דער ציטרינגען־אַליי, קעגנאיבערן פּאַלאַצל. דאָרט, אויף דער פאַרמאַכטער טעראַסע, באַזעצט ביז אַרויף, איז געווען רויִשיק צווישן 4־5, נאָכן אַריינכאַפּן דעם נאָכמיטאָג־שלאָף. דער ייד מיט דער ווילדער שעוועליורע, דער רומענער, האָט געשפּילט אויף צימבאַלן, פאַרווילט דעם עולם מיט רומענישע דוינעס, ציגיינערישע ראָמאַנסן און — מיט דער „התקווה״. ער האָט אויך געלאָזן הערן זיין שיינע קאָלאָראַטור, מיט זיין פאַרגרייזטן יידיש, אין די לידלעך פון דער יידישער אָפּערעטע.

בערגער איז שטיינגעבליבן אין פאַרנאַכט אויף דער טעראַסע, פאַרבלענדט פונם אַסטראַלן ליכט, אָפּגעגאָסן אויף די מויערן פון דער העכערער טייל שטאָט. ס'האָט אים שוין געגומען באַנג טון די גאַנצע קאָפּ־פאַרדרייעניש. ס'קליינע ווייבל דאָבעלע, וואָס גייט אַרום און באַרעדט יעדערן, האָט זי אים צוגעשדכנט, עמאָן. ער מיידט זי אויס, דאָבעלען. ווער ווייס וואָס אַזאַ איינע קען אָנאַרבעטן מיט איר מיאוס מויל.

— מסיע־לעבן... — קומט זי פלוצים אונטער און פאַרטשעפּעט אים — מ'שמועסט פאַרשידנס, אָבער איך וויל מיך נישט מישן...

— כ'וויל נישט הערן אייערע פליאָטקעס — מאַכט ער און וויל זיך באַלד אָפּטראָגן

זי האָט אים אָבער אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל און איינגערוימט:

— וואָס בין איך ערגער פון אנדערע?

— אין דרויסן רעד איך נישט פון אַזעלכע זאַכן.

— כ'וועל זיך שוין אַרויסכאַפּן צו אייך, כ'ווייס ווו איר שטייט־איין. כ'האָב אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר פראַנק, וואָס וועט דען ווערן דערפון?

קוים אָפּגעטשעפּעט זיך, איז ער האַסטיק אַראָפּ צום ברעג. נאָך גוט, זי איז אים נישט נאָכגעלאָפן. נאָך אַלעמען — האָט ער באַלד אַ טראַכט געטון — וואָס איז איר געלט ערגער פון אַן אַנדערנס...

אַזוי איז אונטער די פאַרביקע אָפּדעכלעך, אויף די טעראַסן, אין יענעם זומער, אָנגעגאַנגען אַ שטילע בהלה. מ'האָט זיך געהיטן איינער פאַרן אַנדערן. מ'האָט נאָר געזוכט שטילערהייט אַריבערצופּעקלען די אָפּגעשפּאָרטע פּאָר פראַנק „אויף יענער זייט", אין דער שווייץ. אומעטום, ווו יידן האָבן זיך געקליבן, האָט מען שטיל געשמועסט דערפון; אויף די ברעג־טראָטואַרן, ווו מ'האָט אַריינגעטייטשט די נייעס פון ישראל אין יידישן בלאַט; אין די קאַפייען, ווו מ'האָט געדיכט גערעדט דאָס יידישע לשון, און ווו איינער אַ פאַטראָן האָט זיי צוגעוואָרפן צוויי־דייטיקע אַנטיסע־מיטישע אָנצוהערענישן, און יידן טרעטן דאָרט מער נישט אַריבער די שוועל. איינער האָט זיך דאָרט ברייט געוויצלט:

— עטץ מאַכט דאָ גאָלדענע געשעפטן און מיין פייגעלע איז דערווייל געפאָרן קיין אויסלאַנד (אין דערבייאיקן שטעטל אין דער שווייץ) איינקויפן צודאַטן צום בויאָן... ווייסט כאָטש ווער ער איז, דער לאַטעק? — האָט ער זייטיק אָנגעוויזן אויף איינעם אַ ייד — ס'איז דער ביזשוטיער פון לעבן דער אָפּעראַ... וואָס באַנ־דיטן האָבן ביי אים געמאַכט אַן אָנפאַל. ער האָט פאַר עטלעכע יאָרן, אַראָפּקומענ־דיק צום ערשטן מאָל אויפן אַעראָפּאָרט אין לוד, געקושט די שטיינער... וואָס ער האָט דורכשמוגלט...

צווישן די צעטומלטע יידן, קאָנפעקציאָנערן, שטריקער־פאַבריקאַנטן, האָט זיך אויך ארומגעדרייט דעם באַדאַכטער ייד וורצעל, אַ ייד אַ יודע ספר, און געקוקט אויף זיי אַלעמען מיט אַ קילן שמייכל; מ'קען זאָגן, ר'האָט געקוקט אויף זיי — געשיכטלעך. ער האָט געפּרווט אַ רעד טון וועגן ענינים, וואָס זענען זיי אין איין אויער אַריין, פון אַנדערן — אַרויס. ער האָט געזען ווי זייערע צעטומלטע יידישע

אויגן לויפן אין אַלע זייטן, און ער האָט זיי דאָ אַנומלטן, גאָרנישט נאַריש, אַ זאָג־געטון:

— מנחם־מענדל איז נישט געשטאָרבן. ער לעבט. און נאָך וויל איך אייך זאָגן — יענער מנחם־מענדל ביי שלום עליכמען, איז כאָטש געווען, טאַקע אַ פאַנ־טאַזיאָר, אָבער — אַן ערלעכער פאַנטאַזיאָר. אָבער די־אָ...

זיי האָבן אים אָנגעקוקט מיט אָפענע מיילער. פון וואַנען זאָלן זיי עס אַלץ וויסן אַז אומעטום טרעטן מיר אויף דער ערד, ווו לאַנגע דורות פריער זענען געטרעטן יידן... די חכמי פּראָוואַנס... רש״י... די בעלי־תּוספות...

— חומש מיט רש״י האָב איך אַמאָל געלערנט אין חדר, נאָר כ׳האָב עס שוין לאַנג פאַרגעסן... — האָט איינער אַ ייד עפּעס דערכאַפּט פון זיינע מאָדנע רייד, און זיך באַלד אָפּגעדרייט, איז געלאָפן אַנטקעגן דעם בערגערן אויף דער טעראַסע פון דעם רומענער.

דאָ האָט זיך אין יענעם זומער אויך אַרומגעדרייט דער צעפּלויגענער רעפּאָר־טער פון יידישן בלאַט. ער איז אַראָפּגעפאָרן אַהער אין געזעלשאַפטלעכע שליחותן. ער איז זיצן געבליבן נאָכמיטאָג ביי אַן אָפּגעקילט טעפעלע קאַפע, וואָס ער האָט זיך געלאָזן פונדעווען פון אַ פאַריזער רייכן קאָנפעקציאָנער, דעם ברייטן ייד, דעם שמעלקע צודעק, וואָס פיגורירט אין אַלע קאָמיטעטן, אַז ער „שפענדעט״.

— יידן — האָט ער זיך אָפּגערופן — בראָטן זיך דאָ, קיין עין הרע, אונטער דער מחיהדיקער זון, פאַרוואָס זאָלן זיי נישט „שפענדן״ אַ פאָר פראַנק פאַר דער צייטונג?

דער ברייטער ייד האָט זיך לעצטנס געלאָזן באַגריסן אין בלאַט אויף אַ גאַנ־צער זייט צו זיינע 75 יאָר — „ער זאָל דערלעבן עד מאה ועשרים... זאָל ווייטער פאָרזעצן זיין פרוכטבאַרע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט לטובת הכלל״. אין זיינע סאַלאָנען, אין 16־טן אַראָנדיסמאַן, איז ערשט יענע וואָך געפּראַוועט געוואָרן אַ רוי־שיקער באַנקעט, און ער, דער רעפּאָרטער, טראָגט זיך שוין אַרום מיט א שיינער באַשרייבונג פאָרן בלאַט. ער וויל אים זאָגן אַ פאָר וואַרעמע ווערטער, דעם ברייטן ייד, אַרויסקריגן ביי אים אַ פּאָר פראַנק, נאָר די יידענע, דאָבעלע, זי מישט זיך אומעטום אַריין, פאַרטויבט אַלע מיט אירע געשיכטעס און מיט איר מיאוס מויל. נישט קיין נאַר, האָט דער רעפּאָרטער באַלד געהאָט אַ חוש צו דערשמעקן, וואָס דאָ טוט זיך שטילערהייט אין דעם זומער־קוראָרט; בפרט, אַז אין בלאַט האָט זיך זינט עטלעכע וואָכן גענומען באַווייזן גרויסע אַנאָנסן פון עפּעס אַ יידישער באַנק אין דער שווייץ. אין מיטן אַנאָנס איז ברייט צעלייגט געווען אַ פאָטאָ פונעם באַנק־הויז, מיט אַ שילד: באַנק־הויז עט קאָמפּ... ביים רעפּאָרטער האָט געגומען וואַסערן אַן אויג. וואָס טוט זיך דאָ? זיין זשורנאַליסטישער חוש האָט אים נישט פאַרפירט; ביי איר, ביים קליינעם ווייבל, האָט ער געוווסט, וועט ער אַלץ געפינען ווערן. מיט זיין צעחושטן בליק, איז ער איר אַזוי לאַנג נאָכגעגאַנגען, ביז ער האָט זי פאַר־טשעפּעט:

— מאַדאַם... נאָר איין וואָרט...

— כ׳ווייס שוין וואָס איר ווילט... — האָט זי אים אָפּגעמאָסטן — כ׳האָב עפּעס פאַר אייך אויך...

— ווער, כ׳בעט אייך, איז די אויסגעפּוצטע דאַמע, די געלע, וואָס זיצט דאָרט אויף דער טעראַסע ?... — האָט ער געוואָלט וויסן.

— זי איז נישט פון אייער ס׳גאַל... צווייטנס, האָט זי שוין וועמענען...

— וואָס פאַרא יחסנטע איז זי, ווידער ? איר קענט זי מיר פאָרשטעלן ?

— וועגן אַ שידוך, זאָלט איר זיך באַלד אַרויסשלאָגן פון קאָפּ...

— ווער רעדט דען וועגן אַ שידוך ?! — האָט ער אַזש געהירזשעט — כ׳האָב נאָך, גאָט צו דאַנקען, אַ ווייב מיט קינדער, זאָלן מיר לאַנג לעבן און געזונט זיין...

— אויב אַזוי, האָב איך מיט אייך אינגאַנצן נישט וואָס צו רעדן !... — מאַכט זי, און ס׳טרערט זי אַן אויג — האָט איר דאָך באַלד געקענט זאָגן, וואָס אייך קוועטשט... מיט איר האָט איר נישט וואָס צו שמועסן. אלץ — דער בערגער...

איז ער אַוועק אויפזוכן דעם בערגערן. מ׳האָט אים געזאָגט, אַז דאָרט, אין קהילה־שטיבל, אין שולכל, קומט ער אַריין, צו טרעפן די יידן וועגן געשעפּטלעכע ענינים. ער האָט אים דאָרט אויך נישט געטראָפן. ס׳איז געווען אַ שבת אין דער פרי, און ער האָט דאָרט געטראָפן עפּעס מער ווי אַ מנין יידן. האָט ער ארויסגע־צויגן פון קעשענע ס׳שוואַרצע קאַפּעלע, וואָס ער טראָגט אַלעמאָל ביי זיך, און צו־געזעצט זיך אויף דער באַנק. דער ייד, דער בעל־תפילה ביים עמוד, האָט זיך לאַנג געגאָרגלט, געהאַקט אַ גרייזיקע עברי, אַז מ׳האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. די פּאָר יידן האָבן געבלעטערט די סידורים. זיי האָבן געהאַט אַרויפגעוואָרפן טליתים אויף די אַקסלען און אויסגעזען עפּעס ווי פאַרשטעלטע.

דאָס דאַווענען איז צוגעגאַנגען שטאַרק בחפזון, אָבער ביים אויפרופן צו דער ספר תורה, האָבן זיך אַלע געריסן צו אַ שיינער עליה, געלאָזן זיך קאָסטן, ברייט מנדר געווען. באַלד נאָכן דאַווענען איז אויפן טיש אין דערבייאיקן שטיבל פאַר־שפּרייט געוואָרן אַ ווייס טישטוך. עטלעכע ווייבלעך האָבן זיך געפּאָרעט, אָנגע־שטעלט היימיש־געבאַקענע קיכעלעך. די גאָמבעס ביי די יידן זענען פעט געוואָרן פון די שטיקער שמאַלץ־הערינג.

— אַ קידוש, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין !... — איז דער גבאי מיטן בערעטל, מיטן רויטלעכן פּנים פון אַ וויין־טרינקער, געווען שטאָלץ, און זיך געגרייט באַלד צו האַלטן אַ רעדע אויך, נאָר איידער וואָס־ווען, איז דער עולם נעלם געוואָרן.

3.

די שטרוי־שטאָרן צו דער גאַס זענען געווען אַרונטערגעלאָזן, און אויף בערגערן זענען געפאַלן פּאַסן ליכט און פּאַסן שאָטן. ער האָט אומגעדולדיק געשפּרייזט אי־בערן ווייכן דיוואַן, האָט זיך באַלד דערנאָך אַ הייב געטון פון טיפן שטול, ווייל ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז מ׳האָט אַ גראַבל געטון אין דער טיר. ער האָט זיך

איצט געפֿאַרכטן פֿאַרן מינדסטן קלונג, פּונקט ווי פֿאַרן שאַרפֿן דרויסנדיקן ליכט פֿון מיט־זומער. יידן האָבן אים אַרומגעזוכט אויף די קאָפּע־טעראַסן, ווען ער איז פֿאַרשווונדן אויף אַ פּאָר טעג. יעדער האָט געהאַט פֿאַר אים אַ דיסקרעטן סוד אָפּ־צושטעקן, און ער האָט זיי אויסגעמיטן. „די פּאָר פֿראַנק, וואָס ער כאַפּט דערביי... צי אין דעם איז אים דען געגאַנגען ? נאָדיר גאָר אַ נייע פּרנסה צו מיינע צרות — גרענעץ־שמוגלעריי... קאָנטראַבאַנדע"... ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט — צוריק אויפֿ־צושטעלן אַ שטיקל היים, אַ פֿרוי זאָל אָפּקאָכן אַ היימיש ביסל עסן... וואָס האָט זי דאָרט אַזויפֿיל צו טון מיט דעם גליטשיקן ייד ? פֿאַרשווינדט יעדע פּאָר טעג. און דאָ, דערציילן זיי, האָט זיך פֿריער אויך אַרומגעדרייט איינער. ר'איז פֿאַרשווונדן, באַ־צייטנס אויסגערונען.

אָונט־צייט — האָט זי אים ווידער אָנגעזאָגט — איז דער וועג פֿריי. דער האָטעל אין די בערג, די פֿייערלעך, וואָס לויכטן פֿון ווייטן. ער טרעפֿט אָבער אָן אַ ליידיק צימער, אַ ליידיק בעט. ביים אַרויפֿגאַנג איז מען אין פֿראַנקרייך, אָבער די פֿענצטער קוקן שוין אַרויס אין דער שווייץ. און ער לאָזט זיך דערנאָך גיין מיט די שמאָלע שטעגעלעך אין די בערג.

מילא — די אַנדערע יידן, אָבער אויפֿן קליינעם ווייבל דאָבעלע, מיט איר גרויס מויל צו פּליאַטקעווען, איז אים עפּעס באַצייטנס אַ גרויס רחמנות, אויף אירע פּאָר פֿראַנק. דאָס איז זי טאַקע אין דעם נאָכמיטאָג שטיל געקומען אַ גראַבל טון אין דער טיר און ער איז מיט אַ פֿאַרחלשט האַרץ זי געקומען אויפֿמאַכן. זי איז געווען צעפּלאָשעט, זיך אַרומגעקוקט מיט חשד איבערן האַלב־פֿינצטערן צימער און זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער שטרוי־געפֿלאָכטענער שטול :

— ווו זענט איר מיר פֿאַרפֿאַלן געוואָרן... כ'זוך אייך אַרום...

— מיר פֿאָרן אַמאָל אַרויס אין די בערג... איר ווייסט נישט, מ'איז אַליין...

— אַליין ? — האָט זי אַרויסגעלאַכט — און די דאַמע אייערע ?...

— אָ... — האָט ער אַוועקגעמאַכט — איר מיינט טאַקע...

— מ'ווייסט שוין... מיר דערציילט נישט קיין מעשיות... — און זי האָט גע־גראַבלט אין צעריבענעם האַנט־בייטל, אים אָפּגעשטעקט אַ פֿאַרקלעפּטן קאָנווערט — כ'בעט אייך, מסיע... ס'איז קייטן־געלט... אָפּגעשפּאָרט פֿון מויל...

— מ'דאַרף אפשר נישט אַלץ... — האָט ער געפּרוווט, און די האַנט האָט זיך ביי אים געטרייסלט, פֿילנדיק די וואַרעמקייט פֿון קאָנווערט.

און איידער נאָך ער איז צו זיך געקומען, האָט זי פֿאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. ער איז שטיינגעבליבן און די האַנט האָט אים נאָך אַלץ אונטערגעציטערט.

ס'איז געווען אין זעלבן אָוונט, אָן אַ לבנה, אָן שטערן, ווען זי האָט אים צום לעצטן מאָל געפֿירט אין איר וואָגן דורך די בערג. ער איז געזעסן ביי איר זייט און געפּרוווט דערציילן :

— ווען דו ווייסט, ווי ס'קליינע ווייבל, דאָבעלע... עפּעס זאָגט מיר ס'האַרץ, עמאַ...

— אויף דעם האָב איך דיר באַדאַרפֿט ?... — האָט זי גערעדט צו דער שויב.

— עמאַ, כ׳האָב שוין מורא פאַר מיינע אייגענע פאַר פראַנק אויך... עפּעס גע־פעלט ער מיר נישט, דער פריינד דיינער...

זי האָט אים דערויף מער גאָרנישט געענטפערט. איז ווי פאַרשטומט געוואָרן. דער וועג האָט זיך, מיטן צוגעפּאַלענעם אָוונט, געדרייט ווי אַ שרויף אַלץ העכער. זי האָט דאָס מאָל געפירט דעם וואָגן דורך זייטיקע, אומבאַקאַנטע וועגע־לעך, ביז ס׳האָט אַ שיין געטון די קייט לאַמטערנס. ער האָט אין דער פינצטער דער־קענט דעם זעלבן האָטעל־פּענסיאָן אין די בערג. זיי זענען דערנאָך געזעסן שווייגנ־דיק אין ווייסטן ווינקל,ביים פענצטער, וואָס קוקט אַרויס צו די בערג. זי האָט זיך שוין מער נישט געשראָקן, ווי דעמאָלט, נישט געפּיעשטשעט זיך, ווי אַ מיי־דעלע.

— גיי ! — האָט זי אים באַפעלעריש צוגעוואָרפן — כ׳וועל שפּעטער אַרויפ־קומען.

ער איז אַרויף אין פרעמדן, קילן צימער, געוואַרט לאַנג און נישט געפילט ווי די אויגן קלעפּן זיך ביי אים. ס׳האָט שוין געקענט זיין שפּעט, ווען ער האָט אַ טאָפּ געטון אין דער פינצטער לעבן זיך און געטראָפן — אַ ליידיק אָרט. ער האָט זיך פּלוצים מער נישט געקענט דערמאָנען ווו ער געפינט זיך. ס׳האָט זיך אים גאָר אויסגעוויזן, אַז ס׳איז אַ בייזער חלום. ער האָט געוואָלט אַ רוף טון, און האָט זיין אייגן קול נישט דערהערט.

צומאָרגנס פרי האָט ער זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פון דעם האָטעל־פּאַנסיאָן אין די בערג, איז צוריק אַרונטער צום דאַטשע־שטעטל, איז אַוועק צום „האָטעל די לאַק" נאָכפרעגן זיך. אָבער דאָרט האָט מען אים געענטפערט, אַז זי האָט נאָך נעכטן אויפגעגעבן ס׳צימער, איז אַוועק מיטן באַגאַזש אירן.

דער צעחושטעטער ייד פון געוועלבל אויף רי דע טירען איז שטיינגעבליבן אויף דער טעראַסע און עס איז אים מיטאַמאָל באַפאַלן אַ גרויסער פּחד צו ווייזן זיך פאַר די יידן, וואָס יעדער איינער איז אים געקומען אָפּשטעקן זיינע אָפּגעשפּאָרטע פאַר פראַנק, אַריבערצופירן עס אין דער שווייצער באַנק, מיטן פאַרזיכערטן ריווח פון 13 פּראָצענט... זיינע אייגענע פאַר פראַנק און דאָס כיטרע ווייבל... ר׳איז שטיין־געבליבן ווי אַ נאַר אויפן מאַרק.

1976

דאָס יונגוואַרג

1.

דורך עפּעס אַ צופאַל, קען מען זאָגן, איז די באַקאַנטע עסטראַדע־זינגערין, די שאַנסאָניערין זשאַקלין דירי, נאָך אַזויפיל יאָרן צוריקגעקומען צום אַלטן יידישן בעלוויל און — צו זיך אַליין. דעם וואָגן האָט זי אין יענעם פרימאָרגן פלינק געקירעוועט צווישן די אַלטע געסעלעך אויפן הויכן בעלוויל, און ביי יעדן פאַרדריי, זייטיק אַ בליק געטון צום ראָזן יונגערמאַן גאַבי, וואָס האָט זי באַגלייט. דאָס ייִנגל האָט פלוצים געזען אויפלויכטן עפּעס אַן אומרואיק פייערל אין איר בליק אונטער דער וואַלקע. גאַבי איז געווען איר לעצטע שוואַכקייט, נאָך אַלע גרויסע און קליינע אַוואַנטוערס אין איר שטורמיש לעבן. די רויטע פאַרוואַקסענע קוטשערן, ביזן טיפן האַלדז, דאָס פנים באַשאָטן מיט חנוודיקע קלייענדלעך, האָט ער צווישן די ייִנגלשע, שיין געשניטענע ליפּן געזויגן די בלאָנדע סיגאַרעטלעך. פאַרפאָרן צו די הויכקייטן פון בעלוויל, האָט זיך שוין דאָרט באַצייטנס געקליבן אַן עולם נייגעריקע, זשורנאַליסטן מיט קאַמעראַס, מיט פאָטאָ־אפּאַראַטן. איבער די אָפּגעטראָטענע שטיגן, וואָס האָבן געפירט צום אַלטן הויז מיטן אָפּגעקראָכענעם פאַסאַד, פון א פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, איז אין יענעם פרימאָרגן צוגעשלאָגן געוואָרן אַן אָנדענק־טאָוול, אַז דאָ, אויף די אָפּגעטראָטענע גאַסן־שטיגן, איז די באַליבטע פאָלקס־זינגערין עדיט פּיאַף געבוירן געוואָרן ביי אַן אָרעמער אַרבעטער־משפחה, און האָט אַזוי יונג פאַרענדיקט איר לעבן. איר זיס שטימעלע האָט געהילכט איבער די פאַרשטיקטע הייף און אויפן פאַריזער ברוק, צווישן די אַמאָליקע גאַסן־זינגער.

צו די הויכע, אָפּגעטראָטענע גאַסן־שטיגן אויף רי דע בעלוויל האָבן נאָך געהאַלטן אין איין פאַרפאָרן אַ גאַנצע קייט מיט וואָגנס. זיי האָבן פאַרשטעלט די גאַס. ס׳זענען אויסגעשטיגן באַרימטע שוישפּילער, שאַנסאָניערן. זיי האָבן באַלייגט די אַריינגענג אינעם הויז מיט בלומען־קרענץ. ס׳זענען פון די הויכע טרעפּ געהאַלטן געוואָרן פייערלעכע טרויער־רעדעס, „צום אָנדענק פונם קינד פון אָרעמען בעלוויל, פון פאַריזער פאָלק“. ס׳האָבן אַרויסגעזונגען פון איר די פריידן און ליידן פון פאָלק, ווען זי איז אַרומגעגאַנגען איבער די הייף און געזונגען די שיינע, אומעטיקע לידער וועגן דער „צייט פון קאַרשן־צוויט“; ביז אַ קאַבאַרעט־דירעקטאָר האָט זי איין מאָל אַנטדעקט און געבראַכט זי פאַרן ברייטן פובליקום אין די מוזיק־האָלן.

אַלע האָבן זיי דאָ, צווישן די אָנגעפּאָרענע שווישפּילער, ווערעטן און באַרימטע שאַנסאָניערן, באַטראַכט מיט נייגער ס׳קליינע, דראָבנע מיידל פון דער פּראָווינס, מיטן פאַרשווירענעם גזשיוקעלע איבערן שטערן, מירעי מאַטיע, אויך אַ קינד פונם אָרעמען פאָלק. איר שטימעלע האָט פּונקט אַזוי זיס, מאָדנע ענלעך, געהילכט פון די טעלעוויזיעס, ווי ביי דער פאַרשטאָרבענער עדית פּיאַף. דער אַלטער מאָריס שעוואַליע האָט זי אַנומלטן פּאָטערלעך געקושט אין שטערן; ער, וואָס איז אויך געקומען פון פאָלק, פון אָט די געסעלעך, אויפן מענילמאָנטאַן.

און זשאַקלין דירי, די וואַלקע האָט צוגעדעקט אירע אַביסל אויסגעשרויפטע אויגן, די גרויסע ציגיינערשע אויערינגען, האָט זיך דערמאָנט, אַז זי אַליין שטאַמט דאָך אויך אָפּ פון אָט די געסעלעך, אָבער — פון די אָנגעלאָפענע יידישע עמיגראַנטן אין יענע אָנהייב־צוואַנציקער יאָרן; זי, די באַוווסטע עסטראַדע־זינגערין, וואָס פירט אויך אָן מיטן באַקאַנטן נאַכט־לאָקאַל און נאַכט־באַר אַרום שאַנז עליזיי.

צו איר קומען די ווערעטן נאָך האַלבער נאַכט פאַרוויילן זיך ביז פאַרטאָג אין האַלב־פאַרטונקלטן באַר, צו פאַרזוכן פון די ספּעציפיש־יידישע מאכלים. פּונקט ווי ביי איר טאַטן, אַ פּראָסטלעכער ייד פון פּראַגע, וואָס האָט דאָ אין די פּאַר־מלחמה־יאָרן געהאַלטן אויפן רוישיקן בולוואַר די קאַפע „דאָס ליכט פון בעלוויל״. ס׳זענען דאָרט געקומען אַרומשטעלן זיך די פּריש־אָנגעלאָפענע יידן פון פּוילן, ס׳רוב אָן „פּאַפּירן״, אָן אַרבעטס־רעכט. זיי זענען דעם גאַנצן טאָג געקומען אַרומשטעלן זיך דעם טומבאַנק, באַלייגט פון כל טוב. זיי האָבן דאָ געמאַכט אַ שנאַפּס, צוגעביסן אַ שטיקל הערינג, אַ לעבערל, ווי אין דער אַלטער היים. די מערסטע — שניידערס, פּרעסערס, מאַראָקינעריסטן, וועלכע האָבן אין „מאָרט סעזאָן״ געזוכט אַ טאָג אַרבעט. אין הינטערשטן שטיבל איז געווען געדיכט אָנגערויכערט. מ׳האָט דאָרט געמאַכט אַ קערטל, אונטערגעברומט אַ לידל פון יידישן טעאַטער.

ווי ווייט זיסעלע, אָדער זשאַקלין דירי איז שוין געהאַט אַוועק פונם הויז ביי איר טאַטן ! נאָך אַלע אַוואַנטורעס, האָט זי זיך אַרומגעפירט מיטן ראָזן יונגערמאַן גאַבי, האָט אים פּראָטעזשירט, נישט אָפּגעלאָזן אים אויף אַ טריט, געזוכט אים צו פירן אויף נייע וועגן. ווייל זי אַליין איז שוין געווען מיד, אַנטוישט פונם גאַנצן פּוסטן גערודער אַרום זיך.

ס׳איז געווען באַלד דערנאָך, ווי זי איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור געוואָרן פונם יונג דזשאָ, מיט זיין דזשאַז־אָרקעסטער, מיט זיי סאַקסאָפאָן, מיט זיין אַקאָרדעאָן אינם נאַכט־באַר־לאָקאַל, אונטער איר אויפזיכט. פּונקט ווי איר טאַטע, יאָסל פּראַגער, האָט אַמאָל געפירט די קאַפע „דאָס ליכט פון בעלוויל״.

ווי איצט געדענקט זי עס — אין די אויבערשטע צימערלעך האָט זיך אַרומגעדרייט דאָס אַנדערע פאַרשלאָכעטע ווייב מיטן באַרג קינדער. דער טאַטע האָט זי געפלעגט צו שעלטן; זי איז אים אויך נישט שולדיק געבליבן. ער האָט דער יידענע צוגעטיילט דעם ביסן. די קינדער, וואָס האָבן זיך אַמאָל צוגעכאַפּט אַ נאַש צו טון פונם פול־באַלייגטן קאָנטואַר, האָט ער געטריבן :

— אַוועקט, ממזרים... איר קריגט ביי מיר באַלד אַ כמאַל...

אָבער יאָסל פּראַגער האָט געהאַט אַ גוט האַרץ, האָט געהאָלפן יידן איינשאַפן זיך אַ „מאַכער", „פּאַפּירן", אַן אַרבעטס־קאַרטע. ער האָט גערעדט מיט אַ רוי, שטומפּיק לשון, דאָס מויל אַביסל אויסגעקרימט. אויף דער עלטערער טאָכטער, אויף זיסעלען, פונם ערשטן ווייב, האָט ער זיך אין גאַנצן מער נישט אומגעקוקט. זי איז אונטערגעוואַקסן אַ ווילדלעכע אינם אייביקן טומל פון דער קאַפע, אין די אויבערשטע טונקעלע שטיבלעך. די מאַמע איז איר פרי אָפּגעשטאָרבן. אַ שטיקל צייט איז זי דאָ געגאַנגען אין דער שולע. דערנאָך איז זי אַוועק מיט די מיידעלעך און יונגען פון דער געגנט אויף האַלבע נעכט טאַנצן אין די ראָזע באַל־מיזעטן דעם קאַנקאַן, דעם זשאַוואַ־טאַנץ, צו זינגען די לידער פון פּאַריזער ברוק. זי האָט פאַר־מאָגט אַ זיס שטימעלע. נאָך האַלבער נאַכט האָט זי זיך געפּלעגט אַריינצוגנבענען מיט די הינטערשטע שטיגן אין דער אויבערשטער קאַפע דורך אַ הינטער־טיר.

— ביסטו, הייסט עס, אויך פון די יידישע געסעלעך... — האָט גאַבי זי אָנגע־קוקט אַביסל פאַרוווּנדערט — אַבי כ'האָב געמיינט...

— כ'בין אַ יידישע עדיט... אָבער קיין טאָוול וועט מען דאָ נאָך מיר נישט אויפהענגען... ווען דו ווייסט...

ער האָט געזען, ווי ס'האָט איר עפּעס אַ פייניק געטון, מסתמא דערפאַר, וואָס זי איז אַזוי יונג אַוועק, אַנטלאָפן פון די צעטראָגענע יידן מיט זייערע יידישע אומ־גליקן, יידישע צרות; אַוועק צו אַ פרעמדער, שיינער, פאַרבלענדנדיקער וועלט פון פרעמדע ליכטער און פרעמדע געזאַנגען. און זי האָט זיך טאַקע דערמאָנט, ווי שטאַרק זי האָט דעמאָלט מקנא געווען די נישט־יידישע מיידעלעך, וואָס מ'האָט זיי אין שיינעם מאַי־טאָג, אָנגעטאָן אין ווייסן, ווי קליינע כלות, געפירט אין דער קיר־כע, צום „קאָמיניאָן". דאָ ערגעץ, אין די געסעלעך, וואָס ווערן איצט אַרונטערגע־ריסן און ס'וואַקסן אויס הויכע הייזער־בלאָקן פון בעטאָן און גלאָז, איז זי געגאַנגען אויך אין דער אָרעמער יידישער צוגאָב־שולע, זונטיק און דאָנערשטיק, ווען מ'איז פריי, אין אַן אָרעמען יידישן אַרבעטער־לאָקאַל. מ'האָט זי דאָרט געלערנט אַ יידיש לידל, אַ יידישן אות. אין צערודערטן הויז ביי זיי, איבער דער קאַפע, איז אַלץ גע־ווען אַזוי וואָכעדיק. אָבער מאָדנע, אַז ס'איז געקומען יום כיפור, איז די קאַפע גע־ווען פאַרקלאַפּט. יידן זענען אָפּגעזעסן דעם גאַנצן טאָג אין דערבייאיקן ראָטשילד־שילעכל, אויף רי זשיליען לאַקרוואַ, און ס'האָט עפּעס געשוועבט איבער די געסע־לעך אַ הייליקע פאַרכטיקייט. אָדער — ווען ס'איז געקומען דער שיינער יום טוב פסח... אַזוי האָט זי זיך געזען — אַ יונגע, פריילעכע, ווילדלעכע מויד מיט אַ פלאַ־מיק־בלאָנדן קאָפּ, אַ יאָר אַכצן, נישט מער. זי האָט נישט געוווּסט ווו אַהינצוטון איר ענערגיע; איז לסוף אַנטלאָפן פון טאַטנס קאַפע, פון דער שטיפמאַמע, צום לאַ־טיינישן קוואַרטאַל, צו די פאַרשטעקטע סטודענטישע האָטעל־מאַנסאַרדעס, צום די־ריגענט פון דזשאַז־אָרקעסטער דזשאָ.

גאַבי האָט געהאַט אַ זאַפטיקן מויל־שניט, אַ רויטן קאָפּ, די פאַוואָריטן האָבן זיך קרום איינגעשניטן אין זיינע מאָגערע באַקן. זי האָט גאָר מורא געהאַט, אַז דער דזשאָ זאָל זיך אַמאָל נישט דערוויסן. ער איז געווען אַ ליידאַק, אַרומגעשלעפּט זיך מיט די מוידן, איז אַריינגעפאַלן מאַכן איר סקאַנדאַלן, גערופן זי „שמוציקע יידיש־

קע״. זי האָט זיך געוואָרפן אויף אים מיט אירע שאַרפע נעגל. דערפאַר האָט זי זיך איינגעשטעלט פאַרן יינגל גאַבי, ווי אַ מאַמע. דאָס האָט זי אים אַוועקגענומען פונם הפקרן וואַלגערן זיך, אָן שום תכלית. ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין די ביסטראָס, נאָענט פון די וואָקזאַלן, וואָס זענען אָפן גאַנצע נעכט.

אין לאַטייניש קוואַרטאַל איז מען אין יענעם יאָר אַוועק „מאַכן די רעוואָ־לוציע״. מ׳האָט זיך געוואַלגערט אויף די זומערדיקע פּלאַזשעס. אַ בלאָנדזשענדיקע יוגנט, אָבער עפּעס אָן שום יוגנטלעכער פרייד. אַזוי האָט גאַבי איין מאָל פאַרבלאָנ־דזשעט אינעם נאַכט־לאָקאַל. און דעמאָלט האָט אים זשאַקלין געפונען. אָן אָרעם יינגל פון דעפּאָרטירטע עלטערן. זי האָט אים אַריינגענומען, אויסגעקליידט, גע־שטופּט אים טאַשן־געלט. אין אירע אויגן איז ער געווען מער קינד, ווי מאַן. זי האָט אים אויסבאַהאַלטן פאַר די, וואָס קומען אין די שפּעטע שעהן אין באַר מיט די פאַרשטעלטע ליכטער. מ׳האָט געטאַנצט אין טיפן זאַל, צו דער מוזיק אין סורדין, צום טאַקט פון רוישיקן סאַקסאָפאָן פון די צוויי לאַנגע נעגערס. זי האָט געוויינלעך פאַרנומען איר ווינקל הינטער די שווערע פאָרטיערן, אומרואיק געבליקט צו דער דריי־טיר. זי האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט פאַרן יונג דזשאָ. ער האָט זיך נאָך פון צייט צו צייט באַוויזן.

— גיי... — האָט זי געצישעט — כ׳זאָל דיך מער נישט אָנקוקן...

און ער האָט געלאַכט מיט זיינע שיטערע ציינער, געהייסן זיך נאָך סערווירן אַ וויסקי ביים צינק. ס׳האָט מער נישט געפעלט, ער זאָל זיך דערוויסן וועגן דערשראָ־קענעם יינגל גאַבי. זי האָט אים אויסבאַהאַלטן אויבן, איבער דער גאַלעריע.

און איר אַליין האָט זיך שוין דעמאָלט געדאַכט, אַז זי האָט זיך געעלטערט, אַז זי געהערט שוין צו אַן אַנדערן דור. אַזוי אומרואיק איז זי געווען, ווען גאַבי האָט זיך עטלעכע אָוונטן נישט געוויזן ביי איר.

2.

באַלד נאָך דער פייערלעכער צערעמאָניע האָט זי געגעבן אַ נעם געטון אונ־טערן אָרעם און איז מיט אים אַרונטער צום בולוואַר. שוין יאָרן לאַנג, אַז זי האָט זיך דאָ נישט געוויזן. ס׳איז מער נישט געווען דער בעלוויל פון אַמאָל. מ׳האָט אַ סך יידן דעפּאָרטירט. דאָ איז איצט געווען אַ קאַפע פון אַלזשעריאַנער און טוניסער יידן, וואָס האָבן אין די לעצטע יאָרן אָנגעפּילט די געסעלעך און די אַלטע האָטעלן. ס׳איז אויפגעגאַנגען אין איר עפּעס אַן אַלטער אומעט. ס׳האָבן צוריק געזונגען אין איר אַלטע, אוראַלטע מעלאָדיעס. זי האָט זיך פּלוצים אַ זאָג געטון : כ׳בין אַוועק פון די מייניקע, אַביסל צו וויט אַוועק. אָבער גאַבי איז יונג, ער דאַרף זיך צוריק־קערן. צו אַזאַ מאָדנעם געדאַנק איז זי געקומען.

זיי זענען דערנאָך לאַנג געזעסן אין דער ראַגאָוער ביסטראָ. זי האָט דאָס גלעזל קאָניאַק אַ נעם געטון מיט אירע דיקלעכע פינגער, באַלייגט מיט רינגלעך. די נעגל — גרעל־רויט. איר האַנט האָט אונטערגעציטערט. אירע דיקלעכע ליפּן

האָבן זיך אויסגעשרויפט. אין איר פאַרנאַשט קול האָט זיך געהערט אַן אומעטיקלעכע נאַטקע. דאָס האָט זי דאָס ייִנגל געפּרוווט אַריינפירן אין דער אַרטיסטישער וועלט, צווישן די יונגע וועדעטן, וואָס זוכן צו מאַכן קאַריערע מיט זייערע גיטאַרעס און פאַרבלאָזע שטימען, וואָס קלינגען פאַלש. זי האָט גערעדט צו אים:

— וואָס פאַרא לידער זינגען זיי דען ? ליבע... „אַמור־טוזשור״... ווען דו ווייסט, גאַבי, וואָס אין אונזער האַרץ טוט זיך אָפּ. אונזערע ייִדישע לידער דרינגען אַריין אין האַרץ. זיי טאָרן נישט פאַרגעסן ווערן...

ווייל זי האָט זיך דערמאָנט די ווייט־פאַרקלונגענע געזאַנגען אין דער וואָרע־מער פריילינג־נאַכט, אין הויז ביים טאַטן, פּסח ביים סדר. זי אַליין האָט, נישט ווּיסנדיק אפילו, אַריינגעוועבט יענע מעלאָדיעס אין איר געזאַנג; פּונקט ווי אין אירע אויערן האָט נאָך געקלונגען דאָס געדיכטע ייִדישע לשון פון די ייִדן אין דער קאַפע ביי איר טאַטן, יאָסל פּראַגער, ווען ער איז געשטאַנען מיט די פאַרקאָשערטע האַרי־קע הענט הינטערן טומבאַנק, אין דער פאַרשמירטער בלוזע, געווישט די פעטע פינגער, פון שניידן די פעטעצן אויפשניט און קנאָבל־ווורשט.

פאַרן ייִנגל האָט זי געהאַט אַ פאַרלאַנג צו עפענען איר האַרץ, אַז דאָס פאַרפירע־רישע ליכט פון די בינע־פּראָזשעקטאָרן איז נישט מער ווי אַן אילוזיע. אָבער זי האָט אים מער נישט געוואָלט באַאומרואיקן, נישט דערציילט אים וועגן יונג דזשאָ, וואָס קומט ציען ביי איר געלט, מאַכן סקאַנדאַלן.

— אונזער געזאַנג קומט פון גאָר אַנדערע קוואַלן — האָט זי גערעדט צו אים אומעטיקלעך — אונזער בענקשאַפט, אונזער ווייטיק... דו ביסט אַ פויגל פון אַן אַנדער נעסט...

זי האָט זיך דערבליקט אין פאַרהויכטן שפּיגל און איז געוואָרן אומרואיק. זי האָט גענוצט אַלערליי קאָסמעטישע שמירעכצן, איילן, אויפצוהאַלטן פריש איר מאַטע הויט. די וואָסערלעך האָבן געמאַכט אויפלויכטן אירע אַביסל אויסגעשרויפּ־טע אויגן, אָבער איר פאַרנאַשט קול האָט נאָך אַלץ אָפּגעגעבן די אַמאָליקע פריש־קייט, זינגענדיק די פאַרשייטע לידער אויף דער קליינער בינע אין ליכט פון די פּראָזשעקטאָרן.

ער האָט זיך אַביסל געוואַקלט און פאַרט צוגעהערט זיך צו אירע רייד. ער איז אַוועק צו די, וואָס זוכן זייער אייגן לעבן, אין דער מיט פון אַ פרעמדער וועלט. אָבער אויך אין רש״י־צענטער, צווישן די ייִדישע פּראָפעסאָרן, סטודענטן זענען זיי ס׳רוב געווען אַביסל נאָסטאַלגיש. טייל האָבן פאַרגעזאָגט דאָס פאַרשווינדן פון דעם, וואָס האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס שענסטע אין דער געשיכטע פון יודאַ־איזם, די ייִדיש־קולטור; כאָטש עס זענען דאָרט אַפילו אויך געווען ייִדיש־קורסן אויף די פאַקולטעטן. אָפּגעפרעמדטע, איז ביי איינצלנע פון זיי פלוצים געוועזן אַ גרוי־סער אינטערעס צוריקצוגעפינען זייער אידענטיטעט.

— מיר דערוויסן זיך — האָט איינער אַ בחור מיט ווילדע קרייזלעך זיך אָפּן מודה געווען — אַז אונזערע עלטערן האָבן געטראָגן מיט זיך אַ גרויסע אוראַלטע ציוויליזאַציע.

— יידיש — האָט זיך איינער גע׳עקשנט — קען נישט פאַרלוירן ווערן, פונקט ווי דער טיפער גלויבן, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט נישט פאַרשווינדן.

כאָטש ער האָט צוערשט נישט געוואָלט הערן זשאַקלינס זאָג, ער זאָל אָוועקוואַרפן די נאַרישע יע־יע־ און פאָפּ־לידלעך, וואָס זענען נישט מער ווי אַ זייפנבלאָז, איז אַלץ שווערער געוואָרן צווישן אַזאַ אָנגעלויף פון יונגע שאַנסאָניערן. ס׳איז מער נישט לייכט געווען אַריינצוקריגן זיך אין פאַרמאַכטן קרייז פון די דיסקן־פּראָדוקטאָרן. ס׳האָבן זיך געריסן אַהין אָן אַ שיעור נישט־דערגאַנגענע סטאַרלעטן. מ׳האָט אויך באַדאַרפט האָבן „ברייטע פּלייצעס״, פּראָטעקציע. די מיידלעך, דער עיקר, האָבן באַדאַרפט עמיצן געפעלן ווערן. זיינע צוגעקליבענע ווערטער, ריטמען, זענען, דוכט זיך, געווען ניי. ער האָט אַליין נישט געוווּסט, אַז ס׳איז אין זיי עפּעס אַ געמיש פון ווייטע, פאַרקלונגענע יידישע מעלאָדיעס, וואָס ער האָט אַמאָל, שוין זייער לאַנג, געהערט צווישן יידן. אָבער ס׳איז אויך געווען אַן אָפּקלאַנג פון הפקרן געשריי פון לאַטייניש קוואַרטאַל, ווו ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט. אַ שלאַנק ייִנגל מיט אַ רויטלעך שויבערל, האָט ער געצויגן די בליקן אויף זיך מיט זיינע שיין־געשניטענע ליפּן, מיט די שאַרף־איינגעשניטענע פּאַוואַריטן אין די מאָגערע באַקן. די יונגע ווע־דעטן, גרייט צו אַלע קליינע אַוואַנטורעס, האָבן געקלעפּט צו אים. ער האָט זיך אויף זיי כמעט נישט אומגעקוקט. אָבער זשאַקלין דירי האָט עס געמאַכט אַביסעלע אומרואיק. אַז ער האָט זיך נישט געוויזן עטלעכע אָוונטן, האָט זי אים לייכט, כאָטש שמייכלענדיק געפּעטשלט:

— כ׳זע, גאַבי, די מיידעלעך פאַרדרייען דיר שוין דעם קאָפּ...

ער איז איר שטום נאָכגעגאַנגען. ער איז געוויינלעך שטום געקומען אָוועקזעצן זיך אין אַ ווינקל ביים קאָנטואַר, אין פאַרשטעלטן ליכט פון די אַבאַזשורן, גע־זויגן די סיגאַרעטלעך, פון צייט צו צייט אַ זופּ געטון פון גלעזל, נאָכגעקוקט זייטיק די האַלב־נאַכטיקע געסט. ער האָט זיך שוין דעמאָלט אומגעקערט פון די יידישע יוגנט־קרייזן, מיט זייערע פאַרפּלאָנטערטע דיסקוסיעס און פּראָבלעמען. ער האָט זיך אָפילו געלאָזן וואַקסן אַ באָרד, אַ רויטע, ווילדלעכע באָרד פון אַ געטאָ־ייד; אין די צעאָדערטע בלודזשינס, אין צעכראַסטעטן העמדל, האָט ער אויסגעקוקט גאַנץ אָרי־גינעל. ווען זשאַקלין האָט אים דערזען אין אַזאַ הילוך, האָט זי אויסגערופן:

— כ׳זאָל אַזוי לעבן, גאַבי, ווי דו זעסט שוין באַלד אויס ווי דער באַרימטער רב פון לאָס אַנזשעלעס, מיט דער גיטאַרע... ער טרעט דאָרט אויף אין זיין לאַנגן טראַכט, אַקאָמפּאַנירט זיך אַליין די שיינע יידישע לידער, חסידישע געזאַנגען און יום־כיפּור־תּפילות, וואָס כ׳געדענק נאָך פון דער היים ביים טאַטן מיינעם...

ס׳איז געווען אין דער לופט — אַ געמיש פון מאָדערנעם מיטן אַלטן. ס׳איז דאָרט, אין רש״י־צענטער, צווישן די פאַרשיידענע ריכטונגען, שיטות, טענדענצן, דערגאַנגען צו סקאַנדאַלן, צו געשלעגן. צווישן די ציוניסטיש־געשטימטע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט לינקיסטן, אָפילו פּראָ־אַראַבער. דאָרט זענען געווען נאָך אַנדערע, מיט ווילד־צעוואַקסענע בערד, טיף־שוואַרצע, פּיר־קאַנטיקע, ווי מען זעט עס אויף די אַלטע אַסירישע באַרעליעפן. צווישן די לעקטאָרן, איז דאָרט איינמאָל אַראָפּגעקומען אַן אָריגינעלער טיפּ. ער איז דערשינען אויף דער עסטראַדע, ווי אַרויסגע־

שוומען פון הינטער די פאַרהאַנגען, לאַנג און שווייגנדיק איינגעקוקט זיך אין געדיכטן, אַנגעלאָפּענעם עולם, ווי ער וואָלט זיי אַלע היפּנאָטיזירט. „אַן אַרטיסט, אויף מיין וואָרט... — האָט זיך גאַבי באַלד געכאַפּט — ער ווייס ווי צו נ ע מ ע ן דעם עולם"... מ'האָט אומגעדולדיק געפּאַטשט מיט די הענט, און יענער האָט זיי אַלץ שווייגנדיק דורכגענומען מיט זיין שאַרפן בליק. דערנאָך האָט ער גענומען מאַכן מאָדנע העוויות מיט די הענט, וואַרפן אין זאַל אַריין קורצע פראַזן — „דער גאָט פון אונזערע אבות... אוישוויץ איז אין אונז גופא... לאָמיר גיין צו דער נירוואַנאַ"...

דער עולם איז אַריינגעפאַלן אין אַ מין ווילדן טראַנס. צעפלאַשעטע מיידלעך, מיט ווילדע שויבערן, אין בלודזשינס, האָבן זיך געריסן צו אים אויף דער טריבונע נאָך דעדיקאַציעס אויף זיינע ביכלעך. אָבער פּונקט ווי ער האָט זיך באַוויזן, אַזוי פּלוצים איז ער פאַרשוווּנדן.

ס'קליינע יידישע מיידל רעזשין, וואָס ער האָט זי דאָ באַקענט, האָט אים, גאַבין, איין מאָל מיטגערופן אויף אַ קאָנפערענץ. ערגעץ אונטן, אין אַ קאַפע־קאַבאַרעט, אויף די בולוואַרן, האָט געקלאַפּט אַ דזשאַז־אָרקעסטער. פייפלעך זענען זיך פאַרגאַנגען אין אַ דינעם קוויטש, אַ טאַם־טאַם האָט צוגעבאַסעוועט מיט ווילדע קאָלות פון די קאָלאַניעס. און אויבן, אין רויך פון סיגאַרעטלעך, האָבן זיי דאָרט דעם גאַנצן נאָכמיטאָג, ווען דער ווינטערדיקער נעפּל איז צוגעפאַלן צו די שויבן, געבראָכן זיך דעם קאָפּ, געוואָלט פאַרשטיין ווי אַזוי מען נעמט אויף היינט צו טאָג — יידישקייט. די איבעריקע האָבן זיך אויסגעלאַכט פון די אַלע זוכענישן. זענען געגאַנגען דעם גאַנג פון — פאַרשווינדן.

דאָס האָט אים אויך די קליינע רעזשין געבראַכט צווישן די, וואָס זייער געמיט איז טיילמאָל שווער געווען. ס'איז געווען אַ קרייז פון יונגע סאָציאַליסטן, דערצויגן אַמאָל אין יידישע יתומים־הייזער באַלד נאָך דער מלחמה. ס'איז געווען אַ זומער־קאָלאָניע נישט ווייט פון פּאַריז. מ'האָט זיי דאָרט געלערנט אַ יידיש לידל, אָנשרייבן אַ יידישן אות. ס'איז געווען אַ גרויסע זאָרג פאַר זייער דערציאונג. און וואָס האָט זיך דען באַקומען ? זיי זענען אַלע דערנאָך אַוועק צו אַ פרעמדער, נישט־יידישער וועלט, מיט זייערע שטודיעס און פּראָפּעסיעס. ביי אַ טייל פון זיי איז אָבער דאָך פאַרבליבן עפּעס אַ ווייטע, אומקלאָרע בענקשאַפט. דאָס געוויסן האָט טיילמאָל אַ פייניק געטון. זיי האָבן פּלוצים אַנטדעקט — אַן אויסגעקווילעטע, אונטערגייענדיקע ציוויליזאַציע; און זיי — וואָס פאַראַ פראַנצויזן זיי זיי דען אין תוך, ווען זיי הערן הינטער זייערע פּליינצעס : „איר... די אייעריקע"... אויך דאָס האָט זיי אפשר צוריקגעפירט אַהער. די מערסטע האָבן אָבער אינסטינקטיוו דערפילט — מען דאַרף זיך פאַרלירן אין דער מאַסע, אויסמישן זיך, זיין גלייך ווי אַלע, מ'זאָל נישט וויסן. נאָר איינצלנע האָט עס צוריקגעפירט צום שורש; כאָטש זיי האָבן נאָך געצווייפלט :

— רעשטלעך... זיי וועלן מיט אַ דור שפּעטער סיי ווי פאַרשווינדן...

— אויב מען וועט אייך דאָ לאָזן איבערלעבן אַ רואיקן דור...

די קליינע רעזשין, אַ געשיכטע־לערערין, האָט זיך אָפנהאַרציק מודה געווען פאַר גאַבין, ווען ער האָט זי שפּעט אין אָוונט צוגעפירט צום טויער :

— איצט פאַרשטיי איך. כ'האָב געקוקט מיט אַביסל מיטגעפיל אויף מיין מאַמען. כ'האָב געמיינט, ס'איז עפּעס אַ ווילדער געמיש, א דיאַלעקט, אַ זשאַרגאָן. זאָלסט אָנקוקן די פּאַליצעס ביכער ביי אונז. כ'וואָלט זיי אַזוי געוואָלט דעשיפרירן.

זי איז אפשר קלוגער געווען פון זיין אַלעמען, די קליינע. דווקא דורכן בלייכן, אויפגעשאָסענעם מיידעלע מיט די צעפּלעך, האָט זיך עפּעס באַקומען, אַז ס'איז אַלץ — אילוזיע. די מאַמע אירע איז געקומען אַנצוציען אַהער מיטן קינד פון ווייטן, סאָוויעטישן מיטל־אַזיע, מיט די עוואַקואַציע־עשאַלאָנען, דורך פּוילן, דורך די די.פּי.־לאַגערן אין דייטשלאַנד. דאָס ראַכיטישע קינד האָט זי ממש אַרויסגעריסן פון אַלע קרענקען. ס'איז אָבער ביי אַלעמען מאָדנע געווען צו דערהערן ווי אינם מויל פונם מיידעלע קלינגט נאָך אַזוי פריש און זאַפטיק דאָס זינגענדיקע יידישע לשון. ווו האָט מען דען געזען, אַז אַ יידיש קינד אין פּאַריז זאָל אַזוי שיין אַרויסרעדן אַ יידיש וואָרט ?

די קליינע איז שוין דאָ געגאַנגען אין ליצעי, זייער שנעל געכאַפּט דעם באַ־זונדערן געזאַנג, דעם ריטם, דעם באַזונדערן תוך פון פרעמדן לשון. ס'דאַרע מיי־דעלע האָט זיך געהאַט אַנגעגאַסן מיט פרישע זאַפטן, איז געגאַנגען טאַנצן מיט די חברטעס פון קלאַס. די מיידעלעך האָבן שוין געהאַט זייערע סודות. דורך די נעכט האָט אַ העליש פייער געברענט אין די יונגע געבלוטן אויפן הייסן געלעגער. פּונקט ווי זי איז פאַרטראַגן געווען אין די ביכלעך. די צוויי צימערלעך אויפן הויכן שטאָק זענען געווען אָנגעפּילט מיט יידישע ביכער. עס זענען געקומען אַוועקזעצן זיך ביי אַ היימיש גלעזל טיי יידן. זיי האָבן גערעדט וועגן יידישע צרות, יידישע קולטור־נויטן. די קליינע האָט אונטערגעהערט ווי זיי האָבן דאָרט איינגעטענהט :

— מיר פאַרלירן דאָס געמיינזאַמע לשון מיט אונזערע אייגענע קינדער. זיי רייסן זיך אָפּ אויך פון אונזער וועלט, פון די טראַדיציעס. אַזאַ אָפּפרעמדונג פון אייגן בלוט און פלייש געשעט נישט ביי קיין שום פאָלק. מיר האָבן זיך אויך גע־קריגט מיט אונזערע אָבות, אָבער מיר האָבן מיטגעטראָגן זייער וועלט אין זיך...

די קליינע האָט די אַלע הייסע רייד פון די לייט מיט די טיפע שטערנס, אויס־געביסענע שעוועליורעס, די הילפלאָזע טענות, שוין גוט געקענט. זי האָט די גע־רעכטע אַרגומענטן זייערע אַליין געקענט פאַרטיידיקן און פּונקט אַזוי — אַלץ אָפּ־וואַרפן; אַז מיר לעבן אין אַ וועלט, וואָס וויל אונז נישט, אַז קעגן דער נאַטור איז שווער צו גיין. די מיליאָנען יידן, וואָס האָבן דאָס לשון און די קולטור געטראָגן מיט זיך, וועט מען שוין צוריק נישט לעבעדיק מאַכן.

פונדעסטוועגן האָט די קליינע די קאָמפּלימענטן אויף איר קלינגענדיקן יידיש צוגענומען, אַביסל קאָנפוז, האַלב־פאַרשעמט, נישט אומצופרידן. זי האָט אָבער ווייטער שטיל געטראָגן אין זיך אירע אייגענע שווערע טראַכטענישן. זי האָט נישט געוואָלט ווי טון דער מאַמען. ווייל ביי דער מוטער איז דאָס האַרץ שווער געווען,

זייער שווער. עפּעס האָט זי מיטאַמאָל דערפילט, אַז דאָס אייגענע טעכטערל דער־זאָגט נישט אַלץ. זי האָט געפּרוווט אַ רעד טון מיט דער טאָכטער:

— אַצינד וואַרטן שוין די, וואָס קומען אַרויס פון אונזער אייגענעם דיך, אַרויסצורייסן פון אונזער מויל דאָס לעבעדיקע לשון. אין בעסטן פאַל — צו קאָנ־סערווירן עס אין די מוזייען...

— די געשיכטע אייערע איז אַזאַ...

— שמד ביי די רעפאָרמירטע יידן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „קליינער פאַרמאַליטעט", נאָר נישט — ביים דערדריקטן, אָבער שטאָלצן ייד פון פוילן און רוסלאַנד. ס'איז ביי זיי געווען אַ סך מער ווי אַ רעליגיעזער ענין. ס'איז געווען די פאַרשעמונג צוליב די, וואָס פאַרלאָזן די אייגענע עדה און לויפן פּחדנותדיק אריבער אין דער מחנה פון די אונטערדריקער, פון די שטאַרקערע. זיי האָבן זיך געזעצט שבעה, זיי האָבן אָנגעצונדן שוואַרצע ליכט...

אַ האַלב־דערוואַקסן מיידל שוין, האָט זי געוואַגט קעגנאיבער דער מוטער:

— נאָך וואָס איינרעדן זיך מיט אילוזיעס? זיי ווייסן נישט און ווילן גאָרנישט ווייסן, די יוגנט פון אונזער דור. זיי האָבן דאָס געפיל פון אַנטלויפן. זיי ווילן מער נישט ליידן פאַר אַ זאַך, וואָס איז זיי פרעמד. די נישט־יידישע וועלט נעמט זיי דאָ אויף ווי גלייכע...

דאָס יינגל גאַבי האָט אָבער צוריק אויפגעוועקט אין דער קליינער אַלטע סענ־טימענטן, זינט ווען זיי האָבן זיך באַקענט. ער איז געווען באַרוישט פון אירע קלוגע רייד וועגן אונזער יידישן גורל, זי האָט דאָך געוווסט אַ סך מער פון אים. און זי האָט אים איין מאָל געפירט צו דער מאַמען אין הויז אַריין. ס'איז געווען אַן אַלט הויז אויפן אַ הויכן שטאָק. ס'איז געווען פרייטיק־צונאַכטס. די מוטער האָט גע־בענטשט ליכט, לאַנג פאַרשטעלט דאָס געקנייטשטע פּנים, איז זי געשטאַנען און גע־פּרעפּלט אַ תּפילה. ס'ערשטע מאָל האָט ער אַזוינס געזען. דערנאָך איז די אלטע אַוועק אין קיכל, געברענגט פיש, יויך מיט לאָקשן. מען האָט געגעסן שוויגנדיק און פייערלעך. ס'איז מיטאַמאָל געהאָנגען עפּעס אַן אומבזעבאַרע יומטובדיקייט איבער די צוויי ענגע צימערלעך. רעזשין איז געווען פאַרפלאַמט. אירע אויגן האָבן געגליט. זי האָט געהאָלפן דער מאַמען אַראָפּרוימען פון טיש, צעוואַשן די כלים. דערנאָך זע־נען זיי געזעסן אויפן נידעריקן דיוואַן, און די מוטער האָט געלייענט פאַר זיי די דיכטונג פון אַלטע ביכער.

— מ'קען די לידער אויך זינגען? — האָט גאַבי געפרעגט.

— אַוודאי. מ'האָט די לידער געזונגען אַמאָל, אין אונזערע שטעטלעך...

און רעזשין מיט דער מאַמען האָבן געזונגען — וועגן יידישע בענקשאַפטן, יידישע צרות און האָפענונגען. ס'האָט אים מאָדנע פאַרכאַפּט. ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט נישט מיט זיך די גיטאַרע, ער וואָלט זיי באַגלייט. ווי ווייט דאָס אַלץ איז געווען פונם קאַבאַרעט, פון די פּוסטע רייד אין די קאַפייען, פון די אַלערליי ליבקיסטן, אָבער זשאַקלין? — ווי אַזוי וועט ער זיך פאַר איר פאַרענטפערן? ער

האָט געזען איר זינקען. זי ווערט אַלט. זי האָט אפשר איר לעבן געפּטרט. און דאָ האָט ער געפונען עפּעס ריינס, באַשטענדיקס, דורותדיקס, וואָס ער האָט געזוכט און וואָס פיל פון די יונגע מענטשן זוכן און געפינען נישט.

אָט זענען זיי אַרויס פונם מיוזיקל „דער פידלער אויפן דאַך", און ער האָט אַ פרעג געטון ביי איר, ביי רעזשין: „ווער איז ער, דער שלום עליכם ?". דער חורבן, דאָס גרויסע אומגליק איז נאָך אַזוי נאָענט געווען, און זיי, די קינדער פון די אומגעקומענע, האָבן שוין גאָרנישט געוווּסט, גאָרנישט געוואָלט וויסן.

גאַבי איז אַוועק צו איר, און דאָס האָט זי טאָקע, זשאַקלין דירי, אויסגעפונען די אַלטע געביידע, אויף די פּעריפעריעס פון הויכן בעלוויל, אונטערגעשפּאַרט מיט סלופּעס. ס׳איז געווען אַ געוועזענע פאַבריק־האַליע, אָדער גאָר אַ פאַרלאָזענע ווע־שעריי, ווו די אָרעמע פרויען פון קוואַרטאַל זענען געקומען אויסוואַשן אַביסל וועש. גאַבי מיט דער חברה האָבן זיך דאָ פאַרקליבן, אויפגעשטעלט אַ פּראָוויזאָרישע בינע, צעשטעלט רויע בענק. די האַנט־געשריבענע אַפישן האָבן אין גיכן גערופן צו קומען הערן דעם היפּי־זינגער פון יידישן פאָלקלאָר, באַגלייט פון אַ גיטאַרע.

דער זינגער, דאָס איז געווען — גאַבי. אין די אָפּגעשליסענע בלודזשינס, האָט ער זיך פאַרקליידט אין אַ חסידישער קאַפּאָטע, אָנגעטון אַ קאַלפּאַק, די רויטע פּיאות צעפלאָטערט, און האָט זיך באַוויזן אויף די ברעטער מיט דער אָנגעהאָנגע־נער גיטאַרע. ס׳איז געווען אין זייערע אַלעמענס אויגן — ניי. ער האָט געזונגען די אַלטע יידישע לידער, פאַרגאַנגען זיך אין התלהבותדיקער חסידישער נגינה. דעם זאַל האָט אָנגעפילט אַ יידישע און נישט־יידישע יוגנט. ס׳האָבן אַ שוועב געטון ווייטע, אוראַלטע מעלאָדיעס. זיי האָבן דערפילט די נאָסטאַלגיע פון אַ פאַרגייענדי־קער ציוויליזאַציע; ווי דער ירמיהו פון דער שטעטל־ציוויליזאַציע גיסט אויס זיין וויטיק פון אַ פאַרגאַנגען לעבן.

און די קליינע רעזשין איז געווען ביי זיין זייט. זי איז געווען פאַרפלאַמט. דאָס זענען געווען די יידישע ווערטער פון איר מאַמען. ס׳האָט אַדורכגעקלונגען אין די מעלאָדיעס אַ בענקשאַפט, נישט צום דעפינירן.

זיי האָבן אָבער נישט געוווּסט, ס׳יונגוואַרג, אַז אין אָט דער אַלטער געביידע, פאַרשטעקט אין פאַסאַזש, אויפן הויכן בעלוויל, וואָס איז שוין לאַנג אויפן פּלאַן אַראָפּגערוימט צו ווערן, און אַרום זענען שוין אויסגעוואַקסן נייע, פּילשטאָקיקע געביידעס פון בעטאָן, פון גלאָז, פון נעאָנען, איז אַמאָל געווען אַן אָרעמער, אַרומ־געשליסענער אַרבעטער־קלוב פון יידישע עמיגראַנטן. מ׳האָט דאָ אַפילו אַמאָל גע־שפּילט יידיש טעאַטער; ס׳האָבן געקלונגען יידישע רייד, יידישע געלעכטערן, יידי־שע זיפצן, יידישע האָפענונגען. דאָס איז געווען שוין לאַנג, פ אַ ר אַלע אונזערע אומ־גליקן, ווען די געסעלעך פון בעלוויל, אין די אַלטע האָטעלן מיט די פינטלענדיקע אָפּגעקראָכענע שילדן, האָט אָנגעפילט פּונקט אַזאַ יידישע יוגנט, אַנטרונען פון די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. אין זייער מויל איז דאָס יידישע וואָרט געווען פריש, זאַפטיק, קלינגענדיק.

זיי האָבן אין יענע יאָרן געהאַט פאַרבלאָנדזשעט אַהער, אויפן וועלט־יאַריד, ווי „בלינדע פּאַסאַזשירן", אומלעגאַל. ס׳איז פאַרביי אַ גאַנצער דור, און די יונגע

זענען אַנטלאָפֿן פֿון דער יידישקייט, וואָס ברענגט נישט קיין גוטס. אין די היימען פֿון די עלטערן זענען איבערגעבליבן ביכלעך, אַלטע בראָשורן. זיי האָבן זיך נאָך לאַנג געוואַקלט, נישט געוווּסט וואָס צו טון דערמיט. זיי האָבן געבלעטערט, אַריינ־געקוקט דערין און ס׳איז זיי נאָך אַלץ עפּעס אַ שאָד געווען אַריינצוּוואַרפֿן זיי אין מיסט.

3.

זיי זענען געגליכן געווען צו די, וואָס ראַנגלען זיך אין דער מיט פֿון צע־שטורעמטע וואַסערן, צו ראַטעווען זיך פֿון אַן אונטערגייענדיקער יידישער וועלט, וואָס וועט זיך שוין מער קיינמאָל נישט איבערחזרן. דאָס איז ביי אַ סך יונגע מענטשן געוואָרן מיט דער צייט — אינסטינקט. ס׳איז געווייינלעך געווען ביי זיי שמייכלענדיקער ביטול, אַביסל מיטגעפֿיל, צו די געעלטערטע לייט, מיט זייער געשיכטע, מיט זייער פֿאַרגרייזט לשון, צו די פֿאַרשטויבטע בראָשורן מיט די היעראָגליפֿן־אותיות, אין וועלכע דאָס אַלטוואַרג קלאַמערט זיך נאָך אַזוי פֿאַרגלויבט. אָבער עפּעס האָט דאָך טייל פֿון זיי פֿאַרט צוריקגערופֿן צו דער פֿאַרשווּנדענער וועלט פֿון זייערע אבות. ביי אַנדערע איז עס אויך געווען, אַז מ׳וויל, אַ פֿראַגע פֿון געוויסן; פֿאַרט, מ׳קען נישט אין גאַנצן אַנטלויפֿן פֿון זיך אַליין. רעדן אַ פּאָר יידי־שע ווערטער, הערן אַ יידיש לידל, איז אפֿילו געוואָרן ביי זיי — מאָדע.

שלעכט־איבערגעזעצטע יידישע פֿאָלקס־לידער, וואָס האָבן אַמאָל אַזוי שיין געקלונגען אין אונזער ליבער יידישער וועלט פֿון נעכטן, האָט מען איצט פֿון צייט צו צייט געקענט הערן אויף די עסטער־כוואַליעס אין ראַדיאָ, אין טעלעוויזיע. ס׳איז געווען — עקזאָטיק. אַ זינגערין פֿון אַ ווייטן יידישן אָפּשטאַם האָט מיט אַ רויער שטימע פֿון די פּאָפּ־לידלעך, צווישן די ווילד־פֿאַרוואַקסענע היפּיס, געזונגען „אַ יידישע מאַמע", „ביי מיר ביסטו שיין", אַפֿילו „אויפֿן פּריפּעטשיק"; און מאָדנע, ס׳האָבן זיך פֿאַרט צווישן די דזשונגל־קולות און פֿרעמדע האַוואַישע גיטאַרעס, דורכ־געריסן אין די טענער די הייליקע ווערטער:

ווען איר וועט, קינדער, עלטער ווערן,
וועט איר פֿאַרשטיין,
וויפֿל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפֿל געוויין.

דאָס האָט אומגעריכט איבעראַשט, אַפֿילו די יידן־אָפּגעפֿרעמדטע. דאָס אויער האָט טיילמאָל אויפֿגעכאַפּט פֿון די עסטער־כוואַליעס אַ סטיליזירטן, האַלב־פֿאַרגעסענעם חסידישן ניגון. ס׳האָט אַוודאי געקענט זיין פֿון די זיסע מאָדזשיצער ניגונים, פֿאַרבלאָנדזשעט מ׳ווייסט נישט ווי אַזוי, פֿון וואַנען. ער האָט אַמאָל, אין אַן אַנדערן גלגול, געטראָגן זיך, אָנגעלאָדן מיט התלהבות, מיט גאָט־ און היים־בענקשאַפֿט, פֿון אַ הינטערגעסל אין אַ שבת־פֿאַרנאַכט, פֿון ערגעץ א חסידים־שטיבל, צווישן אַן עדה אָרעמע, פֿאַרדאגהטע יידן, באַלמעלאָכעס, מיט אַ צעבראָכן יידיש געמיט. ס׳איז

שקיעהדיקע זון־זעצן־זיך, איידער דער ליבער שבת־קודש גייט אַוועק, איידער ס׳שטעלט זיך ווידער דער וואָכעדיקער עול, די גרויע, פּאָסנע וואָך; און ס׳האָט זיך אַזוי נישט געגלוסט צו צעשיידן זיך מיטן שבת, ווען אַלע ביטערע, וואָכעדיקע זאָרגן ווערן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, ווען מ׳איז איינגעהילט אין בלויז נשמה יתירה...

געווען אָבער אויך פלינקע יונגעלייט, ראַפּיגירטע, וואָס האָבן זיך באַלד געכאַפּט, אַז — ס׳איז אַן ענין. מ׳קען פון דער ירושה פון די פאַרשוואונדענע געטאָ־יידן ציען פּראָפיטן. ס׳איז עקזאָטיק. זיי זענען געגאַנגען און ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם קוואַרטאַל אָפּגעדונגען אַ קליינעם זאַל, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ קאַפּאָטע, אַ שטריימל, די לאַנגע קוטשערן פאַרדרייט אין פּיאות, און פון דער קליינער בינע, באַגלייט מיט אַ גיטאַרע, האָבן זיי געזונגען, אַביסל פאַלש, פאַרדרייט, די פאַרגרייזטע יידישע ווערטער. אַן אַנדערער, ווידער, אַ שטיקל לץ, האָט איבערדערציילט, מיט נאָכגעמאַכטע העוויות, יידישע וויצן, נאָכגעמאַכט דעם טיפּיש־יידישן אַקצענט, פאַרגרייזט אומישנע די ווערטער אין פראַנצויזיש, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ געלעכטער ביים עולם.

פּונקט ווי עס זענען שוין אויך געווען אויפן ביכער־מאַרק שלעכטע, אָדער בלאַסע איבערזעצונגען פון יידישע קלאַסיקער. שלום עליכמס פאָלקישער מענה־לשון האָט אָבער ביי קיינעם נישט אַרויסגערופן קיין שמייכל. ס׳איז געווען עפּעס אַ ווייטער נאָכקלאַנג פון אַ פאַרשוואונדענער וועלט. ווי מען וואָלט פון הינטער אַ פאַרשלאָסענער טיר געהערט אַ ווייטע, פאַרקלונגענע מעלאָדיע. די זאַפטיקייט פון אונזער וואָרט איז פאַרקריפּלט געוואָרן, אונזער אויסגעליטן יידיש וואָרט — הפקר.

ס׳האָבן זיך, אמת, באַוויזן יונגע סטודענטן, וואָס זענען געקומען נישטערן אין אַ יידישער ביבליאָטעק. זיי האָבן געזוכט די ספּעציפישע מאַטעריאַלן, צוצוגרייטן אַ טעזע פאַרן אוניווערסיטעט, וועגן אַ פאַרשוואונדענער ציוויליזאַציע.

די קליינע רעזשין האָט סיי ווי מער נישט אַזוי שטאַרק געגלויבט אין אַלעמען, וואָס ווערט פּראָקלאַמירט, אַז מען דאַרף די אַלטע יידיש־ציוויליזאַציע אָפּראַטעווען פון פאַרגעסונג. זי האָט געזען ווי דער גאַנצער יונגער דור גייט אַוועק פון אונז. פונדעסטוועגן האָט זי אויפן פייערלעכן צוזאַמענפאָר, צו זען ראַטעווען אונזער מערכה, גענומען אַ וואָרט, נאָך די רעדעס אין דער דיסקוסיע. זי האָט זיך שטאַרק געחנדלט מיט איר ליטוויש־פאַרצויגענעם יידיש רעדן, וואָס זי האָט געבראַכט פון איר מאַמעס הויז, אַז : מען דאַרף דערציען איבערזעצער, אַז מען דאַרף שאַפן אַ סעמינאַר פאַר יונגע לערער. פלענער, פלענער, וואָס בלייבן אַלעמאָל נישט מער ווי פלענער. זי האָט גיכער מסתמא געטראַכט דערביי וועגן דער אייגענער קאַריערע, צו שטייגן אויפן לייטער פון די אינטעלעקטועלע אוניווערסיטעט־גראַדאַציעס, וואָס פאַרזיכערן אַ סאָלידן לוין, אַ סאָלידע צוקונפט.

אירע פּאַטעטישע רייד האָט מען אַפּלאָדירט. ביי די געעלטערטע לייט מיט די גרויע קעפּ האָט זי אַרויסגערופן אַ שטיקל טרייסט־געפיל, אַז אפשר איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן. זי האָט חנוודיק אַ וואָרף געטון דעם לאַנגן שויבער און זייער באַשיידן אַראָפּגעלאָזן זיך אויף דער שטול אין די הינטערשטע רייען. זי האָט שטיל

אין זיך געוווסט, אַז פֿון די אַלע פֿייערלעכע רייד און רעדעס, וויסנשאַפֿטלעכע באַגרינדונגען, פֿאָרשונגען, וועט זיך גאָרנישט אויסלאָזן.

זי האָט זייער דין געשמייכלט, און זעלטן ווער ס׳האָט פֿאַרשטאַנען איר דינעם שמייכל. זי איז, צוזאַמען מיט גאַבין, איינמאָל אַרויפֿגעקומען אין דער יידישער ביבליאָטעק. אַלע צימערן באַשטעלט מיט פּאָליצעס יידישע ביכער. ס׳זענען געקומען אַהין עלטערע לייט נישטערן, טוישן אַ בוך. זיי האָבן אויפֿגעהויבן די קעפּ און דערזען אויף די ווענט די פּאָרטרעטן, די פֿאַרגייסטיקטע פּנימער פֿון יידישע שרייבער. דער ביבליאָטעקאַר האָט פֿונדעסטוועגן געוואָלט וויסן ביי זיי:

— פֿאַרוואָס האָט זיך מיט אַ מאָל אויפֿגעוועקט אין אייך דער אינטערעס צו דער יידיש־ציוויליזאַציע?

רעזשין האָט געוווסט וואָס צו ענטפֿערן, און ס׳האָט זיי דאָרט זייער געשמייכלט. באַלד דערנאָך איז זי צוזאַמען מיט גאַבין אַרונטער. זיי האָבן זיך אין יענעם זומער אַרומגעפֿירט ווי די קינדער. גאַבי האָט זיך שוין איצט זעלטן ווען געוויזן אין נאַכטלאָקאַל ביי זשאַקלין דירי. יענע האָט סיי ווי דערפֿילט, אַז דאָס יינגל גייט אַוועק פֿון איר. אין זיין צעשטרייטן בליק האָט זי צוריקגעפֿונען — פֿאַרליבטקייט, אמונה. זי איז אַרונטערגעקומען פֿון דער גאַלעריע אין האַלב־פֿינצטערלעכן זאַל, אין איר שטוב־ראָק מיט די פֿאַרביקע פֿייגל, מיטן סיגאַרעטל אין מויל. זי האָט געהאַט טונקעלע ראַנדן אַרום די אויסגעשרויפֿטע אויגן, ווי זי וואָלט נישט געשלאָפֿן נעכט. זי האָט אַוודאי אויך צופֿיל געטרונקען. איר שטים איז געווען פֿאַרענדערט, רוי, אָנגעשפּאָלטן, כריפּענדיק.

4.

ס׳האָט שוין באַלד געגרויט אויף טאָג, ווען די גרעלע, פֿאַרטונקלטע ליכטער אין זאַל האָבן זיך גענומען לעשן. די לעצטע געסט זענען אַוועק, די באַר־לייט, די באַדינונג איז פֿאַרשוווּנדן. דעמאָלט איז זשאַקלין, מיט מידע שפּרייזן אַרויף די שמאָלע, זייטיקע טרעפּלעך צום אויבערשטן גאָרן. דאָ, אויף דער גאַלעריע, איז געווען איר קליינער, אינטימער בודואַר. נישט קיין גרויס צימער, אַ סאָפֿע, אָן אַ שיעור קישעלעך, טיף פֿאַרצויגענע פֿאָרטיערן, אַ קליינער באַר. זי האָט אַן עפּן געטון, עפּעס דאָרט אויסגעטרונקען, פֿאַרצויגן אַ סיגאַרעטל, געבלאָזן דעם אַראָמאַטישן רויך צום נידעריקן סופֿיט, און מיטן בלויען רויך איז דער אומעט אַלץ מער געשטיגן אין איר געמיט. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערפֿילט אַליין, נאָכן גאַנצן פֿרייִלעכן גערודער אַרום איר. אין אָט דער פֿאַרהוילענער טיר הינטער די פֿאָרטיערן, דורכן הינטערשטן אַריינגאַנג, האָט זי אַלעמאָל געפֿלעגט צו דערהערן די דיסקרעטע קלעפּלעך פֿונם יינגל, און איז מיט פֿלאַטער געקומען אויפֿמאַכן. אָבער קיינער איז מער נישט געקומען קלאַפּן.

זי איז אַ ווײַלע שטיינגעבליבן ביים פֿאַרהויכטן שאַפֿע־שפּיגל, אין ראָזן פֿאַרטונקלטן ליכט פֿון אַבאַזשור. זי האָט דערזען איר האַלב־אָפּגעדעקטן, אָנגעקוואָלע־

נעם לייב, די בלויע רינגען אונטער די אויגן. אַ בענקשאַפט נאָך יענע ווייטע יאָרן אויפן בעלוויל איז איר קאַפּויער געקומען, ווי ס׳געשעט מיט איר די לעצטע צייט. פון דאָרט האָט זי איינמאָל פאַרבלאָנדזשעט צו דער פרעמדער וועלט פון שאַרפע בינע־ליכטער. זי האָט זיך דערמאָנט אין יענעם קליינעם טעאַטער־זאַל „פּאַלי בעל־וויל״, צווישן די קאַפּייען פון פּשוטן פאָלק. אַהין פלעגט אַמאָל אַראָפּקומען אַ פאַר־בלאָנדזשעטע אַקטיאָרן־טרופּע, וואַנדערער פון דער גרויסער יידישער וועלט, שפּילן אַ יידישע מעלאָדראַמע. ס׳זענען אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג געקומען אָנפּילן דעם ענגן זאָל די זעלבע צעשטרייטע בעלווילער יידן, וואָס האָבן אָנגעפּילט די האָטעלן, די קאַפע „דאָס ליכט פון בעלוויל״ ביי איר טאַטן. דער טאַטע האָט זיך אויך מיטגע־שפּאַרט מיט די יידן. ער האָט זיך מחיה געווען צווישן היימישן עולם, געשיילט צוזאַמען מיט זיי יאָדערן און אָנגעקוואָלן פון די „מאָראַלישע״ יידישע טעאַטער־לידלעך. זי איז איין מאָל אויך מיטגעגאַנגען מיטן טאַטן אין אָרעמען יידישע טע־אַטער; כאָטש קיין יונגע מענטשן איז דאָרט כמעט נישט געווען צו זען. יידן און יידענעס האָבן זיך געשפּאַרטביים אַריינגאַנג, געמאַכט גערואַלדן, געלאַכט, געקריגט זיך איבער אַ פּלאַץ נאָענטער צו דער בינע. זי איז געזעסן לעבן טאַטן, געהערט פון דער בינע יידישע רייד, יידישע לידער. דער עולם האָט הילכיק געקלאַפּט מיט די האַנט־פלאַכן. זי האָט אַפילו געקענט נאָכזינגען די לידער. זיי האָבן עפּעס אויסגע־דריקט דאָס שווערע געמיט פון אַט די לייט, פון אַן אַנדער עקזיסטענץ. אָבער ווען מ׳איז אַרויס אין דרויסן, אויפן בולוואַר בעלוויל, איז פּלוצים געווען — אַ ווייטע, פרעמדע וועלט.

די פרעמדע וועלט, ווייט פון די היימישע יידן, האָט זי דערנאָך פאַרלאָקט. אַלע היימישע זענען דערנאָך פאַרשוווּנדן אין די וואַגאָנען, וואָס האָבן זיי געפירט צום אומקום.

דערפאַר אויך האָט זי דאָס יינגל גאַבי צוגערעדט ער זאָל זיך דווקא אומקערן צום פאַרשוווּנדענעם יידישן ליד, וואָס זינגט אין איר עד היום. זי האָט זיך אַלץ מער דערפילט פרעמד אין דער וועלט פון די ווערעטן, מיט זייערע קליינלעכע אינ־טריגעס.

זי האָט זיך געוויינלעך אויפגעכאַפּט שפּעט אין טאָג אַריין. פון הינטער די פאָרטיערן איז דערגאַנגען דער וואָכעדיקער אָפּהילך פון דער גאַס. שפּעט נאָך האַלבן טאָג האָט זי זיך אויפגעריסן, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן איינפּאַך, גרוי מענ־טעלע, שמאָל אין דיך, פון אונטערן בערעט איז אַרויסגעפאַלן אַ בלאָנד־געפאַרבטער לאָק. זי האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אין די קאַפּייען פון סען זשערמען דע פּרעי. דאָרט וועט זי אים אפשר טרעפן, גאַבין. אין די נאָכמיטאָג־שעהן זענען די טעראַסן געווען געדיכט באַזעצט. דורך די דריי־טירן האָט זיך געשפּאַרט אַן עולם יונגוואַרג, פאַר־וואַקסענע מיידלעך אין בלודזשינס, מיט צויטן, מיט צעוואָרפענע האָר־שויבערן. זי איז צוריק אַרויס. גאַבי איז דאָרט נישט געווען. זי האָט זיך אָבער פּלוצים דער־מאָנט און איז אַראָפּגעפאָרן צום אַמאָליקן בעלוויל, צו דער אַלטער געביידע, ווו ס׳איז אויפגעשלאָגן געוואָרן דאָס פּראָוויזאָרישע טעאַטערל.

דאָרט האָט זי אים דערזען אויף דער נידעריקער בינע. ער האָט געזונגען פאַרן געדיכטן עולם יונגוואַרג, באַגלייט מיט דער גיטאַרע, די אַלטע, אוראַלטע מע־לאָדיעס. זי איז געזעסן, אומבאַמערקט פון קיינעם, אין אויסגעלאָשענעם זאַל און געהערט די לידער, וואָס מ׳האָט זיי אַמאָל געפלעגט צו זינגען אין יידישן טעאַטער. זי האָט אָנגעקוקט די יונגע מענטשן אַרום זיך. וואָס האָט זיי געבראַכט אַהער ? זעט אויס, אַז עפּעס חזרט זיך דאָ איבער.

און נאָך איינער איז דאָרט געקומען אַוועקזעצן זיך אין דער שאַפּע, צווישן יונגוואַרג. ס׳האָט זיך נאָך אין פּאַריז אַרומגעדרייט אין די קאַפייען אַרום פּלאַס רע־פּובליק איינער פון די לעצטע געעלטערטע יידישע אַקטיאָרן, פאַרבלענדט פון די אַמאָליקע בינע־ליכטער אין די פאַרלאָזענע יידישע טעאַטער־קוליסן. אויך ער איז געקומען אויף טשעקאַוועס, אומישנע אַ קוק טון. אַ מאַן מיט אַ שיטערלעכער, אויס־געפליקטער לייבן־טשופּרינע. זיין הילכיקער טעמבער האָט נאָך אָפּגעגעבן מיטן עכאָ פון די אַמאָליקע ענג־געפּאַקטע פייערלעשער־שאַפּעס, אויף גאַסטראָלן אין די יידישע שטעטלעך אין פּוילן. ר׳איז דאָ פאַרבליבן פון די לעצטע פון אַ טעאַטער־טרופּע. סאָסיעטעס, געזעלשאַפטן האָבן אים טיילמאָל איינגעלאַדן, ער זאָל אַ זינג טון פון אַמאָליקן רעפּערטואַר, שפּילן אַ קאַפּיטל „טביה״, וואָס איז ביי אים פאַר־בליבן אומפאַרגעסלעך, ווי זיין קרוין־ראָלע; אָדער פשוט — פאַרווילן דעם עולם מיט יידישע וויצן, אויף וואָס ער איז געווען אַ גרויסער מייסטער. אין די נאָכמיטאָג־שעהן איז ער געוויינלעך געזעסן אין קאַפע אויפן רעפּובליק. די שטאַם־געסט האָבן אָנומלטן דערציילט, אַז עפּעס אַ יונגערמאַן זינגט יידישע לידער.

— נו, מהיכי תיתי... — האָט ער געזאָגט — אפשר לעבן מיר טאַקע אין משיחס צייטן...

אים איז דווקא געפעלן געוואָרן וואָס דאָס יונגוואַרג האָט זיך פאַרקליבן אין אַזאַ מין אָפּגעלאָזענער שאַפּע. „מיר האָבן אויך אַמאָל אָנגעהויבן אין די פייערלע־שער־שאַפּעס״... — האָט ער זיך דערמאָנט, און אין זיינע אַלטע ביינער האָט אַ ריזל געטון אַ הייס שטראַמל פון אַ בינע־מענטש. ער איז געזעסן אין פינצטערלעכן זאַל און געהערט ווי זיי זינגען: „העמערל, העמערל, קלאַפּ״, „אָך, וואָס קלינגט איר קירכן־גלאָקן״, „אַז דער רבי אלימלך״. זיינע אויגן זענען מיטאַמאָל פייכט געוואָרן. כאָטש דער ווייכער „ל״ אין זייער מויל איז אים פאַרגעקומען אַביסל פרעמד, נאָר גאָרנישט. דורך אַ פאַרטרערטער וויע האָט ער דערזען — אַן אַנדער עולם, שניי־דערס, שוסטערס, דינסט־מיידלעך, נייטאָרינס, וואָס זענען אין די פרייטיק און שבת־צונאַכטסן געקומען אָנפילן די פייערלעשער־שאַפּעס, האָבן מיטגעלאַכט און מיט־געוויינט מיט די העלדן פון גאָלדפאַדען, גאָרדין, שלום עליכם. ווו זענען זיי אַלע אַהינגעקומען ?

ס׳איז געווען באַלד דערלעבן אַ קליינע ביסטראָ, ווו זיי זענען נאָכן ספּעקטאַקל אַריין עפּעס אויסטרינקען. דאָ זענען געזעסן בייזאַמען — גאַבי, די קליינע רעזשין, אַרום זיי — אַ גאַנצע חברה יונגוואַרג. דער געעלטערטער אַקטיאָר האָט זיך דער־פילט היימלעך צווישן זיי. אַפילו זשאַקלין דירי, מיט די שטאַרק אונטערגעפירטע אויגן און אויסגעצופּטע ברעמען אין האַלב־רונד, איז אים אויך באַלד פאַרגעקומען

קענטלעך. ער האָט געוווסט, אַז זי אַליין שטאַמט אויך פון די בעלזווילער עמך־יידן. ער האָט געהערט ווי זי רעדט מיט אַ פאַרנאַשט קול צום יונגנמאַן מיט דער רויט־צעוואַקסענער באָרד:

— גאַבי, האָסט מיר היינט אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה...

דער יונגערמאַן, וואָס איז נאָר וואָס געווען אויף דער בינע, מיט זיין גיטאַרע, האָט באמת געזונגען מיט אַ וואַרעם יידיש קול. פון וואַנען איז צוריקגעקומען צום אָפּגעפרעמדטן יינגל די וואַרעמקייט פון אַ פאַרשוווּנדן יידיש לעבן?

זשאַקלין דירי האָט זיך דאָ געהאַלטן אין אַ זייט. און ווען זיי זענען געבליבן אַליין אינם ווינקל פון דער ביסטראָ, האָט זי פּלוצים אַ פרעג געטון ביי גאַבין:

— ווער איז זי, די קליינע?...

גאַבי האָט עפּעס געפּלאָנטערט מיט דער צונג, נישט געוווּסט באַלד וואָס צו ענטפערן, ווען זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף רעזשינען. ער האָט גערעדט אָפּגעריסן:

— ס׳איז פיל מער ווי די לידער... זיי קומען זוכן זייער אידענטיטעט... זיי זוכן אַן אידעאַל, אַ גאָט...

זי האָט אים אָנגעקוקט אַביסל צעשטרייט און מיט חידוש. די געדיכט־צעוואַקסענע רויטע באָרד האָט אים פּלוצים צוגעגעבן עפּעס אַ פרעמדע חשיבות פון אַ הייליקן, אַז זי האָט זיך אַזש דערשראָקן. און נאָך האָט זי געהערט פון זיין מויל:

— האָסט מיך געשיקט צו זיי, בין איך געגאַנגען און — זיך אַליין געפונען.

און ער האָט שוין דערנאָך געשוויגן. אין זיין שוויגן האָט זי געזען, אַז ער איז שוין וויים, זייער ווייט אַוועק פון איר.

1977

אַן אַלטער דיאַלאָג

1.

סערגיי איוואַנאָוויטש זייצעוו, דירעקטאָר פון רוסישן „דאָם קניגי״, מיטאַרבעטער פון וואָכנבלאַט „רוסקאַיאַ מיסל״, האָט אין פאַרכמאַרעטן פאַריזער דעצעמבער־נאָכמיטאָג, וואָס האָט געקלעפּט צום פאַרקראַטעוועטן שייבל אונטערן נידעריקן סופיט, אויפן שטאָק איבער דער בוכהאַנדלונג, האַסטיק אַרונטערגענומען די שאַרפע בריל פון דער ברייטלעכער נאָז, אַ שמייס געטון פון זיך די אָוונט־צייטונג אויפן ביוראָ־טיש. דאָס האָט ער שוין אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען! ס׳איז אים מיטאַמאָל פאַרלאָפן אַ בלענדיק רויכל פאַר די קליינע, בלויע, פאַרטיפטע אויגן.

סערגיי איוואַנאָוויטש איז זעלטן ווען אַרויס פון די כלים. אַ קילער, א ריינלעכער, מיט אַ קליין פליכל אין דער מיט פון די לענגלעכע קוטשערן, ווי ביי אַ פּאָפּ, האָט ער געוויינלעך מיט קליינע טריט געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ איבערן ענגן קאַבינעט, אויבן, איבער דער בוכהאַנדלונג, פאַרטון אין כתבים, אין אַלטע, זעלטענע אויסגאַבן פון אַ ביבליאָפיל. ער איז צו, אַ פאַרשאַר געגעבן דאָס פאָרהענגל איבער דער שויב, אַראָפּגעקוקט צו דער גאַס, באַרג־אַרונטער, צופוסנס דער סט. זשענעוויעוו־ביבליאָטעק, אין לאַטייַנישן קוואַרטאַל; נאָכגעקוקט אַ רגע די פאַרבייגייער. אין דעם נאָכמיטאָג איז ער אָבער געווען זייער באַאומרואיקט, ממש צעשטרייט. אַלע אַלטע פּחדים און חשדים זענען אים מיטאַמאָל באַפאַלן. אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז פאַרדעכטיקע לייט דרייען זיך אַרום הויז, וועלן זיך אַריינרייסן, אים פאַרשלעפּן; פּחדים אַוודאַי פון יענע ווייטע, אָנהייב־צוואַנציקער יאָרן, זענען אים מיטאַמאָל קאַפּויער געקומען.

כאָטש ר׳איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד כמעט, אַ ייִנגל, ווען די מוטער מיט דער קליינער משפּחה האָט זיך, דורך אַלערליי געפאַרן, איבער אָדעס, איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל, קוים דערקריגן ביזן פּאָרט פון מאַרסעיל, ווו ס׳האָבן אין יענעם הייסן זומער געאַנקערט די לעצטע צעקלאַפּטע רעשטלעך פון דעניקינס אַרמייען, נאָך די פאַרשפּילטע שלאַכטן אין דרום־רוסלאַנד. דעם פאָטער איוואַן מאַטווייאַיטש זייצעוו, אַ שטאַב־אָפיציר, האָבן זיי מער קיינמאָל נישט צוריקגעזען. ער איז שוין דאָרט געבליבן שטעקן אין גרויסן כאַאָס, ווען די רויט־אַרמייִשע טיילן האָבן אַ שפּאַר געטון ביז צו די ברעגן פון שוואַרצן ים. דאָרט האָבן זיי אים שוין

אַוודאי „צוגעענדיקט״. אָבער אין זיין יינגל־וויזיע, האָט ער דאָ, ביי די ברעגן פון דער סען, אין די מילדע זומער־נעכט, מיט יאָרן שפּעטער, נאָך אַלץ געזען זיך — ביי די ברעגן פון דער ניעוואַ, ביי די קאַנאַלן, אין די ווייסע פּעטערבורגער נעכט.

ס׳איז קלאָר — האָט ער זיך געזאָגט, שפּאַנענדיק נערוועז איבערן קאַבינעט — מיר לעבן אין געפּערלעכע צייטן... פאַרדעכטיקע לייט דרייען זיך דאָ אַרום, קוקן דיר נאָך יעדן שריט, כאַפּן אויף יעדעס וואָרט. „מ׳וואָלט געזאָגט, סערגיי אי־וואַנאָוויטש, דאָס שטריקל אַרום האַלדז ווערט ענגער... וווהין, באָזשע מאָי, ווילן זיי דאָ דערפירן מיט זייער צעקראַכענער דעמאָקראַטיע ?״... און ער דערמאָנט זיך, אין גרויס פּחד — גענעראַל קוטיעפּאָוו... גענעראַל מילער... באַריס סאַווינקאָוו און די אַנדערע... ווייל אָט ברענגט די נאַכימטאָג־צייטונג אַ זייער מאָדנעם פאַל — עפּעס סאָוויעטישע טוריסטן... עפּעס אַן איוואַנאָוו... אַנשטאָט מיטצוגיין אין די מוזייען, איז ער אַוועק אַנקלאַפּן אין דער טיר פון רוסישן שרייבער, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון דאָרט. כלומרשט אַ פריינד, האָט ער אים געברענגט גרוסן פון מאָסקווע; דער כלומרשטער איוואַנאָוו האָט געטראָפן צו אים ביז דער פּאַריזער פאַרשטאָט, אין דער אָפּגעשלאָסענער ווילע. כאָטש ער האָט פריער צוויסן געגעבן דער פּאָליציי. זיי זענען געקומען, איינגעריכט אונטערהער־אַפּאַראַטן, פאַרצייכנט דעם דיאַלאָג מיט דעם „סוואָלאָטש״. הערט אַ חוצפּה : „די סאָוויעטישע מאַכט וועט נישט טאָלערירן אייער אַנטי־סאָוויעטישע אַקטיוויטעט״... און יענער האָט זיך נאָך פאַרענטפערט אויך : „כ׳בין פּראָפעסאָר פון רוסישער ליטעראַטור אויף דער סאָרבאָנע, ברענג כבוד דעם רוסישן פאָלק, צו באַקענען מיט דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור דער יוגנט... אין זשורנאַל „קאָנטינענט״ דריקן מיר אויס די פרייע מיי־נונגען פון רוסישע אינטעלעקטועלע, וואָס זיצן ביי אייך פאַרשפּאַרט אין משוגעים־הייזער״... און יענער : „אויב מיינט איר, אַז דאָ, אין פראַנקרייך, קענט איר זיך אויף אַלץ דערלויבן, האָט איר אַ גרויסן טעות. איין זשעסט, און ס׳וועלן דאָ ביי אייך אויסוואַקסן „ספּעציאַליסטן״, וואָס וועלן וויסן ווי אַזוי זיך מיט אייך אַן עצה געבן. איין איינשפּריצונג און איר וועט זיך אויפכאַפּן — אין מאָסקווע״... נאָך גוט, וואָס דער כלומרשטער איוואַנאָוו איז אַרויס פון דער ווילע, און אַ פּאָליציי־אויטאָ האָט אים גלייך אָפּגעפירט צום אַעראָפּאָרט. נישט מער. ס׳הייסט, אויך די פּאָליציי וויל זיך דאָ צופיל נישט פאַרטשעפּען מיט זיי. אָט וווהין זיי האָבן דערפירט — האָט זיך זייצעוו געזאָגט — מיר זענען שוין דאָ אויך מער נישט זיכער...

ער איז מיט אַן אומזיכערן גאַנג אַרונטער די שמאָלע, געדרייטע טרעפּלעך און דערזען — עפּעס אַ קליינעם ייד נישטערן דאָרט צווישן דער לאַנגער ריי ביכער־פּאָליצעס. האָט ער אים באַלד אָנגעקוקט מיט אַביסל חשד; געזען ווי ער פאַר־שטעקט דאָרט די נאָז מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן אונטער דער בריל אין די זעל־טענע אויסגאַבן פון די קלאַסיקער, פון די קירכע־ביכלעך. ס׳האָט אים אַביסעלע גע־וווּנדערט.

אויף די אַריבערגעקומענע יידן פון „דאָרט״, וואָס האָבן זיך לעצטנס באַוויזן אין פּאַריז, האָט ער געקוקט נישט נאָר מיט חשד, נאָר אויך מיט אַ דאָזע שאַדנ־פרייד אויך. חוץ דעם — ווער ווייסט זיי אַוועלכענע זיי קענען זיין. אָט איז איינער,

עפּעס אַ פּאַסקודע, געקומען אַהער געבן אַפילו אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, האָט זיך באַוויזן אויף דער טעלעוויזיע, אַנדערצייילט אומפאַרשעמטע ליגנס, געחנפעט זיי דאָרט. אויף די דאָזיקע האָט ער געקוקט מיט נאָך מער ביטול, ווי אויף די אַלט־איינגעזעסענע יידן, וואָס האָבן דאָ אָפּט פאַרקערט אין די רוסישע קרייזן אין פּאַריז. „האָ, זיי אַנטלויפן שוין, די יידעלעך, ווי די מייז פון אַ זינקענדיקער שיף". אין זיינע אויגן זענען זיי געווען אומעטום, פאַרמאַסקירטע, אונטערגעשיקטע. ס'איז נישט געווען קיין סוד, אַז יידן זענען אפשר נאָך אַלץ די מערסטע לייענער און אָפּנעמער פון אַ רוסיש בוך, פון דער צייטונג „רוסקאַיאַ מיסל". ער האָט זיי אָפּט באַמערקט, אונטן, נישטערן צווישן די רוסישע ביכער, געדרוקט אין מילאַן, אין מינכען; אַפילו אין דער רוסישער צערקווע אין פּאַריז, רי דאַרי, האָבן זיך מיטגעפּלאָנטערט, האָט מען דערציילט, עטלעכע פון זיי, „אונטערגעשמדטע"... מ'האָט אויך געוווסט, אַז איינער אַ פריידיקער אין דער טעאָלאָגישער סעמינאַריע... מיט אַזאַ חשד האָט ער אָנגעקוקט דורך דער דינער בריל דעם פאַרבלאָנדזשעטן ייד, אין פאַרכמאַרעטן דעצעמבער־נאָכמיטאָג, וואָס האָט אויך פאַרכמאַרעט זיין געמיט.

צוליב אָט דעם צופעליק פאַרבלאָנדזשעטן ייד פון קיעוו, יורי פּסחזאָן, איז אומגעריכט אויסגעקומען צו גראַבלען אין די אַלטע וווּנדן; ער איז דערשינען, ווי וויטער צו ציען די אייביקע, אַלטע וויכוחים און דיאַלאָגן, וואָס זייערע טאַטעס וואָלטן אפשר געדאַרפט פירן; ווייל ביידע האָבן זיי דאָך שוין געהערט צום יינגערן דור. וואָס האָט זיך אָבער דערנאָך אַרויסגעוויזן ? דער פאַרבלאָנדזשעטער ייד האָט גאָר אויפגעוועקט אין סערגיי זייצעוון אומקלאָרע האָפענונגען, אַז אויך דער לאַנגער רוסישער גלות וועט זיך אַמאָל ענדיקן פאַר די פאַרוואָגלטע אין דער פרעמד.

2.

ווער איז ער געווען, דער פאַרבלאָנדזשעטער ייד ?

צווישן די פאַרגעלטע, פאַרעלטערטע פאָטאָגראַפיעס פונם היימישן ייד פון דער אוקראַינע, שלום עליכם, קען מען זען אַ יונגערמאַן פון סוף 19־טן יאָרהונדערט, די לענגלעכע האָר־פּאַסמעס, וואָס פאַלן אים אויפן שטערן פון אונטערן ווייכן, העלן קאַפּעלושל; אַ שוואַרץ־אויסגעבונדענער קינסטלער־שלייף, אין אַ ווייסער וועסט מיט אַ זייגער־קייט. פון הינטער די שמאָלע ברילן־גלעזלעך קוקט אַרויס אַ גוטמוטיקער שמייכל פון אַ יידישן אינטעליגענט, אַ דורכגעליטענעם, אַ חכם.

מער־ווייניק אַזאַ איינדרוק האָט ער אויך געמאַכט, דעם ייד פון קיעוו, יורי פּסחזאָן, אַליין אַ מאָלער, אַן אילוסטראַטאָר טאַקע פון שלום עליכמס קאַסרילעווקער פאַרשוינען, פאַרבלאָנדזשעט אומגעריכט אויפן פאַריזער וועלט־יריד, נאָך דער קאָנפערענץ אין בריסל וועגן גורל פון סאָוויעטישן יידנטום. געקומען אַהער איז ער מיט דער ישראלדיקער דעלעגאַציע פון די עולי־רוסיה. צוריק פון דער רווישיקער וועלט־קאָנפערענץ, האָט ער זיך שוין אַראָפּגעכאַפּט אויף אַ פּאָר טעג קיין פּאַריז אויך. ס'האָרץ איז אים אויסגעגאַנגען, כאָטש צו גיין אָנקוקן דעם „לוווּר", דעם

„מוזיי דעז אַר מאָדערן", די אימפּרעסיאָניסטן, די אַבסטראַקטע, דערפילן די אַט־מאָספער פון די אַמאָליקע באַרימטע קינסטלער־קאַפייען אויפן מאָנפּאַרנאַס, וועגן וועלכע ער האָט אַזויפיל געהערט.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די פּאַריזער גאַסן מיט שטילע, איינגעהאַלטענע טריט, מיטן קוים־באַמערקבאַרן שמייכל פון אונטער די דראָטענע ברילן, פול מיט חידוש. פון „לוווּר" האָט ער זיך נישט געקענט אָפּרייסן; פּונקט ווי ער איז דערנאָך אומגעריכט געפאַלן אויף די שפּורן פון זיינע לאַנדסלייט, ס׳רוב שוין פון צווייטן דור, פון די אַמאָליקע גרויסע ערד־באַזיצער און צאַרישע סאַטראַפּן. ער האָט זיי אַליין געוואָלט אָנקוקן, די רוסן, די אוקראַינער, די, וואָס האָבן אין די רעוואָלוציע־יאָרן געקוילעט יידן און ביטער געקעמפט קעגן דער אילוזאָרישער, ניי־אויפגייענדיקער וועלט פון סאָציאַלן יושר און מענטשלעכן פּראָגרעס. זיי זענען טאָקע אַוועק אין גלות אַריין, פאַרלוירן זייער היים, האָבן אָבער קיינמאָל נישט אויפגעגעבן די האָפענונג ווען־עס־איז אומצוקערן זיך צו דער „מאַמעלע רוסלאַנד"; אין דער צייט, ווען ער, דער ייד פון קיעוו, יורי פּסחזאָן, האָט זינט ער געדענקט זיך סיי־ווי קיינמאָל קיין אמתע היים אונטער זיינע פיאָטעס נישט געפילט. בפרט — נאָך באַבי יאַר... נאָכן קיעווער פּאָגראָם, ווען מ׳האָט זיך אומגעקערט פון דער עוואַקוּאַציע, פון דער אַרמיי. כאָטש איין גאָט ווייס, אַז ער איז אַזוי נשמהדיק צוגעבונדן צו זיין געבוירן־היים. ממש אומפאַרגעסלעך איז ביי אים פאַרבליבן דער פּערעסיפּ, די צעבליטע אַקאַציעס און זון־רויזן, די קאַרשן־סעדלעך... די שיינע, הויכע ברעגן און שוועלן פון דניעפּער, ווען ער צעגיסט זיך פרילינג־צייט איבער די רחבותן פון דער אוקראַינע. אויך דאָ, אין פּאַריז, האָט ער געקענט אַרומגיין שעהן איבער די בולוואַרן, לענגאויס די סען־ברעגן און מורמלען פאַר־זיך גאָגאָל׳ס שיינע פערזן:

טיכאַ אוקראַינסקאַיאַ נאָטש...

אַפילו אין דער פרעמד איז אים נאָכגעגאַנגען דער געזונטער ריח פון דער שוואַרץ־ערדיקער אוקראַינע, וואָס האָט גענערט זיינע אבות. מ׳ווייסט נישט ווי אַזוי די פיס האָבן אים פאַרפירט אַהער, צו דער סט. זשענעוויעוו־ביבליאָטעק, אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, צווישן די מאַסיווע אוניווערסיטעט־געביידעס און פאַקולטעטן, צום שמאָלן געסל, באַרג־אַרונטער. יורי פּסחזאָן איז מיטאַמאָל שטיינגעבליבן פאַרן שויפענצטער פון דער רוסישער בוכהאַנדלונג, „דאָם קניגי". צווישן די פאַרגעלטע צערקווע־ספרימלעך, מפרשים פון דער יעוואַנגעליע, פון די רוסישע גלות־פילאָזאָפן, די דעקאַדענטן, די סימבאָליסטן (אַלעקסאַנדער בלאָק); צוזאַמען מיט באַרדיייעוון און אַנדערע פּראַוואָסלאַווע גאָט־זוכער, אַלטע צערקווע־כראָניקער — סאָלזשעניצין, סאַכאַראָוו, פּאַסטערנאַק, אַלטע אויסגאַבן פון טורגעניעוו, פּושקין, די אַמאָליקע אויסגאַבן „ראַזסוויעט" פון קאַדעט מיליוקאָוו, אויסגאַבן פון מילאַן, מינכען, נאָר נישט קיין אויסגאַבן פון מאָסקווע. דאָס איז אים געווען אינטערעסאַנט, ניי. ער איז אויפגעשטיגן די פּאָר טרעפּלעך און איז מיט אומזיכערע טריט אַריין אין טיפן פינצטערלעכן געוועלב, אַריינצובליקן אין אַ ביכל אויף די פּאָליצעס, אַ בלעטער טון די וואָכנצייטונג „רוסקאַיאַ מיסל" און ער האָט זיך שוין מער נישט געקענט אָפּרייסן.

גראַד אין דעם מאָמענט איז פון די אויבערשטע טרעפּלעך אַרונטער דער דירעקטאָר זייצעוו, סערגיי איוואַנאָוויטש. יענער האָט אים, נישט אָן חשד, אָפּגע־מאָסטן פון אונטער דער דינער שאַרפער בריל.

3.

און ס׳האָט זיך שוין דערנאָך באַקומען אַזוי ווי די צוויי מענטשן, פון צוויי ווייטע, פרעמדע, אַפילו פיינטלעכע עקסטרעמען, וואָלטן זיך דאָ צוזאַמענגעטראָפן, נישט צופעליק, נאָר ווי כדי צו פאַרענדיקן אַן אַלטן, ביטערן וויכוח; א דיאַלאָג, אַ ווערטער־אויסטויש, וואָס אַפילו נישט זיי גופא, נאָר די אבות זייערע וואָלטן אפשר באַדאַרפט ווייטער פירן, אַ מין חשבון־אונטערצי; ווייל ס׳האָט זיך באמת באַקומען אַ מאָדנער דיאַלאָג. ווען סערגיי זייצעוו האָט אָנגעקוקט דעם קליינעם, פאַרבלאָנדזשעטן ייד מיט די דראָטענע ברילן, אין העלן צעקנייטשטן קאַפּעלושל, שמייכלען אַזוי ווי צוריקגעהאַלטן, האָט זיך דער חשד באַלד אַביסל געלאָשן. ווי גאָט אַליין וואָלט אים אין דעם פאַרכמאַרעטן דעצעמבער־נאָכמיטאָג צוגעשיקט, ער זאָל לינדערן זיין שווער געמיט. ער איז קודם געווען זייער טשעקאָווע, פאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס דער קליינער ייד איז דאָ געקומען נישטערן צווישן די ביכער־פּאַליצעס; כאָטש ביידע האָבן זיך אַ רגע נאָך אַלץ אָנגעקוקט פרעמדע, דורכדרינגלעך; און ווי יורי פּסחזאָן וואָלט פאַרשטאַנען דעם אומצוטרוי אין די קליינע, פאַרטיפטע אויגן זייצעוו׳ס, האָט ער אים באַלד אַ זאָג געטון, ווי זיי וואָלטן געווען אַלטע באַקאַנטע, נאָר פון אַן אַנדער גלגול:

— כ׳קוק זיך דאָ אַרום... — האָט ער געוויזן אויף די אַלטע ספרימלעך — אַביסל אַן ענלעכער גלות ווי אונזערער... אַן אינזעלע אין דער מיט פון אַ פרעמדער פראַנצויזישער מערב־וועלט... כ׳בין אייך אָבער געקומען טרייסטן, אַז דער גלות אייערער וועט זיכער נישט דויערן קיין 2.000 יאָר, ווי אונזערער... דער רוסישער מוזשיק זייגט ביטער פון זיין רוסישער ערד, זייט פאַרגעסענע צייטן, ביזן היינטיקן אַנטיכריסט, ווי דער רוסישער בער זייגט די לאַפּע ווינטער־צייט... ער וועט זיך אָבער אין איינעם אַ טאָג אויפכאַפּן פון זיין לעטאַרגיע. ער וועט אויפשטיין און זיך אַ פאַרמעסט טון מיט דער האַק: „אוביו.. יעי באָגו, אוביו״... (כ׳וועל דערהרגענען... ביי גאָט, ווי כ׳וועל דערהרגענען...).

אַזעלכע ווערטער, אַזוי אומגעריכט... זייצעוו האָט שוין איצט געשמייכלט פון אונטער דער דינער בריל. ס׳איז אים געפעלן געוואָרן דער זאָג, טאַקע עפּעס אַזויווי נביאישע רייד. ז י י — האָט ער באַלד אַ טראַכט געטון — זענען אָבער אַלעמאָל די נביאים צום גוטן, ווי צום שלעכטן. אָבער וואָס איז ער דאָ אויסן, דער ייד פון „דאָרט״? ער ווייסט, ער האָט געהערט, אָבער מיט וואָסערע טענות קומט ער נאָך צוגיין, אין דער צייט, ווען ער, זיי אַלע, וואָס האָבן צוגעהאָלפן אונזער אומגליק...

ער איז געשטאַנען איבערן קליינעם ייד, און פּלוצים הײמיש אים אַ נעם געטון פאַרן אָרעם:

— ווייסט איר גאָר וואָס? קומט, כ׳בעט אייך, מיר האָבן דאָ אַ הײמיש ווינ־קעלע, ביים פּאָטערל פּאַפּאָו. דאָרט קען מען עפּעס אויסטרינקען און צובייסן...

און ער האָט אים, מיט דער ברייטער רוסישער גאַסטפריינטלעכקייט, פאַרבעטן מיטצוגיין. זיי זענען אַרונטער צוזאַמען דאָס שמאָלע געסל, ביי דער סען, צווישן די בריקן אַרום דער נאָטער־דאַם־קאַטעדראַלע; דאָ באַלד, אין שמאָלן פּאַסאַזש, ביי אַ טאַקסי־סטאַציע, איז אין ראָג געווען דער קליינער, פאַרשטעקטער רעסטאָראַן, די „כאַרטשעווניאַ", „צום פּאָטערל פּאַפּאָוו". זייצוו האָט פאַרבעטן אַ לאַנדס־מאַן, דעם ייד יורי פּסחזאָן. דאָרט האָט מען געקענט אָפּעסן אַן אוקראַיִנישן באָרשט, אַ טעלער קרויט, בלינעס, אויסזופן אַ טיי־גלאָז „סטאָלעטשנאַיאַ". אויפן שוועל אָראָפּצוגיין מיט אַ פּאָר טרעפּלעך אין דער גידער, האָט אָבער יורי פּסחזאָן באַלד אַ צי געטון מיט די נאָזלעכער די קענטלעכע זויערלעכע ריחות און געלאָזן פאַלן, נישט אָן גוטמוטיקן שפּאַס, כאָטש ער האָט נאָך נישט געהאַט אויסגעזופט קיין טיי־גלאָז וואָדקאָ:

— סערגיי איוואַנאָוויטש, ווייסט איר כאָטש וואָס אַזעלכע טייערע ריחות פון אוקראַיִנישן באָרשט דערמאָנען אונז? זיי דערמאָנען אונז גלייכצייטיק — די שווע־רע ריחות פון ווייררויך, די שווערע גלאָקן באַסעווען פון די צערקוועס אין דער וואָך פון פּאַסכאָ... ווען מען באַגריסט זיך ביי אייך מיטן „כריסטאָס וואָסקרעס"... די גע־פאַרבטע אייער, די מילדע פרילינג־זון, די צעבליטע אָקאַציעס, די פּראָצעסיעס מיט דער פּרעפּלערײ אונטער די הייליקער פּענער... דאָס אַלץ האָט אונז אַלעמאָל גע־שראָקן מיט — פּאָגראָם, מיטן דערמאָנען זיך אין דעם אומזיסט־באַשולדיקטן ייד ביילים, מיטן עלילת דם...און צולעצט — מיט דעניקין, פּעטליורע... און מיט די אַנדערע רוצחים...

— טשעקאַווע... אינטערעסנאָ... — האָט זיך סערגיי איוואַנאָוויטש אויף אַ האָר נישט באַליידיקט, אַפילו געשמייכלט, אָביסל נערוועז פאַריכט די ברִיל אויף דער ברייטלעכער נאָז — טשעקאַווע... אָנו, לאָמיר זיך אָקאָרשט צוזעצן... — האָט ער פאַרגעלייגט, אויסצוהערן ווייטער דעם ייד:

— מיר האָבן אייך געבראַכט, בעסער געזאָגט, איר האָט גענומען ביי אונז דעם גלויבן אין אַ גאָט פון יושר, פון רחמים, אָבער אין וואָס האָט איר אים פאַר־וואַנדלט? אין אַ בלוטיקן געץ, אין אַ טויטער דאָגמע, אויסצושעכטן אונז און — זיך זיך אַליין...

דער רוס סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיך שוין איצט שטאַרק געווילט, זיך, חלילה, נישט באַליידיקט. ער איז אים אָבער נישט שולדיק געבליבן:

— און איר האָט אונז דערנאָך, ווידער, אָנגעוואָרפן אַ מאַרקס, אַ לעוו דאַווי־דאָוויטש טראָצקי־בראָנשטיין... ווער, כ׳בעט אייך, דאַרף זיי האָבן, אייערע שטענ־דיקע יושר־זוכענישן?...

— אָבער די אייעריקע האָבן אַפילו דעם רוס פון נאָוואָסיבירסק, לענינען, אויך פאַרוואַנדלט אין אַ געץ, אַ טויטע דאָגמע, אַ נייע קירכע. זיי האָבן דאָרט אויס־

געלאַשן, דערשטיקט די גרויסע פרייד, די גרויסע האָפענונג פון דורות רוסישע פוי־ערים־שקלאַפן, אַרבעטער־שקלאַפן, וואָס האָבן אין הייליקער התלהבות, פאַלנדיק אויף די קני, מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, געבענטשט דאָס פאַלן פון די צאַרישע קייטן...

דער שענק־טיש פון פאַרנט, דער צינק, איז באַשטעלט געווען מיט שאַפּרן, מיט קלאַשאַרן פון דער געגנט פון אונטער די סען־בריקן. אַהער, אין ראָג, צום „פּאַטערל פּאַפּאַוו", איז מען אַריין דערוואַרעמען זיך, אויסזופּן אַ קוואַרטירעלע. אין אַנדערן זאַל, אונטערן נידעריקן סופיט, אין דער טיף, אונטער די איקאָנעס, איז געזעסן אַ געדיכטער עולם, צעשפּיליעטע קעלנער, אין אַ וואָלקן סיגאַרעטן־רויך, אין פריילעכע גערעדערייען. די זויערלעכע ריחות פון אוקראַיינישן באָרשט האָבן זיך געטראָגן איבערן זאַל פון זייטיקן קיכל. זיי האָבן ביידע קוים אָפּגעפונען אַ טישל; און מאָדנע, וואָס מער זיי האָבן זיך ביידע אַריינגעזאָגט, האָט זיך קיינער פון זיי אויף אַ האָר נישט איבערגענומען, פאַרקערט, זענען אַלץ מער אַריינגעצויגן גע־וואָרן ווי אין אַן אַלטן, איבערגעריסענעם דיאַלאָג, פון אַן אַנדערן גלגול. נאָכן אויסטרינקען די ערשטע טיי־גלעזער פון „סטאָלעטשנאַיאַ", האָט זיך סערגיי אי־וואַנאָוויטש אָפּגעווישט די ליפּן און זיך אַפילו ביטער אַ וויצל געטון :

— איר, די אייעריקע, מוז מען זאָגן, איר זענט דאָס זאַלץ פון דער ערד...

— דערפאַר — האָט יורי פּסחזאָן אַ לויכט געטון מיט די אויגן־גלעזער — אַזוי פאַרביטערט...

— נו, יאָ, אָבער מיר... מיר זענען שוין אין רוסלאַנד געווען אַביסל צופיל איבערגעזאַלצן... — האָט ער גראָבלעך אַרויסגעכאָכאָטשעט.

נאָר דאָס האָט ער שוין אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען :

— ווי איז עס ? איר, די אייעריקע, איר גיט זיך דאָרט גאָרנישט קיין עצה מיט די אַלע דראַקאָנישע געזעצן זייערע ? געזעצן, ווי באַאווסט, קען מען אַרומגיין... אונטערקויפן... ווי אַמאָל, ביים צאַר באַטיושקאַ...

— סערגיי איוואַנאָוויטש, זיי זענען קלוגינקע, די אייעריקע, נישט ביי זיי ! אונטערקויפן קענען ז י י . ביי זיי דאַרף מען זיך קומען לערנען...

— נו, און אַזאַ פריינד ווי סאָלזשעניצין... דאָס מוזט איר שוין דערשאַצן...

— שווער צו זאָגן. ס'איז אמת, דורך סאָלזשעניצינען האָט אויפגעוואַכט דאָס געוויסן, „די אַלטע רוסישע נשמה", אַ צעווייטיקטע פון פאַרברעכערישן עקספּערי־מענט אויף איר לעבעדיקן גוף, פּונקט ווי אויף אונזער אייגענעם גוף. ס'איז די שאַרפסטע רעאַקציע פון אַ דערשטיקט פאָלק, וואָס וואָגט אויסצושרייען דעם גאַנצן שוידערלעכן אמת. כ'ווייס אָבער נישט צי מען דאַרף אים דווקא אידענטיפיצירן מיטן די עמיגראַנטישע עלעמענטן אין אויסלאַנד. אָבער עס לאָזט זיך פאַרט שטאַרק פילן ביי אים אין זיינע ביכער, וואָס זענען ווי אַ טעסטאַמענט, דער געדעמפּטער צערקווע־גייסט פון אַ סלאַוויאַנאָפיל. מ'זאָל וועלן נאָכגיין ביזן סוף זיינע פּאַראַלעלן און אויספירן, פאַלט אויף אונז אַן אַ פינצטערע אימה, אין אַנבליק פון פולשטענדיקן באַנקראָט פון אַלע אונזערע שיינע יוגנט־אידעאַלן, וואָס זענען, אמת, נאָך מיט יאָרן צוריק פאַראַטן געוואָרן. איינס איז קלאָר פון זיינע באַווייזן — ניין, מיר גייען

נישט צום אינטערנאַציאָנאַליזם, צום קאָסמאָפּאָליטיזם, ווי מ׳האָט אונז אַמאָל גע־לערנט, נאָר מיר קערן זיך אום צום ענגן, פינצטערן נאַציאָנאַליזם...

— אָבער ער איז נישט קעגן די אייעריקע... כ׳מיין...

— כ׳וויל נישט זאָגן, אַז ער איז דווקא פול מיט אַנטיסעמיטישע קאָמפּלעקסן, אָבער מאָדנע, די מערסטע יידן, וועגן וועלכע ער דערציילט, זענען ווייט נישט סימ־פּאַטיש, אָבער סימפּאַטאַמאַטיש פאַר דער גאַנצער עפּאָכע פון דינען מיט־לייב־און־לעבן די סטאַליניסטישע עבודה זרה. ער פאַרלאַנגט פאַר אַלעם די גערעכטיקייט פאַר זיין רוסיש פאָלק, אין אַנבליק פון דעם אַלעם, וואָס ער אַנטפּלעקט דעם סטאַ־ליניזם, הייבן מיר אויך אָן בעסער צו פאַרשטיין דעם וואָרצל פון נאַציזם און — מיר שעמען זיך... ער פרעגט מיט רעכט: מען האָט געמשפּט די דייטשישע קריג־פאַרברעכער, פאַרוואָס משפּט מען אויך נישט די פאַרברעכער, וואָס האָבן גע־האָלפן די שמוציקע האַנט פון סטאַלינען אומצוברענגען מיליאָנען מענטשן? אומ־ברענגען אונזערע קולטור־שעפער און אונזער קולטור? ווייל זיי דרייען זיך נאָך עד היום אַרום, סערגיי איוואַנאָוויטש, זיצן באַקוועם אויף הויכע פּאָסטנס; און דאָס טוט אונז זייער וויי, ווייל אַלץ, ווייזט זיך אַרויס, איז שוין אַ סך פריער אַנגע־וואָנדן געוואָרן דאָרט. כאָטש דעם גאַנצן שוידער, וואָס סאָלזשעניצין ברענגט אַרויס, איז ווי אַרויסגעריסן פון היסטאָרישן קאָנטעקסט, זייט אָקטאָבער 1917, מאָמענטן, וואָס האָבן אונז אַמאָל אָנגעפילט מיט אַזויפיל האָפענונג...

— אָבער זיין „רוסישע נשמה", וואָס וויינט אין אים...

— וואָס שייך דער „רוסישער נשמה", באַווייזט ער גאָר, אַז סאָוויעטישע מענטשן, געבוירן נאָך דער רעוואָלוציע, האָבן (אין וולאַסאָווס אַרמיי) יאָ געקעמפט מאַסנווייז קעגן רוסלאַנד, אין דער צייט, ווען ווייניק ווייס־גוואַרדייער האָבן נישט אויפגעהויבן זייער האַנט קעגן זייערע רוסישע ברידער...

— גאָלדענע ווערטער, יורי אַבראַמאָוויטש...

— סאָלזשעניצין האָט זיך אָבער פאַרמאָסטן „איבערצושאַצן אַלע ווערטן", שאַפן דעם סינטעז, געפּאָרט מיט זיינע פערזענלעכע ליידן. ער קערט זיך אום צו דער צערקווע און באַרעכטיקט שיינבאַר, טיילמאָל, מאָמענטן פון בולטן פּראַט, טאָקע וואָס שייך וולאַסאָוון...

— דאָ, יורי אַבראַמאָוויטש, מישט איר זיך שוין צופיל אַריין אין אונזער גע־שיכטלעכן גאַנג... ס׳איז שוין ביי אייך אַזאַ טבע...

— ניין, ס׳איז אויך אונז, יידן, נוגע. נישט מיר האָבן געקעמפט קעגן דער צערקווע, נאָר — פאַרקערט. אמת, סאָלזשעניצין איז אויסגעוואַקסן צום סימבאָל פון רוסישן מאַרטירערטום, אָבער ווו איז אונזער מאַרטירערטום? ער אידענטיפי־צירט זיך מיט אַזאַ גרויסן און — לויט מיר נאָך — פּסיכיש־פינצטערן גייסט ווי דאָסטאָיעווסקי. כאָטש — וואָס פאַראַ דיסטאַנץ מיטן זשעני פון רוסישן פאָלק! „איין טאָג פון איוואַן דעניסאָוויטש", „דער ערשטער קרייז", „ראַק־קאָרפּוס" זענען אָן ספק ווערק פון אַ קינסטלערישן פאָרנעם, אָבער זיין „אויגוסט 1914" איז נישט... „מלחמה און שלום" פון טאָלסטאָי. „גולאַג" איז נישט מער ווי אַ דאָקומענט, אַ שוי־

דערלעכער דאָקומענט, אַ באַשולדיקונג־אַקט, וואָס די קרעמל־הערשער האָבן אים מער נישט געקענט פאַרטראָגן...

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אַראָפּגעלאָזן אין האַלדז אַריין נאָך אַ קוואַרטירעלע, געלאָזן דעם ייד רעדן די אַביסל אַפּיקורסישע רייד און זיך פאַרקוקט אין די גליענדיקע פייערלעך אונטער דעם יידנס דראָטענער בריל. ער האָט זיך שיעור נישט געוואָלט אַרויסכאַפּן: „נביאישע פונקען״. ער האָט זיך סתם אַמוזירט און געפּרוווט זיך:

— ס'הייסט, איר צווייפלט אַביסעלע...

— ניין, ער איז נישט דער דאָסטאָיעווסקי, אָדער טאָלסטאָי... ס'איז דער עיקר

— זיין וואָגן! זיין גערעכטער צאָרן! דער מערב־וועלט, איבערהויפּט אין דייטשלאַנד, שמייכלט עס זייער. ער פאַרמילדערט, פאַרבלאָסט אַביסל דעם אוישוויץ־גענאָסיד־מאָנסטער; ווייל ער באַווייזט פון וועמען די נאַצישע רוצחים האָבן געקענט אַראָפּנעמען אַ מוסטער פון מאַסן־גענאָסיד. דאָ ליגט אפשר אויך דער סוד פון צוטיילן אים דעם נאָבל־פּרייז; ווייל דער נאָבל־פּרייז איז גיכער אַ פּאָליטישער קאָניונקטור־פּרייז פאַר לענדער, נישט דווקא פאַר שרייבער. אָבער אונזער יידישער חשבון — ווו איז ער? אונזער גאַנצע חורבן־ און מאַרטירער־ליטעראַטור איז פאַרבליבן אַן אינערלעכער יידישער ענין, איז צו דער וועלט, מיט קליינע אויסנאַמען, נישט דערגאַנגען. מיר זענען נישט קיין צד. די וועלט לאַכט זיך אויס פון אונזערע ליידן! דער יידישער וויי־געשריי ווערט דערשטיקט אין אונזערע אייגענע ד' אמות, אָבער דער רוסישער וויי־געשריי איז יאָ דערהערט געוואָרן דורך דער וועלט...

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר דער רוס זייצעוו, נאָר אויך דער ייד יורי פּסחזאָן קאָן אַראָפּלאָזן אין האַלדז אַריין אַ גלאָז „סטאַלעטשנאַיאַ״; אין רוסלאַנד גייט עס נישט אַנדערש ווי אויפן „סטאַקאַן״, אַ טיי־גלאָז; כאָטש די צונגען צעבינדן זיך דאָרט זעלטן, נישט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַן איבעריק וואָרט. אָבער דאָ? — וואָס האָבן זיי דען ביים „פּאָטערל פּאָפּאָוו״ אין דער „כאַרטשעווניאַ״ מורא צו האָבן? די אַנדערע פלאַש איז שוין אויך באַלד געוווען כמעט ליידיק. יורי פּסחזאָן האָט מיטאַמאָל דערפילט ווי די פיס ווערן אים שווער; ער האָט געפּרוווט אויפצושטעלן זיך און איז צוריקגעפאַלן. זייצעוו איז נאָך פריילעכער געוואָרן, איז צו און אים געפּרוווט אונטערהייבן:

— קומט, יורי אַבראַמאָוויטש, דער טאָג שטייט נישט. ס'הייסט, מיר האָבן זיך גוט דורכגעווערטלט, ווי מ'זאָגט — „פּאַ דושאַם״...

— סערגיי איוואַנאָוויטש, כ'זע איר באַהאַנדלט מיך ווי אַן אמתן פריינד, אָדער ווי עפּעס אַ טשיקאַווע באַשעפעניש. אָבער מיר האָבן נאָך אַלטע, לאַנגע חשבונות. די געשיכטע האָט אייך, אמת, געשטראָפט, אָבער אונז האָט די געשיכטע נאָכנישט אויפגעהערט צו געבן שווערע קלעפּ. מיר ווילן אָבער אַלץ ביישטיין, אַזוי אמת, ווי כ'גלייב אין משיחן, וואָס דאַרף ערשט קומען...

אויף יענער זייט באַגלאָזטער טיר, אויפהייבנדיק זיך די פאָר טרעפּלעך צו דער גאַס, האָבן זיי זיך נאָך אַלץ געוואַקלט, ווי אין אַ חושך. ס'איז טאַקע געהאַט אָנגעפאַלן אַ געדיכטער נעפּל איבער דער שטאָט. דער סילועט פון דער נאָטר־דאַם־

קאַטעדראַלע, צוזאַמען מיט די פייערן פון דער שטאָט, איז געלעגן צעשוווּמען, אײַ־בערגעדרייט אין די וואַסערן פון דער סען. דער דעצעמבער־ווינט האָט געטריבן די כוואַליעס. אַ לאַסט־דאַמפער מיט אָנגעצונדענע רויטע לאַמטערלעך האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער די בריקן פון סיטע־אינזל. ביידע, דער רוס זייצעוו און דער ייִד יורי פסחזאָן, האָבן זיך אָנגעהאַלטן איינער אין אַנדערן, נישט אומצופאַלן, האָבן זיך פאַרלוירן אין דעצעמבער־נעפל, וואָס איז געלעגן איבער די ברעגן פון טייך. מ׳האָט כמעט גאָרנישט געזען פאַר זיך, נאָר פון נעפל אַרויס האָט זיך גע־הערט זייצעווס וואָיענדיק באַסל פון אַ דיאַק:

כ׳גיי מיר פון שענקל אַרויס אויף דער גאַס,
כ׳גיי רעכטס, כ׳גיי לינקס, כ׳געפין נישט מיין הויז....
גאַס, דו ביסט שיכור, אַזוי דוכט מיר אויס...

ס׳וועָרט קיל...

1.

דער פאַרנאַכט הינטער די סאָסנע־וועלדער, וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין טייך לואַר, האָט זיך געזעצט אין ראָזע און בלייכע קאָלירן. ס׳האָט מיטאַמאָל גע־צויגן פון ערגעץ אַ פרישע קילקייט. דער געעלטערטער ייד, זיידען, איז נאָך לאַנג זיצן־געבליבן אין דער וויגשטול אויף דער ווערענדע, אונטערן קריכנדיקן בלעטער־וואַרג, פאַרקוקט אין צופאַלנדיקן אָוונט. די פרעמדע לאַנדשאַפט האָט אים דער־מאָנט אין אַן אַנדער לעבן. ביידע זין זענען דאָס יאָר צוגעשטאַנען, ער זאָל אַרויס־פאָרן צוזאַמען מיט זייערע משפחות איבערן זומער. זיי זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין שטילן דאַטשע־דערפל ביים לואַר, אַ געגנט פון סאָסנעס, בלעטער־וועלדער און מיטלאַלטערלעכע, האַלב־חרובע שלעסער אויף די הויכקייטן. עס זענען געווען ביידע נישט־יידישע שנורן און די אייניקלעך. ער איז שוין נישט געווען יונג, דער פאָטער, האָט געטראָגן אויף זיינע מידע אַקסלען אַ גאַנצן שטורמישן דור. קיין גע־מיינזאַם לשון מיט די קינדער און אייניקלעך האָט ער מער נישט געהאַט. ווי ער וואָלט עס געפּילט אויף זיין אייגענעם געוויסן.

זיי האָבן דאָ פאַרנומען דעם גאַנצן הינטערשטן פליגל פון אַן אַלטמאָדיש, פּראָ־ווינצער מאַסיוו הויז פון געטעסעטע שטיינער, אין אַ טיפן גאָרטן. זיי זענען אַרומ־געגאַנגען אַרום אַלטן פאָטער מיט שטילע טריט, ווי זיי וואָלטן זיך געפילט פאַר־שולדיקט. מ׳איז שוויגנדיק געזעסן אַרום טיש ביי די מאָלצייטן. מ׳האָט זיך אויפ־געהויבן און יעדער איינער איז אַוועק אין זיין ווינקל, פאַרטיפט אין אַ ביכל.

„ס׳וועָרט קיל״... — האָט זיך דער אַלטער געזאָגט און אויפגעהויבן זיך אַריינ־צוגיין צושפּאַרן זיך. זינט דאָס ווייב איז אים אָפּגעשטאָרבן, האָט ער די לעצטע פּאָר יאָר געלעבט איינזאַם אין זיין פּאַריזער דירהלע. אַלץ איז זיך אין די פּאָר יאָר פאַנאַנדערגעפאַלן — די אידעען, די יידישע פּראָבלעמען, דאָס משפחה־לעבן, וואָס האָט פונדעסטוועגן אויסגעזען צו זיין גאַנץ. ר׳איז דאָ אָפּגעזעסן אין די נאָכמיטאָגן, אין קילן שאָטן פון אַן אַלטן קאַשטאַן־בוים, די אויגן צוגעלעגט, און געהערט אַרום זיך דעם פריילעכן געפּלאַפּל פון די אָפּגעפרעמדטע שנורן און אייניקלעך. זיי האָבן דאָרט גערעדט אויף אַ פרעמד לשון. און ער, אַ ייד פון פוילן, טאַקע, וואָס קען ער זיי דערציילן אין אַ פרעמד לשון וועגן יידישע צרות, יידישע זוכענישן ? ער האָט

פון מאָל צו מאָל אַריינגעקוקט אין אַ יידיש ביכל, די ברילן אַנגערוקט איבער דער נאָז. אין דער גרויסער וועלט טוען זיך אָפּ נייע אומגליקן. אַלץ פירט ווידער מסתמא צו אַ וועלט־אונטערגאַנג. וואָס איז שוין די נפקא־מינה?

אין אָוונט איז מען ווידער שווייגנדיק געזעסן ביים נאָכטמאָל אויף דער ליכ־טיקער וועראַנדע. ס'האָט געצויגן אַ קיל ווינטל פון די פינצטערע וועלדער. דער אַלטער האָט קוים עפּעס טועם געווען. ער האָט געפּרוווט אַ רעד טון מיטן עלטערן זון, אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן יידישע תכלית־פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן אים אין די שלאָפלאָזע נעכט. אָבער דער זון האָט שנעל אָפּגעהאַקט. זיי גייען מיטן בלינדן שטראָם, ווי ער אַליין איז אַמאָל געגאַנגען, ביז פון אַלעם האָט זיך אויסגעלאָזן — אַבסורד. דער עלטערער, דער אינטעלעקטואַל, איז דאָרט פאַרטון געווען אין דער סאָציאָלאָגיע. דער זון האָט, דוכט זיך, גערעדט גאַנץ לאָגיש:

— מיט אייך ענדיקט זיך אַן עפּאָכע. וואָס האָט איר דען איבערגעגעבן דעם נייעם דור פון אייער ציוויליזאַציע? אייער וועלט איז פאַר אונז אַ פרעמדע וועלט...

דער אַלטער האָט געמוזט מודה זיין, אַז ס'איז אמת. מיר האָבן דאָ גאָרנישט באַוויזן איבערצופלאַנצן פון אונזער יידישקייט. זיי גייען אַוועק, דאָס יונגוואַרג, זיי וועלן איינגאַנצן אַוועקגיין.

נאָכדעם ווי ס'ווייב איז אים אָפּגעשטאָרבן, האָט ער ליקווידירט אַלע זיינע קאָפּ־פאַרדרייעניש, ער האָט איצט געהאַט אַ סך צייט; אַרומגעדרייט זיך איבער די ליידיקע שטיבן, געפּרוווט אַריינקוקן אין אַ ביכל, אין אַ ספר. אין דער ביכער־שאַנק איז געהאַט אָנגעפאַלן אַ שטויב. ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט אויף רואיקערע צייטן. פּונקט ווי ביי זיין פאָטער אין ספרים־שענקל איז אַמאָל געשטאַנען אַן אַלטער ש"ס, אַ רמב"ם, אַ משניות, איז ביי אים געשטאַנען — מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם. דאָס איז געווען ז י י ן וועלט. די אונטערגעוואַקסענע זין האָבן געקוקט מיט אַביסל רחמנות און מיט אַביסל ביטול אויף זיין ביכער־שענקל, אויפן יידישן בלאַט, וואָס די פּאָסט האָט יעדן טאָג געבראַכט. די זין זענען זיך אַוועק יעדער אויף זיין וועג. איינער איז אַ לינקיסט. עפּעס פון די טראָצקיסטן; וויל מער נישט וויסן און הערן פון יידישע דאגות, וואָס מאַטערן אונז יעדן טאָג.

אומעטום האָט ער געזען נאָר אונטערגאַנג, פאַרשווינדונג. אַלץ צערינט פאַר אונזערע אויגן. אַפילו צווישן די לאַנדסלייט, אין דער סאָסיעטע, איז ער זעלטן ווען געקומען. ער האָט איצט צייט געהאַט אַריינצוכאַפּן זיך אויפן יערלעכן יזכור־אָוונט און אויפן יערלעכן באַנקעט. נאָכן פייערלעכן יזכור־אָוונט אין דער סאָסיעטע „קינדער פון קליין־ווישקאָוו", ווו ס'איז זיך צונויפגעקומען אַ שיטערער עולם, איז אין די אַנהייב־ווינטער חדשים געוויינלעך געפּראַוועט געוואָרן דער יערלעכער באַנ־קעט. די געעלטערטע ווייבער, באַלייגט מיט צירונג אויף די צעקנייטשטע העלדזער, אויף די אַדערדיקע הענט, די האָר צוגעפאַרבט, קאַרבירט אין לעקעלעך, האָבן מער נישט געהאַט ס'געמיט, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, צו פּאַרען זיך פאַרפלאַמט, אָנ־גרייטן פון כל טוב פאַרן בופעט. אין יענע יאָרן איז דער בופעט פול באַלייגט גע־ווען מיט פולמיסקעס געהאַקטע פיש, די היפשע קאַרפּן־קעפּ מיט די מייערלעך פאַר־שטעקט אין די פיסקלעך, געזאָטן פלייש, גענדזנס, טאָרטן, לעקעכער, אַ גוט ביסל

ווישניק. אַ, דעמאָלט פלעגט נאָך קומען אַן עולם, ס׳רוב אַרויפגעאַרבעטע יידן. די לעצטע יאָרן איז שוין שיטערלעך פון עולם. פיל זענען אַוועק אויפן עולם האמת, מערסטנס געוועזענע דעפּאָרטירטע. מ׳האָט זיי באַגלייט אויפן גוטן־אָרט, אין באַניע, צום אייגענעם קאָווע; און אַ גאַנצע וואָך זענען אין יידישן בלאָט נישט אַראָפּ די שוואַרצע ראַמלעך.

דאָס מאָל איז זיך דער עולם צוזאַמענגעקומען אויפן יזכור־אָוונט אין קליינעם זאַל פון „מאָנומענט פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער", ערגעץ אַרום „פּלעצל". מ׳האָט ווידער אויסגעהערט די שטאַמלענדיקע קלאָג־רייד פון פּרעזידענט, אַ פּראָסט־לעכער ייד. דערפאַר איז אויפן באַנקעט געווען פול און רווישיק. דער יערלעכער באַנקעט איז געפּראַוועט געוואָרן אין „יידישן קאַבאַרעט", ביים שוישפּילער דייווי. דאָרט איז געווען פאַרטונקלט ליכט, אַ קליינע בינע אין דער טיף. פון אַ זייטיק ציי־מערל איז אַרויס דער אַקטיאָר, אין אַ צעקנייטשט קאַפּעלושל אויפן פייערדיק־געלן קאָפּ, אין אַ פאַרגלאַנצטן סמאָקינג מיט זיידענע קלאַפּעס, מיט אַ שלייפל אויפן שטייפן העמד. ער איז געשטאַנען אויף דער בינע, געשאָטן מיט אַלטע וויצן, ס׳רוב צוויי־דייטיקע, און דער עולם האָט געקייכט פון לאַכן. דער קליינער אָרקעסטער, מיטן אַקאָרדעאָן, מיטן הייזעריקן פידל, האָט באַגלייט די קופּלעטן פון אַמאָליקן יידישן רעפּערטואַר, די טעאַטער־לידלעך. דער אַקטיאָר דייווי האָט אויך געזונגען „ירושלים של זהב". דער עולם האָט מיטגעזונגען, געפּאַטשט מיט די הענט. דער־נאָך איז דער אַקטיאָר אַראָפּ זיך אַרומדינגען מיט די יידן. די סאָסיעטע־יידן זענען געווען שווערע בעלנים:

— וואָס עפּעס אַזוי טייער? צען טויזנט פראַנק פאַר אַ פּערזאָן?...

דער אַקטיאָר האָט מיט זיין פאַרקילטן טענאָר געגומען אויסרעכענען אויף די פינגער:

— אַן אָרקעסטער... אַקטיאָרן... נו, און אַ גוט שטיקעלע געהאַקטע פיש, אַ שטיקל הון, גייט צופוס?...

— איר וועט נעמען עפּעס ווייניקער אויך... — האָט דער פּרעזידענט פון דער סאָסיעטע „קינדער פון קליין־ווישקאָוו" זיך געפּרוווט אַראָפּצודינגען.

אַ פּאָר פראַנק אַרויף, אַ פּאָר פראַנק אַראָפּ, און מ׳איז דורכגעקומען אין גליי־כע געלטער. שפּעטלעך האָט זיך דער עולם גענומען פאַנאַנדערקריכן, און זיידען, אַן אומעטיקלעכער, איז צוריק אַוועק צו זיין ליידיקער פּוסטער היים.

ס׳האָט אים פון אומעטום אַרויסגעטריבן. ער האָט נאָך געפּרוווט אַרויפכאַפּן זיך אין לאָקאַל פון דער אָרגאַניזאַציע. שוין לאַנג, אַז ער האָט זיך דאָרט נישט גע־וויזן. אין קלוב זענען געזעסן אַ פּאָר יידן און אַריינגעקוקט אין אַ יידישער צייטונג. אַרום זענען געשטאַנען פאַליצעס יידישע ביכער, פאַרשטויבטע. מ׳האָט דאָרט גע־שפּילט אַ שאָך, אַ דאַמקע. דאָרט זענען געזעסן אַמאָליקע פרייהייט־קעמפער, וואָס גייען ביסלעכווייז אַוועק. זיי האָבן אַמאָל, אונטער די רויטע, פלאַטערנדיקע פענער, אין יענעם דור, פייערלעך געשווירן: „ברידער, מיר האָבן געשלאָסן אויף לעבן און טויט אַ פאַרבאַנד". די פּאָר געעלטערטע לייט קומען זיך דאָ צונויף, פייערן דעם 1־טן מאַי, היטן אָפּ די יובליי־פייערונגען, צום יאָרטאָג, ווען ס׳איז אַמאָל, דאָרט,

אין אַ ווילנער בוידעם־שטיבל, געגרינדעט געוואָרן דער „בונד פון פוילן, ליטע און רוסלאַנד".

ס'איז אַנומלטן אויך געווען אַ פאַרזאַמלונג. די אַלטע חברטעס און חברים האָבן נאָך אַלץ גערעדט וועגן אַמאָליקן נאָדל־פּראָלעטאַריאַט... באַריקאַדן־קאַמפּן... סיבירער קאַטאָרגע... גרויע קעפּ, נאַקעטע שאַרבנס. ביי די געעלטערטע ווייבער — די פּריזורן אַביסל צוגעפּאַרבט. אָבער מאָדנע, עפּעס אַן אַלט פייער האָט נאָך אַלץ געלויכטן אין זייערע אויגן אונטער די שפּאַקולן. כאָטש אַלע זייערע הייסע רייד זענען געווען פון אַן אַנדער רעאַליטעט. איינער שפּרינגט גאָר אַרויס: „ס'איז נאָר געווען אַן איינרעדעניש... מ'האָט געמאַכט דעם חשבון אָן באַלעבאָס... ס'איז פון אָנהייב אָן געווען אַ סתירה"... איבערן זאַל איז געהאַנגען אַ נעפּל פאַר די פאַרשוווּ־מענע בליקן. זיי שלינגען פּילן, טרינקען אַ גלעזל טיי אָן צוקער, מיט סאַכאַרין. אָבער מען דעבאַטירט, מען אַפּאָנירט מיט אַלטער ליידנשאַפט. איינער, אַ קרוב בן־שמונים, האָט געשטורעמט:

— אַוודאי מוז די יוגנט זוכן נייע אינהאַלטן און נייע יידישקייט־ווערטן. וואָס האָבן מיר דען געגעבן אונזערע קינדער ? קאָמפּראָמיסן... פּשרות... צופּאַסן זיך... זיי לעבן זיך אויס אין פרעמדע קולטורן. אָבער אונזער יידישע געשיכטע ענטפערט דערויף מיט אַ קאַטעגאָרישן : ניין ! צוטראַגן, ווידער, יידישע קולטור־ווערטן אין פרעמדע לשונות, הייסט פאַקטיש רעזיגנירן. יידיש מיינט — יידיש לעבן, געמיט, טויזנט־יאָריקע קולטור־ירושה. יידיש האָט אויסגעפורעמט אונזער סאָציאַלן גייסט, אונזער נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט, דער אינטימסטער אויסדרוק פון אונזער יידי־שער נשמה־יתירה. מיר מוזן ווידער אויפבלאָזן דעם פלאַם פון גלויבן...

די פּאַטעטישע רייד פון זקן זענען באַגלייט געוואָרן מיט אַ פּאָר שיטערע האַנט־פּעטשלעך. דערנאָך האָבן זיך די געעלטערטע לייט צוריק אַראָפּגעשאָטן די הויכע פינצטערע שטיגן אין אַלטן הויז. כאָטש געוויינלעך האָבן זיך די אַלגע־מיינע פאַרזאַמלונגען פאַרצויגן ביז שפּעט. עס זענען נאָך געווען דיסקוסיעס, וויכ־טיקע פּלענער. דערנאָך איז דער פאַראַנטוואָרטלעכער, חבר מאיר, געגאַנגען פון איין צימער אין אַנדערן, פאַרלעשן דאָס ליכט. פון דעם ביבליאָטעק־צימער מיט די טויזנטער ביכער אויף די פּאָליצעס, האָט געצויגן אַ ריח פון שימל. אין גרויסן זאַל זענען די שטולן געווען פאַנאַנדערגערוקט. אויף דער קליינער עסטראַדע, ביים פּרע־זידיום־טיש מיטן רויטן געוואַנט באַצויגן, האָבן זיך נאָך געוואַלגערט פּאַפּירלעך, צעטעלעך, טעזן, פאָרשלאַגן צום פאָרזיצער. ביז חבר מאיר איז, אַביסל אומעטיק־לעך, אַוועק צושפּאַרן די טירן. פון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט אין דער טונקל פון זאַל די פּאָרטרעטן פון די פאַרשטאָרבענע, פון די אומגעקומענע פירער; זיי האָבן אין יענע יאָרן געמאַכט געשיכטע.

דער אַלטער זיידען איז אַרונטער די פינצטערע שטיגן און האָט זיך דער־מאָנט, אַז ער פלעגט אַהער קומען מיט זיין פרוי, די חברטע עמאַ. זי איז שוין לעצטנס נישט געווען קיין „לייט", איז מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען. ווען זי האָט זיך שטיל אויסגעלאָשן, האָט ער זיך מער נישט אומגעקוקט איבער די פאַר־טונקלטע צימערלעך. אַלץ איז דאָרט געווען איבערגעקערט, דאָס מעבל — באַזוצט

מיט אַ שטויב. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט צייטונגען, ביכלעך, בראָשורן. ער האָט אויפגעשפּאַרט די פענצטער אין טונקעלן הויפל אַריין. ביי אַרונטערגעלאָזענע פאַרהאַנגען האָט ער אָוונט־צייט אָנגעצונדן דעם גרויסן אַלטמאָדישן זשיראַנדאָל, ס׳זאָל זיין אַביסל היימלעכער, און ער האָט דערפילט — עפּעס שוועבט נאָך דאָ אַלץ אַרום איר גייסט. דאָס שויבן־שענקל מיט די געליישטע רוקנס פון יידישע ביכער איז געשטאַנען פאַרמאַכט, ווי אַן אָרון קודש. ביי די קינדער איז געווען דער איינדרוק, אַז דער אַלטער איז אַפילו פרומלעך געוואָרן; הגם ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געטראָגן מיט זיך אידעאַלן, געהערט צו דער „באַוועגונג״.

אין די פאַרנאַכטיקע שעהן איז ער טיילמאָל אַרונטער אין דער קאַפע אויפן פּלאַס רעפּובליק. דאָרט זענען געזעסן יידן און יידענעס ביי אַן אויסגעקילט טעפּעלע קאַפע. די גאַרסאָנען האָבן געקוקט אויף זיי קרומלעך. זיי רעדן לשון־הרע, בטלנען, אַבי די צייט זאָל אַוועקגיין. דאָרט ווערן געשלאָסן שידוכים צווישן די געעלטערטע לייט. אַזוי איז אַנומלטן געשען אויך מיט אים אַליין, מיט גאָלדענען.

2.

דאָס אַנדערע ווייבל, וואָס מ׳האָט אים דאָ געשדכנט, האָט זיך גערופן יענטל. זי האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן פאַר אַ כיטרער יידענע. ער האָט זיך ערשט דערנאָך דערוווסט, אַז זי האָט שוין באַגראָבן עטלעכע מענער. זי האָט זיך געפּוצט ווי אַ מיידעלע, איז געוואָרן זייער גיך מיט אים היימיש, אויסגעשטעלט דאָס פולכנע הענטל מיט אַ שמייכעלע, ער זאָל איר געבן אויף דער הוצאה. ער האָט, חלילה, נישט געקאַרגט; אָבער איר אייגן קניפּל האָט זי ערגעץ באַהאַלטן פאַר זיך. נאָר טאָמער האָט ער אַמאָל עפּעס אַוועקגעטראָגן פאַר די אייניקלעך, האָט זי מיט שיינע ריידעלעך אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער פאַרטאַכליעוועט צופיל געלט. אַן איידעלער ייד, האָט ער שטאַרק געליטן דערפון, פאַרשוויגן. אָסור צי ס׳איז אים דאָרט געגאַנגען אין די פּאָר פראַנק. דערפאַר איז ער מער נישט געווען אַזוי עלנט, געפילט ווי עמיץ דרייט זיך אַרום אין הויז ביי אים. זי איז געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע, אויסגעוואַשן אים אַ העמד.

ערשט אַנומלט האָט זיך די יענטל, מיט די ראָזע בעקלעך, מיט אַ צוריקגעהאַלטן געלעכטערל, געריִמט פאַר אַ יידענע אין דער קאַפע:

— זי ווייסן, שרהלע, מען גיט מיר נישט מער ווי אַ יאָר עטלעכע און פערציק...

— כאַפּן זי שנעל צו !... — האָט יענע, מיט אַן ערנסטער מינע כלומרשט, פאַרצויגן דאָס שנעבעלע — ווייל יענער קען נאָך באַלד חרטה האָבן...

— טאָ וואָס־זשע — האָט די יענטל שוין גערעדט אַביסל אומעטיקלעך — מ׳איז עלנט ווי אַ שטיין... מ׳רעדט מיר, הערט איר, אַ גאַנץ לייטישן מענטש...

— נו, מילא... — האָט יענע, אַ חסידישע טאָכטער פון דער היים, אַוועקגעמאַכט, מיט אַ זויערער, נישט־פאַרגינערישער מינע, איר געגעבן אָנצוהערן — ביי

יידן האָט אַ מאַן, וואָס האָט באַגראָבן עטלעכע ווייבער, געהייסן אַ קטלן, און די ביסט, אפנים, אַ קטלנית...

מ'קען נישט זאָגן, די יענטל איז נאָך געווען אַ גאַנץ סימפּאַטיש ווייבל. די בלאָנדע (צוגעפאַרבטע) האָר האָבן נאָך אָפּגעגעבן מיט אַ לעבעדיקן שימער, הויך אויפגעטורעמט, מיט אַ חנוודיק, רויט סטענגעלע פאַרצויגן. אַזעלכע יידישע ווייבלעך מיט אַ פריילעכן גלאַנץ אין די פויעריש-פאַרבלויטע אויגן, ווי די קאָרן-קוויטן, האָבן געקענט שטאַמען פון די פּאַרוואָרפענע, האַלב-דאָרפישע ישובים אין דער אוקראַינע, פון וואַנען זי אַליין האָט טאַקע געשטאַמט. זי האָט זיך אויך געקליידט מיט אַ סך געשמאַק. דער לעצטער, האָט מען געשמועסט, האָט איר איבערגעלאָזן אַ היפּשע ירושה. זי איז שוין דאָס אַנדערע יאָר געווען אַן אלמנה, נאָכן דריטן, אָדער פערטן מאַן.

מילא, פונעם ערשטן מאַן, איז אָפּגערעדט. וואָס די ערד דעקט צו, מוז פאַרגעסן ווערן. ס'איז געווען נאָכן גרויסן חורבן. אין די די-פּי-לאַגערן אין דייטשלאַנד איז זי זיך צונויפגעגאַנגען מיט אַ פלינקן יונגנמאַן אין גלאַנציקע שטיוועלעך. ער האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט אויף דער בערזע, געהאַנדלט מיט אַמעריקאַנער סיגאַרעטן, מיט וואַליוטע. ער האָט דאָרט אין גיכן אויך אויפגעמאַכט אַ מין נאַכט-באַר, אָדער אַ נאַכט-קאַבאַרעט אין מינכען. ר'האָט געמאַכט אַ שיין פאַרמעגן. ער האָט זי אויסגעקליידט, געשטופּט איר געלט אין האַנט-בייטל און גערעדט צו איר פון אונטערן קרום-פאַרשווירענעם וואָנסעלע :

— יענטלשי, מ'האָט זיי אין דר'ערד, די יעקעס... כ'על נאָר מאַכן אַ פּאָר גילדן, פאָרן מיר קיין אַמעריקע...

קיין אַמעריקע האָט ער נישט באַוויזן צו פאָרן. ס'איז דאָרט איינמאָל אויסגעבראָכן אַ וויסט געשלעג ביי אים אין נאַכט-באַר איבער אַ מיידל, צווישן די שיכורע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן און די לייט פון דער אונטערוועלט. ס'איז געוואָרן א שיסעריי, און ווען זיי זענען אַלע אַוועקגעפירט געוואָרן דורך דער מיליטערישער פּאָליציי, איז דער יונגערמאַן אין די גלאַנציקע שטיוועלעך ליגן געבליבן אין אַ קאַלוזשע בלוט. ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען.

האָט זי אַ שפּיי געטון אויף די דייטשן, אויף די לאַגערן און אריבערגעכאַפּט זיך קיין פּאַריז. אויף די געדיכטע זאַמל-פונקטן פון די פּליטים אין פּאַריז האָט דעמאָלט געקאָכט אַ וויסטער אַנגעלויף פון צעטומלטע מענטשן. די אינסטיטוציעס האָבן געטיילט שטיצע, אויפגעמאַכט ביליקע קיכן, געהאָלפן מיט וויזעס מעבר לים; אַנדערע זענען גאָר אַוועק מיט די אומלעגאַלע שיפלעך צו די ברעגן פון ארץ ישראל. יענטל האָט זיך נישט גענייטיקט אין קיין הילף. אין לעצטן מאָמענט האָט זי אָפּגעראַטעוועט ביים יונג מיטן נאַכט-באַר אַ היפּש קניפּל דאָלאַרן, גאָלד-שטיקלעך. און אַליין איז זי ווידער געשטאַנען אין שידוכים. זי האָט דעם מאַן פון די לאַגערן, ער זאָל איר מוחל זיין, נישט אַזוי שטאַרק באַקלאָגט. זי האָט זיך געזאָגט :

— נאָכן גרויסן בראָך אונזערן, טאָר מען נישט בלייבן עלנט...

ס'האָט זיך דאָס מאָל געשדכנט צו איר אַ גאַנץ פיינער מענטש. ס'ווייב איז אים דעפּאָרטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ טאָכטער. ער איז פון דער געפאַנגענשאַפט

צוריקגעקומען צו אַ לײדיקער שטוב. ער האָט געעפנט אַ געשעפטל פון שנײדערײ און ס'איז אים נישט שלעכט געגאַנגען. ער האָט גערעדט צו איר:

— יענטלשי, טו זיך אָן װי אַ מענטש. זשאַלעװע נישט. מען לעבט נישט אײביק...

זי איז געװען בײ אים אַ קײסערינע. זי האָט זיך אָבער נישט געװאָלט פאַר־נעמען בלױז מיט דער װירטשאַפט. זי האָט געהאַט אַ חוש פאַר געשעפט אױך און האָט דעם מאַן אַרױסגעהאָלפן מיט די הײנטיקע מאָדעס, מאָדע־שטאָפן. נו, האָט יענער אױך נישט לאַנג אָנגעצױגן. ס'האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אים „יענע" קרענק. אָבי זי האָט געמײנט, אַז זי איז אין איר לעבן צוגעשװוּמען צו אַ רואיקן ברעג.

אָבער מיט דעם שטילן, אײדעלן ייד, מיט דעם זײדענעם, האָט זי זיך מיט אַמאָל דערפילט אומעטיקלעך. ער האָט קײן סך נישט גערעדט, געזעסן פאַרטיפט איבער די ביכלעך. זי האָט זיך אַרײנגעצױגן צו אים אַ קאַרג יאָר נאָך יענערס אױסגײן. אױף אַלעם איז געלעגן אַ שטױב. זי האָט זיך אָבער באַלד דערפילט הײ־מיש, האָט געראַמט, געװאַשן, איבערגעשטעלט די מעבל. ס'איז שױן מיט דער צײט מסתמא געװאָרן בײ איר אַ געװױנהײט צו באַלעבאַטעװען אין פרעמדע הײזער, ליגן אין פרעמדע בעטן, אָנגעזאַפּט מיט פרעמע אַראָמאַטן.

זי האָט זיך אײנגעקוקט פון דער זײט אינעם אומעטיקלעכן ייד. ס'איז געלעגן אױף אים אַן אױסגעליטענע אײדלקײט. זי איז גאָר, דעם אמת געזאָגט, נישט גע־װױנט געװען צו אַזעלכע סאָרט לײט. פון אונטער דער בריל האָט אַרױסגעקוקט זײַן פאַרטראָגענער בליק. לױט זײַן אונטערהוסטן און פאַרהאַקטן אָטעם, איז ער איר גלײך עפּעס נישט געפעלן געװאָרן. אַ בלױ אָדערל האָט געציטערט איבערן שלײף. זי האָט שױן גאָרנישט געפרעגט װעגן זײַן עלטער. די קילע האַנט האָט בײ אים אונטערגעציטערט, װען ער האָט גענומען אַ גלאָז טײ צװישן די פינגער.

— איך האָב — האָט ער איר דערצײלט — קינדער, אָבער מ'איז פאַרט עלנט...

זי איז װידער געלעגן אין אַ פרעמד בעט, װאָס פרעמדע פרױען־הענט האָבן באַרירט, אױסגעװאָרעמט. בײנאַכט, אין דער פינצטער, האָט זי אױפגעמאַכט אַן אױג, געשטאַרט אין חשכות, נישט געדענקט מער װי דאָס פרעמדע שלאָפּצימער זעט אױס; געהערט לעבן זיך דאָס שװערע אָטעמען פונם געעלטערטן ייד, און ס'האָט זיך איר אַ מיש געטון אין מוח. זי האָט מער נישט געדענקט — װעלכער איז ער? צי דער פלינקער יונג פון מינכען, אָדער דער ייד, דער שנײדער. זי האָט זיך קוים דערװאָרט אױפן ערשטן שפּראָץ אױף טאָג, איז שטיל אַרונטער, נישט איבערצו־װעקן אים. ער האָט געהאַט אַ לײכטן שלאָף. אָנגעצױגן דעם חנװדיקן מאָרגן־ראָק, אָנגעשטעקט די באָרװעסע פיס אין די װײכע שטוב־לעטשלעך, האָט זי נאָך אַ װײלע געבלאָנדזשעט אין דער פינצטער, ביז זי האָט געפונען די טיר צו דער קיך. זי איז אַװעק צוגרײטן די פרימאָרגן־קאַפע.

אַלץ אין קיך איז נאָך געװען אױפן אָרט, װי דאָס פאַרשטאָרבענע װײב זײַנס האָט געלאָזן. זי איז געװען, זעט זיך, אַ גוטע באַלעבאָסטע. ס'האָט באַלד פאַרשמעקט מיטן געשמאַקן קאַפע־אַראָמאַט. זי האָט געװאָלט אים אַרױסװײזן געטרײשאַפט, ער זאָל זיך פילן הײמישער, װי זײ װאָלטן שױן געװען אַן אַלט פּאָרפאָלק, װי זײ װאָלטן

אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן. יעדער איינער פון די מענער מיט זיינע געוווינהייטן, און זי האָט זיך יעדעס מאָל געמוזט צוגעוווינען צו זיי. יעדער איינער האָט געוואָלט זען אין איר עפּעס פון זיין פריערדיק ווייב.

אַלץ איז גרייט געווען אויפן טיש, די הייסע מילך, די קאַפע, די קאָנפיטור, דאָס אָנגעשניטענע ברויט אין קויבערל. אויף דער פּליטקע האָט פריילעך געזידט דער טשייניק. פאַרוואָס־זשע פאַרזאַמט ער זיך דאָרט לענגער ווי געוויינלעך ? זי איז צוריק אַריין אין האַלב־טונקעלן שלאָף־חדר, אַ רגע איינגעהאָרכט זיך און זיך דערשראָקן. דאָס האַרץ איז איר אַנטפאַלן. זי איז צו, אַ פאַרשאַר געגעבן דעם פאָר־האַנג, אויפגעדרייט דאָס ליכט. אין צימער האָט זיך אַריינגעריסן אַ טריבע ווינטער־דיקע שיין. זי האָט דערזען ווי ער ליגט, דער אַלטער, וואָס זי האָט אים ערשט קוים געקענט אַ פּאָר וואָכן, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן, די אויגן — פאַרגלייזט. זי האָט גע־וואָלט אַ געשריי טון, נאָר דאָס געשריי איז איר שטעקן געבליבן אין דער קעל. זי האָט זיך פאַרשווירן — דאָס איז שוין צום לעצטן מאָל; אָבער זי איז באַלד דער־נאָך מער נישט אַזוי זיכער געווען אין איר באַשלוס...

1978

אפרים און איטשע

1.

ס׳איז געווען באַלד דערנאָך, ווי אפרים איז אין יענעם יאָר נאָר־וואָס געהאַט אַריינגעפאַלן קיין פאַריז, אין דער שטאָט פון ליכט און קונסט, און האָט זיך אַ שטיקל צייט אויפגעהאַלטן אין אויבער־שטיבל ביי זיין אַלטן חבר פון וואַרשע, ביי איטשען. דער איטשע איז געווען אַ ברייטער ייד, מיט אַ פנים פון אַ ווייַן־טרינקער, מיט אַ ברייטער האַנט, אַ שטיקל אַנטיקוואַר, אַ קאָלעקציאָנער, אַ גרויסער ליבהאָבער פון קונסט און פון קינסטלער. דעמאָלט האָט דאָס הייסע בלוט נאָך איין מאָל אַ ריזל־געטון אין זייערע ביידנס געעלטערטע אָדערן.

ווייל ס׳איז גראָד אויסגעפאַלן אין פייערלעכן ניי־יאָר אָוונט. דער יערלעכער באַל פון דער סאָסיעטע וואַרשע־פּראַגע איז נאָך דעמאָלט יעדן ניי־יאָר געפּראַוועט געוואָרן אין די סאַלאָנען פון „האָטעל מאָדערן״, אין סאַמע צענטער פון די יידישע קוואַרטאַלן. אַהין האָט אים איטשע געבראַכט צופירן. זיי האָבן זיך אין דעם אָוונט מחיה געווען צווישן אַזויפיל טייערע וואַרשעווער יידן. ס׳איז דאָרט אויבן, אין די זאַלן, געווען הייס און רוישיק פון היפּשן עולם, וואָס האָט ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט געהאַלטן אין איין אַנפליסן. דער בופעט, וואָס די ווייבער האָבן זיך דאָרט געפּאָרעט, איז באַלייגט געווען פון אַלדאָס גוטס: פּולמיסקעס געפילטע פיש, גע־רויכערטע און געזאָטענע פליישן, ברוסט, אויפשניט, הינער־פּולקעס, קעז־קוכנס, לעקעכער און וואָס נאָר אַ מויל רעדט אַרויס. יידן, ס׳רוב אַרויפגעאַרבעטע, זענען געדיכט געווען אַרומגעשטעלט דעם בופעט, געריסן מיט די הענט די הינער. די גאָמבעס זענען זיי פעט געוואָרן פון די שטיקער שמאַלץ־הערינג; אַרונטערגעלאָזט אַ כוסה און טאַקע גוט אונטערגעלענט דאָס האַרץ. איטשען און אפרימען האָבן זיי געקלאַפּט אין די פּלייצעס:

— וואָס שטייט עטץ ווי די גלאָמפּן ?...

— קום אַהער, גוטער ברודער, פּאַרזוך עפּעס, נעם אַ טרונק בראָנפן. א י ך צאָל !...

אין אויסגעקילטן באַגינען פון 1־טן יאַנואַר זענען זיי ביידע, אפרים און איטשע, ביידע פריילידיקע, אָן די ווייבער, ווי יונגע קאַוואַלערן, אַרונטער די ברייטע שטיגן. זיי האָבן זיך טאַקע דערפילט בגילופין, ווי יונגעלייטלעך אין יענע

יאָרן אין וואַרשע, אין קלוב פון „הזמיר", ווו פרץ אַליין האָט געוואָרפן פונקען אין זײַנע פֿײַערלעכע דרשות. זיי האָבן געשטאָלפּערט אויף שוועלעך געוואָרענע פּיס און גאָרנישט געפּילט ווי דאָס דינע רעגנדל, אויסגעמישט מיט שנייעלעך, טריפט זיי אין אויפגעשטעלטן קאָלנער. איטשע האָט צוגעקלאַפּט מיטן שירעם־שטאָק און באַלד אַ רוף געטון אַ טאַקסי אויפן ראָג. ער האָט אפרימען אַוועקגענומען צו זיך, אינם רחבותדיקן הויז, וואָס ער האָט פאַרנומען ביים פּאַרק מאָנסורי. ער האָט אים געפירט נאָך זיך איבערן קאָרידאָר באַלייגט מיט דיוואַנען און אַלץ אַריינגע־רעדט אין אים, אַביסל שיכורלעך:

— סע גיט... זיי זיך מודה, אפרים, האָסט היינט אַראָפּגעלאָזן יענע כוסה !...

— אויף מיינע נאמנות, ווי אַ צוויי־דריי גלעזעלעך דאָרט... טייערע יידן, זאָג איך דיר...

— האָסט כאָטש באַמרעקט, אפרים, ס׳פּראַגער שיינע ווייבעלע מיטן גוידערל, ווי זי האָט דיר געגעסן מיט די אויגן ? ...

— ס׳אָרענע ווייבל מיינסטו ?

— די, וואָס האָט סערווירט ביים בופעט די שטיקער גאַלער.

— זי ? כ׳געדענק זי נאָך פון וואַרשע. אַ מויד אַ ברען. אין וואַרשע האָט מען געפלעגט צו זאָגן: זי איז שיין, געזונט און... ברודיק... — האָט ער געלאַכט — ווי דו קוקסט מיך אָן, איטשע... מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק...

— סע גיט... זיי נישט קיין פרייער, אָבער געדענק, אפרים, זיי זענען כיטרע, די ווייבעלעך...

— ביסט אַ נאַר, איטשע — האָט אפרים אַוועקגעמאַכט— וואָס האָבן מיר שוין דאָ אָנצוווערן ?

ווען זיי זענען אויסגעשטיגן פון דער ווינדע, איז שוין די טיר געשטאַנען אָפן, און די אַלטע הויז־פרוי פאַלין האָט זיי אָפּגעוואַרט. זיי זענען אַריין אין לאַנגן, טיפן זאַל מיט די צעהאַנגענע בילדער, צעשטעלטע ביוסטן, געגאָסן אין בראָנדז, ווי אין אַ מוזיי. דאָ איז איטשע געווען ביי זיך, אין זיין אַנטיקוואַרישן מלכות. אַביסל האָט ער געהאָט איינגעקויפט ביי אָרעמע מאָלער אויפן מאָנפּאַרנאַס, נאָך אין יענע יאָרן, אַביסל האָט ער אונטערגעהאַנדלט אויף די אויספּאַרקויפן אין האָטעל דרואָ. זיי זענען ביידע געזונקען אין די ווייכע פאָטעלן מיט די הויכע אָנלענס, זעל־טענע האַלץ־שניצערייען. איטשע האָט פאַרלאָשן די גרויסע לעמפּ און אויפגעדרייט דאָס ליכט פון שטייענדיקן כינעזישן אַבאַזשור אויפן הויכן סאָקל, און ביידע זענען זיי אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ דיסקרעטע ליכט אין סורדין. דאָס ווייכע ליכט האָט געוואָרפן אַ געדעמפטע שיין אויף אַ שטילער לאַנדשאַפט פון פנחס קרעמען, אַ שטיל־לעבן און אַ שיינער אַקוואַרעל פון דאָברינסקי, אַ שיין קעפּל פון אַ יינגל מיט לאַנגע פיאות, ברענענדיקע אויגן, פון מאַנע קאַץ, דער אין בראָנדז געגאָסענער קאָפּ פון אַ ייד, אַ תלמיד־חכם, פון יונגן סקולפּטאָר ציטרינאָוויטש.

כאָטש אין די פענצטער האָט שוין געגרויט, ס׳איז צייט געווען אַוועקצוואַרפן דעם מידן גוף, האָט די אַלטע הויז־פרוי פאַלין, אָן רייד, אַריינדערלאַנגט קליינע שמעקנדיק פאַרבריטע קאָפּע אין טעפּעלעך פון איידעלן סערוויס, און אַוועקגע־

שטעלט פּאָר זיי אויפֿן נידעריקן טישל. איטשע האָט פֿון אַ באַהאַלטענעם באַר־קעלטער אַרויסגעצויגן אַ זעלטענע פלאַש קאָניאַק און זי געריימט :

— סע גיט... דאָס, אפרים, האָסטו נאָך זיכער אין דיין לעבן נישט פֿאַרזוכט...

אפרים האָט גיריק פֿאַרצויגן אַ סיגאַרעטל. דאָס האָט אים פּלוצים צוריק וואָך געמאַכט און געלאָזן ווייט בלאַנדזשען זיינע טראַכטענישן. אין דער צייט ווען איטשע האָט אָפּגעבראָכן דעם פּיטום פֿון אַ היפּשן ציגאַר, געצונדן שוועבעלעך, ביז ער האָט פֿאַרצויגן; אַוועקגעוואָרפֿן זיך אינם פּאָטעל קעגנאיבער, און ס׳האָט אינם הויז פֿאַרשמעקט מיט איידעלע אַראָמאַטן.

— קוקסט אָן די צייכענונג ? ווייסט, אויף מיין וואָרט, נישט גלויבן...

קעגנאיבער זיך האָט אפרים באַלד דערכאַפּט די עקספּרעסיווע קויל־צייכע־נונג, און ווי אַ בליץ־רעפלעקס, האָט ער גלייך דערקענט דעם שוועבנדיקן בליק פֿון דער פֿאַרכאַפּנדיקער פּרימאַדאָנע מרימל פֿון דער „ווילנער טרופּע״. יאָ, ס׳איז קענטלעך געווען זי, מרימל : אירע זינלעכע, שיין־געשניטענע ליפּן, איר קורץ־פֿאַרשאַרט סלאַוויש נעזל, דער קאָפּ בלאָנדע קרויזן. די זעלטענע קויל־צייכענונג האָט נאָך איטשע מיט יאָרן צוריק געהאַט איינגעהאַנדלט פּאַר אַ קליינער מטבעביים אָרעמען מאָלער פֿעליקס פֿרידמאַן. דער מאָלער מיטן שיקלדיקן אויג האָט זיך דאָרט געפּלעגט אַרומצודרייען אין די קוליסן פֿון יידישן טעאַטער אין וואַרשע, אויפֿצוכאַפּן אויף דער הייסער מינוט, אַביסל קאַריקאַטורמעסיק, די גרים־מאַס־קעס פֿון די אַקטיאָרן אין זייערע פֿאַרשיידענע ראָלן. די צייכענונג פֿון מרימל איז געווען אַן עקספּראָמט, פֿלינק אויפֿגעכאַפּט צווישן צוויי אַקטן, אין דער אויפֿ־פֿירונג פֿון רעזשיסער דוד הערמאַן, אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, פֿון אַנס־קי׳ס „די־בוק״. דער מאָלער איז דאָרט אַוודאי ערגעץ אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ; ער האָט אָבער אַזוי וויטיקלעך, אַזוי עקספּרעסיוו פֿאַראייביקט דעם ראָמאַנטישן פֿלאַטער פֿון לאה׳ן, די שיינע, צניעותדיקע יידישע כלה לאה, וואָס ס׳איז אַריין אין איר אַ דיבוק. די פֿאַרשטעלונגען אויף דער קאַראָווע גאַס, נידעריק ביי דער ווייסל, האָבן זיך געבראָכן פֿון פֿול־געפּאַקטע זאַלן. די געפּאַקטע טראַמווייען מיטן יידישן עולם פֿלעגן קומען צופֿאָרן פֿון די יידישע געגנטן אַרום מוראַנאָוו; און אַפֿילו דער פּוילישער טראַמוויי־קאָנדוקטאָר מיט די וואָנסן האָט שוין ביים אָפּשטעל געוווסט אויסצושרייען : „סטאַציאַ „דיבוק״... אויסשטייגן !״...

און ווען אפרים איז געבליבן מאָדנע פֿאַרווונדערט קעגנאיבער דער קויל־צייכענונג אין דער איידעלער ראַם, האָט אים איטשע פֿאַרטרויט :

— ווען דו ווייסט כאָטש, אפרים, ווער ס׳וועט דאָ זיין ביי מיר צוגאַסט ! ווייסט נישט גלויבן...

ער האָט געזען ווי ביי אפרימען שלאָגן ייִנגלשע פֿאַרבן אין די מאָגער־אויס־געגאָלטע באַקן.

— פֿון וואַנען — האָט ער באַלד פֿאַרשטאַנען — נעמט זי זיך אַהער ?

— ס׳איז אַ נס, נאָר מיט איר בלאָנדן שיינעם קאָפּ האָט זי זיך געראַטעוועט צווישן גויים. זי האָט אַפֿילו געזונגען אין די קאַבאַרעטן. דערנאָך האָט מען זי אויך פֿאַרשיקט קיין אוישוויץ.

— אַזוי... די שיינע מרימל...

אַ גרויער טאָג האָט אַריינגעקוקט אין די הויכע פענצטער. אפרים איז באַלד אַנדרימלט געוואָרן אין ווייכן פאָטעל, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אַהינטער. איטשע האָט דאָרט ערגעץ געשטאָלפּערט אַרויף איבער די צימערן און אַוועקגעפאַלן אויפן בעט, אין די זאַכן.

2.

באַלד צומאָרגנס האָט איטשע גענומען אפרימען און אים אַוועקגעפירט צום אַלטן „בוף קאָמעדיען" אויפן מאָנמאַרטר, אין דער געבײַדע פון פאַרצײַטיקן טעאַטער, ווו מ'האָט נאָך אין אָנהייב יאָרהונדערט געשפּילט די פּאַרשײַטע בולוואַר־פּיעסן. די געבײַדע איז געלעגן כמעט אונטער דער פאַרוויכערטער בריק, ווו אויבן איז געלאָפן די מעטראָ. דאָרט האָט די טרופּע יידישע אַמאַטאָרן סוף וואָך געשפּילט גאָלדפאַדענס „כישופמאַכערין", אין אַ נייער ווערסיע. דעם האַלב־פינצטערלעכן זאַל מיט די אָפּגעבליאַקעוועטע גאָבעלינען, אויסגעריבענע, פליושענע בענק, מיט דער אַלטמאָדישער רונדיקער גאַלעריע, האָט אין דעם אָוונט אָנגעפילט אַ היימישער עולם יידן. מ'האָט דאָ אײַנגעאָטעמט דעם אײַנגעגעסענעם שימל פון אַלטע געבײַדעס, וואָס שטייען שוין לאַנג אויפן פּלאַן אַראָפּגעוואָרפן צו ווערן. איטשע האָט אים געפירט:

— קום, אפרים — האָט ער אים געפירט — סע גייט... וועסט דאָ אָנקוקן עפּעס שיינס!

וועגן דער געעלטערטער אַקטריסע האָט ער אים נישט באַלד אַלץ אַנטפּלעקט. אפרים האָט נאָך גוט געדענקט די גאָלדפאַדען־שפּילן אין מוראַנאָווער טעאַטער, ביים אַלטן טעאַטער־דירעקטאָר קאָמפּאַנעיעץ. און ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך געשפּאָלטן, איז די בינע פול געוואָרן מיט היימישע יידן און יידענעס — האָצמאַך, מירעלע, דער שיינער הערמאַן, ווי ער זינגט דאָס ליד צו די פייגעלעך: „צי האָט איר נישט געזען אַמאָל מיין מירעלען דאָרט"... און ווען ס'האָט זיך באַוויזן די באָבע יאַכנע, האָט אים איטשע אַ שטאַרקע געטון:

— אפרים, דערקענסט כאָטש ווער ס'איז?

— כ'ווייס, אַז די באָבע יאַכנע האָט אַלעמאָל געשפּילט אַ מאַן, נאָר איבער־געטאָן...

— סע גייט... ס'איז, שטעל זיך פאָר, נישט קיין אַנדערע, ווי זי, מרימל. די כלה לאה פון „דיבוק"!

שפּעטלעך האָט זיך דער עולם אַרויסגעשאָטן, און איטשע האָט אַ נעם געטון אפרימען, אָפּצוּוואַרטן ביים הינטערשטן „אַריינגאַנג צו די אַרטיסטן" די דאַמע מיטן ברייטן הוט. זי איז דערשינען אונטערן גאַז־לאָמטער, אין בלייכן ליכט. אויף איר קאָפּ איז געלעגן אַ ברייטער אײַנגעבויגענער הוט, ווי אַ פויגל מיט צעשפּרייטע פליגל. פון הינטער דער וואָלקע האָבן הייס געשלאָגן די פאַרבן אין אירע מאָגערע

באַקן. זי האָט, זעט אויס, אפרימען נישט דערקענט; אויסגעטווישט אַ פּאָר ווערטער, האָט זי זיך שנעל אָפּגעזעגנט און נאָך צוגעוואָרפן איטשען :

— אַוודאי, כ׳וועל זיך אַרויפכאַפּן צו אייך.

3.

שפּעט נאָכן האַלבן טאָג איז אפרים אַרונטער אין סאַלאָן צו איטשען. צו די שויבן איז אין ווינטערדיקן פאַרנאַכט געהאַט צוגעפּאַלן אַ קאַלטער נעפּל. ס׳איז פרי נאַכט געוואָרן. אין בית השמשות איז אפרים לאַנג זיצן געבליבן אין דער טיפער שטול. ס׳איז אין טיפן זאַל מיט די צעהאַנגענע בילדער געווען האַלב־טונקל, עפּעס אַזוי ווי סודותדיק; און ס׳האָט זיך אים מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז די קויל־צייכענונג פון דער כלה לאה באַוועגט זיך, גייט אַרונטער. ער דערזעט זי אין איר ווייסן וועלאָן, דאָס פּנים פאַרדעקט, ווי מען פירט זי צו דער טרויעריקער חופה. ניין, ער אַליין פירט לאהן, אָדער מרימען, ער פירט זי געאָרעמט איבער די ווינטערדיק־פאַרשנייטע וואַרשעווער גאַסן. די גלעקלעך פון אַ שליטל קלינגען. דאָס פערדל, אַנגעטריבן פון אַנגעפּעלצטן קוטשער, לויפט איבערן ברוק אין פּראָסטיקן אָוונט ביז צו די לאַזשענקעס, אַראָפּ צו דער ווייסל. זי נעמט אַרונטער דעם וואָאַל און ס׳אַנטפּלעקן זיך אירע גרינע אויגן. די פּעלערינע פאַלט ווי אַ קאַסקאַדע פון אירע גלייכע אַקסלען. זי איז די צנועהדיקע לאה אין „דיבוק״, מירעלע אין דער „כישופמאַכערין״, מאַנקע אין „מאָטקע גנב״ פון שלום אַש.

אין יענע יאָרן האָט אפרים, ווי נאָר עפּעס איז פאַרביי זיין אַנגעצילטן בליק, באַלד אַליין אויך אַ וואָרף געטון זיך, פלינק צו פירן מיטן קויל־קריידל איבערן ווייסן פּאַפּיר. ער האָט זיך מיט איין פאַרקוועטשט אויג אַ רגע איינגעקוקט אין פאַרכאַפּנדיקן מיידלשן קעפּל, מיטן שטרענגן שרונט, מיט די זינלעכע ליפּן, מיטן געטאָקטן, לייכט־פאַריסענעם נעזל. די הענט האָבן ביי אים געפּיבערט. דאָ האָט ער אויפגעכאַפּט אַ טיפּישן שטריך, דאָ אַ בליץ־באַוועגונג פונם פאַרטראַכטן בליק. דאָס אָנגעוואָרפענע, די שאָטן־פלעקן האָבן אומגעריכט אָפּגעגעבן מיט פערספּעקטיוו; אָדער גאָר צו פירן מיטן קליינעם פּענזל אין וואַסער־פאַרב, און ס׳האָט זיך באַקומען אַ לופטיקער אַקוואַרעל, אַ פרילינגדיק שטיקל הימל, ס׳האָט זיך אַרויסגעשיילט אין דער טיף אַ שטיקל גאַס. ס׳איז אומגעריכט געווען די זעלבע אַטמאָספער, ווי אין די קורצע, פּלאַסטישע סקיצע־אַנוורפן ביים מאָלן זיינע געזונטע, טיפּישע וואַרשעווער יידן פון זיין סטאַווקי־געסל, מיטן געדיכטן וואַרשעווער יידיש אין זייער מויל. דאָס איז געווען ביי אים — סטיכיע.

אַצינד, אין בין השמשות, איז אים אויך פּלוצים באַפאַלן אַזאַ שפּעטערישער דראַנג. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי צום דערכאַפּן ערגעץ אַ בליישטיפט, אַ שטיקל פּאַפּיר. ער האָט געוואָלט אַ רוף טון איטשען, אָבער יענער איז שוין באַצייטנס פאַרפאַרעט געווען ביים באַר־קעלטער, אַרום דער אַלטער קאָמאָד מיט די פאַרהוילענע שופלאָז׳ן און פּאַכעלעך, אַ קונסט־ווערק פון אַלטן אַנטיקן־מעבלוואַרג, איינגע־

האַנדלט ביי די אויספאַרקויפן אין האָטעל דרואָ. זי האָט פאַרנומען אַ ווינקל צווישן ווייסן מילמלנעם קאַמין און דעם אַלטן שטיי־זייגער, אויך אַ זעלטנהייט, וואָס האָט אויסגעכריפּעט די שעה מיט אַ פאַרדומפּענעם קלונג. ער איז געשטאַנען, די וועסט אַראָפּגעוואָרפן, אין די בלויזע אַרבל־מאַנזשעטן, געשוויצט. באַלד דערנאָך אַ רוף געטון די הויז־פרוי פּאַלין, זי זאָל גרייטן צום טיש.

פּאַר געהויבענע געסט, אין אַזאַ פייערלעכן מאָמענט, איז איטשע באַלד אַוועק פאַרען זיך ביים באַר־קעלטער. דאָרט זענען געשטאַנען פאַרשטויבטע פלעשער מיט אַלדאָס גוטס — איידעלע ליקערן, וויינען, סקאָטש, אַלץ פון באַרימטע מאַרקעס, וואָס אַ באַקאַנטער וויין־הענדלער האָט זיי אים צוגעשטעלט אין הויז אַריין. פּונקט ווי דער היימישער רעסטאָראַטאָר פון „פּיקאַדילי״, אַבראַם, האָט אים אויף יעדן פרייטיק־צונאַכטס געפּלעגט צו באַזאָרגן געפילטע פיש, אַ היפּשן קאַרפּן־קאָפּ מיט אַ מייערל אין פיסקל, מיט כריין, וואָס פאַרגייט אין דער נאָז, אַ געבראָטן הינדל. ער האָט ליב געהאַט גוט אָפּצועסן, גוט אַריינצוגיסן. דער אַנטיקוואַר, אָדער קאָלעקציאָנער איטשע, מיט אַ רויטלעך פּנים פון אַ גוטמוטיקן וויין־טרינקער, אַן אַלטער עולם־הזהניק, האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַ כוסה, און יעדעס מאָל פאַרבעטן א גוטן־ברודער: „קום אַריין צו מיר אויף אַ קידוש״. צו אפרימען האָט ער גערעדט פּאַוואַליע:

— סע גיט... מיט וועמען, מיינסטו, האָב איך יענע וואָך געגעסן מיטאָג? וועסט נישט טרעפן. מיטן שעף־רעדאַקטאָר פון קונסט־זשורנאַל „ווי ד׳אַרטיסט״. כ׳האָב אים פאַרבעטן אין אַ רעסטאָראַן אויף שאַנז עליזיי. ווייסט וויפל דאָרט קאָסט בלויז אַ פלאַש וויין? אַכט טויזנט פראַנק...

מען ווייסט נישט פון וואַנען צו אפרימען איז אין דעם אָוונט צוריקגעקומען עפּעס אַ יינגלערישע פלינקייט. ביים ראַזירן, האָט ער זיך באַשמעקט מיט אָדעקאָלאָן די מאָגער־אויסגעגאָלטע באַקן, אָנגעשטעקט דאָס שוואַרצע קינסטלער־שלייפל, געלאָזן נאָכהענגען אויפן שטערן אַ שיינע פאַרגרויטע פּאַסמע פון זיין געדיכטער שעוועליורע; און האָט, צופרידן פון זיך אַליין, דערכאַפּט זיין פייערדיקן בליק, ווי אין יענעם אַמאָל. מיט אַ לייכט געמיט איז ער אַרונטער אין סאַלאָן און מאָדנע אומרואיק זיצן געבליבן אין טיפן פאָטעל. אָבער ביי יעדן קלונג אין דער טיר, האָט ער יינגלעריש אויפגעצאַפּלט. איטשע האָט אים באַטראַכט מיט אַ ברייטן שמייכל:

— סע גיט... זעסט נאָך אויס, קיין עין הרע, ווי אַ חתן בחור...

מ׳וואָלט טאַקע געזאָגט, אַז ס׳האָט אין דעם אָוונט נאָך איין מאָל אַ ריזל געטון אין ביידע געעלטערטע יידן דאָס הייסע בלוט פון אַמאָל, אין יענע שיינע וואַרשעווער יאָרן, צווישן ראָמאַנטישן יונגוואַרג, אין „הזמיר״, ווו פרץ פלעגט קומען האַלטן זיינע פלאַם־פייערדיקע רעדעס; פרץ אַליין, מיט זיינע פריציש־צעקעמטע וואָנסן, ווען ער איז אַרויס אויפן שפּאַציר שבת אין דער פרי אין זאַקסישן גאָרטן, אין זיין פעלערינע. ער איז נאָך דעמאָלט נישט אַזוי אַלט געווען, און זיין פייערדיקער בליק האָט נישט אויסגעמיטן די שיינע יידישע מיידל־קעפּלעך. ס׳איז געווען דער פרילינג אויף דער יידישער גאַס. די שיינע יידישע טעכטער האָבן אים אין „הזמיר״ אַזוי וואַרעם אַרומגערינגלט...

ווען די דאַמע האָט אַ קלונג געטון אין דער טיר, איז אפרים אויפגעשפרונגען. ס׳איז צוערשט ווידער געווען דער בליק אירער פון אַמאָל. די זעלבע מרימל. אַזוי האָט זיך אים געדוכט. ער האָט געקושט איר שמאָל הענטל. ס׳איז געווען אַ קילקייט אין איר שמייכל, פונקט ווי אין אירע איידעלע, צעאָדערטע הענט. ער האָט פלוצים דאָס קול אירס אויך מער נישט דערקענט. זי האָט זיך אַראָפגעלאָזן אין שאָטן פון צו שטאַרקן אַבאַזשור, דאָס גאַנצע ליכט זאָל נישט פאַלן אויף איר געזיכט אונטער דער וואַלקע. זי איז אַצינד געווען מיטלוווקסיק, אויף שווערלעכע פיס; אָבער אפרימען האָט זיך געדענקט, אַז זי איז געשטאַלטיק, דין, שלאַנק. אין אַזאַ געהויבענעם מאָמענט האָט ער מיטאַמאָל גענומען רעדן אַ פאַרפומירטן פויליש. אָבער זי, מרימל, האָט דווקא גערעדט אַ פשוטן יידיש.

— אפרים — האָט זי זיך אָפגערופן זייער היימיש — לאָמיר פאַרגעסן דעם פויליש. מיר זענען אַלע צעבראָכענע יידן, געראַטעוועטע רעשטלעך פון אַ גרויסן דור, פון אַ געדיכט יידיש פאָלק ביי די טייכן פון פוילן...

ער האָט זיך איצט געכאַפּט, ניין, ס׳איז נישט געווען מער די מרימל פון אַמאָל, די צניעותדיקע כלה לאה פון „דיבוק”. זי האָט געהאַלטן ס׳געזיכט פאַרבאָרגן אונטער דער וואַלקע, ווייט פונם ליכט, נישט צופיל צו אַנטפלעקן די קנייטשעלעך אַרום אירע אויפגעלויכטענע שוואַרצאַפלען. און אפרים אַליין האָט אויך מיטאַמאָל דערפילט אויף זיך די לאַסט פון יאָרן. ער האָט זיך אָבער, אַלץ אַביסעלע עקזאלטירט, געבעטן ביי איטשען :

— דערלאַנג אַרויף עפעס שאַרפס... מ׳זאָל אין אַלעם פאַרגעסן...

און איטשע האָט נאָך געלאָזן הערן זיין הייזעריקלעך קול :

— סע גיט... ווילסט אַוודאי צוריק זיין דער יונגערמאַן מיט די גלאַנציקע שטיוועלעך, מיטן רויטן שאַל פאַרוואָרפן אַרום האַלדז, מיטן מעסער־גלאַנץ אין דיינע אויגן... ס׳אַן אילוזיע. אָבער גוט איז אויך אַן אילוזיע...

1979

די היסטאָרישע ליאַמע

אין אַ זומער־פאַרנאַכט פון יענע מיטן־צוואַנציקער יאָרן האָט זיך דאָרט איינ־מאָל שלום זייגערמאַכער, אַ בליכער, מיטליאָריקער מאַן מיט בערשטלדיק־אונטער־געשוירענע בלאָנדע וואָנסעס, קוים דורכגעשפּאַרט די המונים אויפן בולוואַר סען־מישעל. אַרויס פון דער מעטראָ, האָט ער געזוכט צו קערעווען זיך אַרויפצו, ביזן לוקסענבורגער גאָרטן ביזן פּאַנטעאָן. אין אַ זייטיק געסל, צווישן אַלטע מויערן, האָט ער אָפּגעזוכט דעם ביליקן סטודענטן־רעסטאָראַן „צום גרינעם פּאַזאַן". ער איז דאַסמאָל געווען נערוועז, אויפגערעגט, ווי קיינמאָל נישט. ער האָט נאָך דעמאָלט געפירט זיין זייגערמאַכער־געוועלבל אויפן הויכן מענילמאָנטאַן, אָבער דער קאָפּ איז אים מער נישט געלעגן דערביי. ער האָט זיך אין יענעם זומער אָפּט אַראָפּגעכאַפּט אַהער, אויפן רוישיקן בולוואַר, צווישן די געזעמלעך, עפּעס געניסטערט, געשמעקט, מאָדנע אַריינגעקוקט אומבאַקאַנטע מענטשן אין די אויגן. אפשר דערפאַר אויך האָט ער זיך אין דעם פאַרנאַכט געלאָזן פאַרבעטן צו דער היימישער חברישער ליאַמע צווישן דער קליינער גרופּע אַנאַרכיסטן, ווייל מ'האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט דאָרט אויך טרעפן דעם באַרימטן אַטאַמאַן מאַכנאָ, וועלכער האָט זיך דאָ אַ שטיקל צייט אויפגעהאַלטן אין דער עמיגראַציע.

אויף די ברייט־צעלייגטע קאַפע־טעראַסן, פּונקט ווי אין די זייטיקע ביליקע ביסטראָס און רעסטאָראַנדלעך אַרום בולוואַר סען מישעל, האָט מען נאָך דעמאָלט צווישן אַנגעלויף פון סטודענטן און כל המינים אויסלענדער, אָפט געקענט הערן דאָס ברייטע, ווייכע, זינגעדיקע רוסישע לשון. פּאַריז איז אין יענע יאָרן פול גע־ווען מיט די אַנגעלאָפענע עמיגראַנטן פון רעוואָלוציע־איבערגעבריזטן רוסלאַנד. צוזאַמען מיט די פליטים, האָבן זיך דאָ אויך אַרומגעדרייט רעשטלעך פון די צע־קלאַפּטע ווייסע אַרמייען. זיי זענען דעמאָלט געלאָפן דורך אַלע הפקר־געלאָזענע גרענעצן און שפּאַרעס. צווישן די פּאַריזער טאַקסי־שאָפערן זענען נישט ווייניק געווען רוסישע אָפיצירן. טייל פון זיי, שטאַלטנע, געזונטע, שיינע יונגען, האָבן אָפילו פאַרווילט דעם האַלב־נאַכטיקן עולם, געטאַנצט דעם רוסישן טרעפּאַק אין די באַרימטע, פול־באַזעצטע נאַכט־קאַבאַרעטן אויפן פּיגאַל, אין „שעכאַרעזאַדע", אין „טאַבאַרען", געלאָזן הערן זייערע מעכטיקע רוסישע בעסער אין די סענטימענ־טאַלע ציגיינער־ראָמאַנסן, באַגלייט פון באַלאַלייקעס.

די חברישע ליאַמע איז דאַסמאָל אומגעריכט פאַרוואַנדלט געוואָרן ווי אין אַ לעצטן, הייליקן, פייערלעכן אָוונט־ברויט פאַר זייערע קאָסמאָפּאָליטישע אי־דעאַלן, אַרום אָרעמלעך־געגרייטן טיש. ס׳זענען זיך דאָ צונויפגעקומען די ווייניק־פאַרבליבענע געעלטערטע חברים און חברטעס פון דער „פרייהייטלעכער ליגע״, דוכט זיך, ס׳רוב יידן. ס׳איז געווען אַ היימישע ליאַמע ביי דער געלעגנהייט, ווייל די באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערין עמאַ, וואָס מיט איר האָט געקלונגען אַ וועלט, האָט דאָ אין יענעם זומער אויף איר וועלט־רייזע, פאַרהאַלטן זיך אין פּאַריז. דער נאָמען פון דער באַרימטער אַנאַרכיסטקע האָט ווייט אָפּגעקלונגען מיט איר פּראָקלאַמירן די אידייען פון קראָפּאָטקין, מיט איר קאַמף צווישן די סופראַזשיסטקעס אין אַמע־ריקע, מיט איר הויך פּראָקלאַמירן די פרייע ליבע. ס׳איז נאָך דעמאָלט געווען אין דער לופט עפּעס אַן אָפּשיין פונם שיינעם, ראָמאַנטישן אָנהייב יאָרהונדערט, די צייט פון די הויכע אידייען וועגן קאָסמאָפּאָליטיזם, אינטערנאַציאָנאַליזם, פון פעל־קער־פרייהייט. עס האָבן נאָך דעמאָלט אין דער פּאַריזער געדיכט־אָנגעלאָפענער יידישער עמיגראַציע געלעבט רעשטלעך, איבערבלייבענישן פון די אַמאָליקע שטרענג־קאָנספּיראַטיווע אַנאַרכיסטישע גרופּן, צווישן זיי, ווי געוויינלעך, יידישע שניידערס. זיי האָבן דאָרט אַמאָל געשטורעמט, געמאַכט אַטענטאַטן אויף מיניסטאָרן אין צאַרישן רוסלאַנד, דורכגעפירט „עקסן״ אויף מלוכה־בענק, געשטורעמט „די פאַרפוילטע וועלט פון עקספּלואַטאַציע און שקלאַפערייי״. מ׳האָט נאָך דאָ, צווישן די געעלטערטע יידישע אַרבעטער געזונגען די פייערלעכע לידער — „אַז דו אַקערסט און דו זייסט״, „די צוואה״ פון דוד עדעלשטאַט, „אַ, גוטע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן״. די געעלטערטע חברטעס מיט די גרויע קעפּ זענען זיך פאַרגאַנ־גען מיט זייערע געשפּאָלטענע שטימעלעך, מיט עפּעס אַן אַלטן פּאַטאָס ״פון יענע יאָרן״. טייל פון זיי זענען ערשט נישט לאַנג צוריק געקומען אַנצולויפן פון פאַר־שאַרפטן באָלשעוויסטישן טעראָר, נאָך דער זיגרייכער אָקטאָבער־רעוואָלוציע; דאָרט, ווו ס׳זענען — ווי זיי האָבן שוין דעמאָלט געטענהט — „פאַראַטן געוואָרן די הייליקע אידייען פון פּראָלעטאַריאַט״. אַנדערע האָבן זיך אויך געהאַט צוריקגע־קערט אַהער פון פאַרנעפּלטן לאָנדאָן, פון די געדיכט־אָנגעלאָפענע עמיגראַנטן־געזעמלעך, וואָס זענען דאָרט, נאָכן 5־טן יאָר, אויפן וועג קיין אַמעריקע שטעקן־געבליבן אין אַרבעטער־קוואַרטאַל, אין ווייטשעפּל.

מ׳איז זיך דאָ צוזאַמענגעקומען, ווי געוויינלעך, אין ביליקן סטודענטן־רעס־טאָראַן „צום גרינעם פאַזאַן״, אין אַ זייטיק געסל אויפן לינקן ברעג סען. איבערן קאָפּ האָבן געבלענדט עטלעכע נאַקעטע עלעקטרישע לעמפּלעך. דער וואָנסיקער פּאַטראָן, ברינאַ, האָט אוועקגעשטעלט עטלעכע פלעשלעך אויף די טישן, אָרעמלעך פאַרשפּרייט מיט ווייס פּאַפּיר. ס׳איז שוין געווען געדיכט אָנגערויכערט. דאָ איז גע־זעסן דער חבר מישאַ, אַ וועטעראַן, אָן אַ האַנט. אַ פראַנצויזישער חבר פון די אַמאָ־ליקע „קאָמפּאַניאָנען״, האָט פאַרצויגן די „קאַרמאַניאָלע״ מיט אַ הייזעריק באַסל. אויבן אָן איז געזעסן די חברטע עמאַ. אַ קליינע, דראָבנע פרוי. זי האָט געטראָגן אַ טונקעלן, צעפּלויגענעם ברייט־ראַנדיקן הוט, פון הינטער וועלכן ס׳האָט אַרויס־געקוקט אַ פאַרגרויט גרעקל. אויף דער אויבערשטער ליפּ — אַ שאָטן פון אַ וואָנ־

סעלע, אירע אויגן, אומרואיקע, האַלב־פֿאַרלאָשענע, ווי פֿון עפּעס אַן עקזאָטישן פֿויגל. זי האָט געהאַלטן אין איין זויגן די סיגאַרעטלעך, פֿאַרשאָטן זיך מיטן אַש די שפּיצן־בלוזקע איבער דער פֿלאַכער ברוסט. אין אירע פֿייערלעכע רייד איז געווען היסטעריע. זי האָט פּראָקלאַמירט:

— די וועלט פֿון פֿינצטערע מלוכה־הערשער מוז פֿאַרשווינדן... ס'זאָל ליכטיק ווערן פֿאַרן אָרעמען אַרבעטער־פֿאָלק פֿון אַלע אונטערדריקטע נאַציעס...

ס'איז אויך געקומען צו־רייד וועגן פֿרייע ליבע, און די געעלטערטע ווייבער האָבן זיך אַביסעלע געררויטלט. מ'האָט זיך גענומען שושקען אויפֿן אויער, ווייל די חברטע עמאַ האָט גערעדט אַביסל צו רוי וועגן די ענינים, כמעט אַן פֿייגנבלעט־לעך; זי איז נישט מסכּים געווען מיט דער חברטע דאָראַ קאָהן, די פֿרוי פֿון קליי־נעם „טאַטעלע" דעם בונדיסט, וואָס שייך די שטעלונגען פֿון קראָפּאָטקין, סיי וועגן פֿרייהייטלעכן סאָציאַליזם, סיי וועגן דער פֿרייער ליבע:

— דער מענטש ווערט געבוירן פֿריי. דיין קערפּער געהערט צו דיר אַליין.

— אָבער דאָס משפּחה־לעבן — האָט יענע געפּרוווט דערווידערן — איז פֿאַרט הייליק, זייט אוראַלטע צייטן איז עס די באַזע פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט.

— דער מענטש, ווי יעדער באַשעפֿעניש, איז געקנעטן פֿון די זעלבע עלע־מענטן. די חיה, ווי דער מענטש.

דער איינציקער, וואָס איז אינגאַנצן מסכּים געווען מיט דער חברטע עמאַ, איז געווען דר. כעמיע. נישט אומזיסט איז ער פֿאַרבליבן אַן אַלטער בחור. ער האָט מיט ציטערדיקע פֿינגער געוויקלט סיגאַרעטלעך אין ביבולע־פּאַפּיר, פֿאַרצויגן צווישן די אָפּגעזונקטע, אַראָפּהענגענדיקע וואָנסן. ער האָט אַמאָל געהאַט שטודירט אין דער שווייץ, אַרומגעפֿלירטעוועט מיט די יונגע, שיינע, אָנגעפּאַרענע קור־סיסטקעס פֿון רוסלאַנד, און — איז פֿאַרבליבן אַן אַלטער קאַוואַליער. אויפֿגעהאַלטן האָט ער זיך ערגעץ אויפֿן בעלוויל, געצויגן די חיונה פֿון געבן לעקציעס, פֿון אונ־טערקנעלן מיט יידישע קינדער, פֿון סאַמע צופֿעליקייטן. אויף אַלעם האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן, בדרך משל, אַ וויץ, און אַליין געשאָטן זיך דערביי מיט אַ דריבנע געלעכטערל. ער האָט געשריבן קורצע, גייסטרייכע עסייען, באַווירצט מיט הומאָר, אין דער „פֿרייע אַרבעטער־שטימע". ער האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט זייער טשיקאַווע זכרונות פֿון זיינע סטודענטישן יאָרן אין דער שווייץ, צווישן די עמיג־ראַנטישע פּאָליטישע גדולים אָנהייב יאָרהונדערט, וואָס האָבן אין די שווייצער טאָ־ווערנעס געמאַכט געשיכטע. ער איינער איז אינגאַנצן מסכּים געווען מיט דער חברטע עמאַ, און דערפֿאַר אפֿשר האָט ער זיך אין יענעם אָוונט איינגעקויפֿט אירע הייסע סענטימענטן.

— מיר זענען — האָט ער געלאָזן הערן זיין אַביסל פֿאַרדושעטע שטימע, אין צוויי־דייטיקן שמייכל — ווי די זומער־פֿייגעלעך, ווי די בינען, פֿרייע, אָן שום פֿליכט פֿון זייער מין. מיר פֿלאַטערן אין זומער־טאָג פֿון אונזער לעבן פֿון בלום צו בלום, צו זויגן דעם זיסן האָניק...

אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען דעם שיינעם, פּאָעטישן און צוויי־דייטיקן פֿאַרגלייך, דעם טיפֿערן מיין פֿון זיין אַלט־בחורישער דערפֿאַרונג.

אין זעלבן ווינקל, פאַררוקט אַרויפצו, זענען געזעסןביידע חברים פון דער דעה, בן־שושנים און הערש פענסטער. בן שושנים איז געווען דער שאָטן פון מאַג־פּאַרנאַס, האָט אין די קליינע קאַפּייען פאַרברענגט ביים שפּילן אַ פּאַרטיע שאַך און געגראַבלט דערביי פון אויבערשטן קעשנקעלע אַן אָפּגעברענט עקל פון אַ סיגאַרעט. לעבן אים איז געזעסן פענסטער, אַ קליינער, בלאָנדלעכער יונגערמאַן פון גאַליציע, אַן אינטעליגענט. ער איז מיט אַ שטיקל צייט צוריק געקומען אַנצולויפן פון ווין, נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע אין בודאַפעשט. בן שושנים האָט געקוקט פון אונטערן שטערן מיט אַ פאַרלאָפענעם, פאַרדמיונטן בליק. זיין געוויינלעך ווערטל איז געווען: „מיר זענען דורכגעפאַלן מיט דער מענטשהייט״. צווישן זיי ביידן איז פאָרגעקומען אַ דיאַלאָג אין מער־וויניק אינטעליגענטע פראַזן:

— עפּעס זע איך דיך, בן שושנים, היינט מער ווי אַלעמאָל פאַרטראַגן אין די עולמות העליונים...

— פאַרשטייסט?... — האָט זיך בן שושנים אָפּגערופן — כ׳האָב די זאַך דורכ־געטראַכט אין דער סאַמע טיף. די לעצטע פעסטונג פון גלויבן קראַכט אין מיר. ס׳האָט זיך אַ וואַקל געטון מיין אמונה אין וואָרט גופא, אין זיין שליחות, אין דער באַפרייערישער מיסיע... פאַרשטייסט?...

— ס׳ווענדט זיך אין וואָס פאַראַ וואָרט און פון וועמען עס ווערט אַרויסגע־בראַכט. אַוודאי האָסטו רעכט וועגן די, וואָס מאַכן אַ געצייג פון זייערע אַמביציעס און קאַריערעס; די, וואָס פעלשן אין זיין זיגל. אָבער ערגעץ ווו קומט דאָך פאָרט דאָס וואָרט פון טיפסטן און ריינסטן קוואַל, אין געראַנגל, אין דער שטרעבונג, אין אידעאַל־זוכעניש. אויך דאָס באַפרידיקעט דיך נישט?

— כ׳האָב מורא, אַז ניין. די זאַך איז אַ סך טיפער, טראַגישער, ווי דו מיינסט. כ׳האָב זיך אַראָפּגעבויגן איבערן ברונעם, פון וואַנען דאָס וואָרט קומט — די נשמה פון מענטש, די טיפע איבערלעבונג.

— קומט אויס, אַז דו צווייפלסט אין דער קונסט אויך. ס׳איז אין דיר אונטער־געגראָבן געוואָרן דער גלויבן, אַז די קונסט איז אַדעקוואַט צו די טיפע שפּירונגען און עמאָציעס פון דער פערזענלעכקייט, וואָס רעאַליזירט זיך אויף יענער זייט פון באַוווסטזיין און באַגריף...

לעבן זיי איז שלום זייגערמאַכער אונטערגעשפּרונגען צווישן די טישלעך. ער האָט זיי דאָרט מער קיינעם נישט געהערט. אויך אויף דער צעפלויגענער חברטע עמאַ מיט אירע היסטערישע אויסברוכן האָט ער זיך מער נישט אומגעקוקט. זייערע הייסע רייד האָבן אים מער נישט אינטערעסירט. וועלט־פּראָבלעמען... מענטשהייט... פרייע ליבע... אין דער צייט, ווען אין אים האָט געברענט די שאַנדע און דער נקמת־הדם פאַר די אויסגעקוילעטע יידן פון פּראָסקוראָוו. ער האָט אַ כאַפּ געטון דעם דר. כעמיע פאַר אַ לאַץ:

— דאָס איז ער, זאָגסטו?... — האָט ער אָנגעוויזן מיטן בליק אויפן מאַן אין אַנדערן עק טיש.

מ׳האָט געזען, אַז אין אים קאָכן די געבלוטן. אין זיין בעסאַראַבער יידיש מיט אַ סך קאָמעצן, האָט ער זיך זייטיק נאָכגעפרעגט ווער ס׳איז דאָ מאַכנאָ. ער האָט

זיך לאַנג איינגעקוקט אינם קליינעם מאַן מיטן פּנים פון ליים־קאָליר; אַ קורנאָסע, קורץ־פאַרריסן נעזל, אַן אויסגעביסענער טשוב און אַ קלייִנער לאָק איז אים פון דער זייט געפאַלן איבערן שטערן, איבער די בולטע קינען. מ׳האָט אים פון דער זייט אַ מורמל געטון, אַז דאָס איז ער. ער איז נאָך נישט געווען זיכער, צי זאָל ער אים פאַררעכענען פאַר אַ פּאָגראָמשטשיק, ווי פּעטליורען, אָדער ווי זיי פאַרזיכערן — אַ פאַרביסענער רעוואָלוציאָנער, אַן אַנאַרכיסט, וואָס האָט זיין לעבן אַוועקגעגעבן אין קאַמף קעגן צאַריזם, פאַר דער פרייהייט פון אַרבעטער און פּויער. ס׳איז אמת, ער איז יאָרן לאַנג געווען פאַרשיקט אויף סיביר, האָט געשפּיגן מיט בלוט, ביז די רע־וואָלוציע האָט אים באַפרייט. ער האָט געפירט אין קאַמף זיינע אייגענע פּויערישע אַטריאַדן אויף אוקראַינע, אין גרויסן כאַאָס. ביי אים טאַקע האָט שלום דער עיקר געוואָלט וויסן:

— זאָגסטו, אַז דער מערדער פּעטליורע דרייט זיך דאָ נאָך אַלץ אַרום?...

— וויניק דרייען זיי זיך דאָ אַרום? אויב ווילסטו וויסן, האָב איך אַליין, מיט מיינע אייגענע הענט, צעשאָסן די פּאָגראָמשטשיקעס...

און ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזן נידעריק אויף דער שטול. עטלעכע פלע־שער פון ביליקסטן ווייַן זענען געשטאַנען אויפגעקאָרקעוועט אויפן טיש, אָרעמלעך צובייסן, ברויט, קאָלבאַס. און איידער וואָס, איז אַלץ פאַרצערט געוואָרן פון טיש־אַראָפּ, צווישן די אויסגעהונגערטע לייט. אָבער דער מאַן מיט פּנים פון ליים־קאָליר האָט געהאַלטן אין איין גיסן פון דער פלאַש „סטאָלעטשנאַיאַ". די בולטע קינען האָבן זיך ביי אים געריוועלט, אַנגעצונדן מיט אַ קראַנקן פלאַם. ער איז באַלד דער־נאָך אויפגעשטאַנען אויף זיינע וואַקלדיקע פיס און זיך געקלאַפּט מיטן בלייכן פויסטל אין דער ברוסט:

— דער חבר וואָלין, אַן אייעריקער, איז מיין עדות, אַז כ׳האָב נישט דערלאָזן צו קיין פּאָגראָמען אויף יידן אין מיין קרייז דערפער. מיינע טאַטשאַנקעס זענען אָנגעפלויגן ווי אַ וויכער. מיר האָבן זיי צעשאָסן, די ווייסע באַנדיטן...

ס׳איז אמת, דער יידישער אַנאַרכיסט וואָלין איז געווען דער בעל יועץ און דער טעאָרעטיקער אין זיין שטאַב, אין הולאַי־פּאָלע. אַ קייט צוויי־רעדערדיקע פור־לעך, באַזעצט מיט קוילן־וואָרפערס, האָט זיך יעדע נאַכט אַריינגעריסן אין די דערפער און שטעטלעך אַרום יעקאַטערינאָסלאַוו, צעגראַמירט און פאַריאָגט די דעניקינצעס, די פּעטליוראָווצעס. מיט די אָפּגעריסענע באַלשעוויסטישע טיילן איז צוערשט אויסגעקומען צו גיין האַנט אין האַנט. דערנאָך האָבן זיי די מאַכנאָ־אָט־ריאַדן אויך פאַריאָגט. מאַכנאָס נאָמען איז שפּעטער אויסגערעכנט געוואָרן צוזאַ־מען מיט אַלע ווייסע באַנדע־פירער.

שלום זייגערמאַכער האָט פונדעסטוועגן גערעדט צו מאַכנאָ מיט אַביסעלע חשד, ווען יענער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך געוואַקלט אַביסל שיכורלעך:

— האָסט געזען פאַרגיסן אַזויפיל יידיש בלוט... האָסט אַליין אויך פאַרגאָסן בלוט. צי ביסטו ראוי צו פריידיקן הויכע אידעאַלן וועגן מענטשלעכער פרייהייט?...

מאַכנאָ האָט געפינטלט מיט די פאַרטיפטע אויגן פון אַ וואַסערדיקן בלוי, זיין געקאַרבט פנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בראַנדיקע קאָלירן:

— איך שווער ביי אַלעם הייליקן... שווער איך...

— ווער וועט דיר דען גלויבן ?...

— די באָלשעוויקעס האָבן מיך אויך אָפּגענאַרט, אַרומגערינגלט, אַנטוואָפנט. געווען אויך ביי זיי, צווישן די אָטריאַדן, וואָס האָבן גערויבט, געקוילעט, פאַרגוואַלדיקט. זייער רעזשים שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר מאָרד...

— נישט איך, זאָל די געשיכטע משפטן. אָבער פעטליורען וועל איך גיין און אַוועקלייגן ווי אַ הונט...

דאָס אַלץ איז געשען הינטער די פּלייצעס פון די הייסע רעדערייען און דיסקוסיעס, וואָס זענען נאָך דאָרט אַלץ אָנגעגאַנגען. די חברטע עמאַ האָט שוין אין דעם אָוונט דעם דר. כעמיע נישט אָפּגעלאָזן. זיי האָבן אפשרביידע געטרונקען אַביסעלע צופיל. ס'איז געווען אַ וואַרעמע זומער־נאַכט, אַ נאַכט — אַ מיסטעריע. עמאַ האָט זיך געהילט אין דער דינער פּעלערינע, וואָס איז געפאַלן פון אירע מאָגערע, אָפּגעדעקטע אַקסלען. זי האָט זיך לאַנג איינגעקוקט מיט פאַרנעפּלטן בליק אין דער אויסגעביסענער שעוועליורע פון דר. כעמיע, אויף זיין פאַרברוינטער היפשער געדיכטער וואָנסע, וואָס האָט פאַרדעקט זיינע זינלעכע ליפּן, מיט פייכטלעכע, פאַרליבטע אויגן פון אַ מיידעלע. די ווייבער, די חברטעס, האָט ער אַלעמאָל געהאַט צו דערציילן צוויי־דייטיקע וויצן און ער האָט זיך דערביי אַליין געשטיקט מיט אַ געלעכטערל, ווי מ'וואָלט אים געקיצלט. די ווייבער האָבן עפּעס יאָ דערכאַפּט און געשאָטן זיך פון געלעכטער:

— אַזאַ אַלטער ביין... ווי נאָר ער דערזעט עפּעס אַ קליידל...

חברטע עמאַ איז אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט געפילט די קראַנקע וואַרעמקייט, ווי פון אַן עוף, וואָס האָט געשלאָגן פון איר אָפּגעדעקטן אָרעם.

— פיר מיך צו דיר... — האָט זי געמורמלט הייזעריקלעך — מיר זענען אפשר נישט פון דער ערשטער יוגנט, אָבער ווי לאַנג ס'בלוט ברויזט נאָך אין אונזערע אָדערן פון פרייע מענטשן...

ער איז מיטאַמאָל געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט. ער האָט געשטאַמלט:

— כ'ווייס נישט צו מיינע אַפּאַרטאַמענטן וועלן דיר געפעלן...

און ער האָט דערביי אַ טראַכט געטון סיי וועגן זיין אָרעם, פינצטער צימערל, פול אָנגעוואָרפן מיט ביכלעך, צייטונגען, מיט אומריינע וועש, חוץ די טויטע פליגן, וואָס דרעמלען אין ברודיקן פאַרהענגל; סיי וועגן עפּעס אַ האָטעל אין דער געגנט. אָבער ווי פאַסט עס ? זיי וועלן דאָרט אַוודאַי לאַכן...

ס'איז שוין געווען שפּעטלעך, ווען ער האָט זי געפירט איבערן טראָטואַר. זי האָט זיך אָנגעהאָנגען אין אים.

זי האָט דאָרט ערגעץ געהאַט פאַרגעסן איר ברייט־ראַנדיקן הוט. איר פאַרגרויט גרעקל האָט זיך צעשיט איבער אירע מאָגערע אַקסלען. זיי האָבן געהאַט איבערגעלאָזן די חברים־פאַרזאַמלונג. ס'האָט דאָרט דורך די אויפגעמאַכטע טירן

געצויגן אַ צוגווינט. אין דער וואַרעמער זומער־נאַכט זענען זיי ביידע פאַרווישט געוואָרן אין ווייכן, דינעם נעפּל, וואָס איז געהאָנגען צווישן די סען־בריקן. זיי האָבן אַפילו נישט באַמערקט ווי הינטער זיי שפּאַנט שלום זייגערמאַכער צווישן די המונים אויפן טראָטואַר און קוקט מענטשן אין די אויגן אַריין, מיט אַ מאָדנעם חשד.

דער באַשלוס איז ביי אים געווען אַ פאַרטיקער.

1980

די אַקאַדעמיע אונטערוועגנס

אַלע ווייטע פחדים און שלעכטע פּאַרגעפילן זענען אין יענעם לעצטן זומער געהאָנגען איבערן הויז פון אַרקאַדי ירוחמזאָן. דער אַלטער מענשעוויק, פון די ראשונים פון „בונד״, דער אידייען־חבר פון יורי מאַרטאָוו, אַרקאַדי ירוחמזאָן, האָט נאָך אין לעצטן פאַרנאַכט אָנגעגורט די בריל מיטן שוואַרצן שנירעלע אונטערן אויער אויף דער דינער, אַריסטאָקראַטישער נאָז. דאָס פאַרגרויטע שפּיץ־בערדל — צעשויבערט, אין דער קרום, האָט ער זיך אַ רגע לאַנג און שאַרף איינגעהאָרכט צום געדיכטן כאָר אויטאָ־סיגנאַלן, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון בולוואַר אין דער נידער. ס׳איז געווען אין שפּעטן נאָכמיטאָג פון יענעם אומפאַרגעסלעכן סוף־זומער, קורץ איידער ס׳גרויסע אומגליק האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. ער איז פאַרזיכטיק צו און אַ פּאַר־שאַר געטון דעם שווערן גאַרדין, וואָס האָט דעם גאַנצן זומערדיקן טאָג געהאַלטן דאָס הויז אין האַלבן שאָטן, די סוף־אויגוסט זון זאָל ניִשט אַזוי באַקן. ער האָט זיך אַליין אויך געהאַלטן אַביסל אין שאָטן, זינט ווען זיי זענען אַנטרונען, אין גרויס בהלה, פון היטלערישן בערלין. ער איז געזעסן אָפּגעשלאָסן בחדרי חדרים, האָט זיך שוין איצט זעלטן ווען געוויזן אין דער עפנטלעכקייט.

אין יענעם זומער, נאָך מינכען, איז די לופט סיי ווי פול געווען מיט שפּאַנונג און מיט אומרו פאַרן מאָרגן. אומהיימלעכע זאַכן האָבן זיך דאָ אַרום אים אָפּגעטון; מ׳האָט אין יענעם לעצטן זומער איינמאָל געפונען אין דער סען אַ מאַן מיט אַן אָפּ־געהאַקטן קאָפּ, מיט אָפּגעהאַקטע פינגער. די פּרעסע איז אַרויס מיט סענסאַציעס און איז עפּעס צו גיך אַנטשוויגן געוואָרן. ס׳איז אויך פּלוצים פאַרשווונדן געוואָרן נאָך איינער אַ רוסישער ווייס־גוואַרדייאישער גענעראַל אין דער גלות־עמיגראַציע. נאָך די טרויעריק־באַרימטע מאָסקווער פּראָצעסן דאָרט, נאָכדעם ווי ס׳איז אויך דאָ באַ־קאַנט געוואָרן דער מאָרד איבער טראָצקי׳ס זון, נאָכן פאַרשווינדן פון זיין אייגענעם זון אין שפּאַנישן בירגער־קריג, איז דער אַלטער מענשעוויק אַרומגעגאַנגען מיט פאַרדאַכטן, אַז זיין אייגן הויז איז אין געפאַר, איז אפשר אַרומגעשטעלט מיט פאַר־דעכטיקע לייט. ער אליין איז אויסגעשטעלט אויף געפאַרן; ווייל ס׳איז אים מאָדנע אַ שאָד געווען, אין דער צייט, ווען ער האָט נאָך אַזויפיל וויכטיקע אויפגאַבן מתקן צו זיין אין קורצן דויער פון אַן אינטענסיוו לעבן.

אַלע פענצטער אויפן הויכן שטאָק אין די נייע, רויט־ציגלדיקע הייזער־בלאָקן האָבן אַראָפּגעקוקט צום רוישיקן בולוואַר. אויף דער ברייטער אַרטעריע פון די

פּאַריזער דרום־פּעריפעריעס, פּאָרט ד׳אָרלעאַן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן א גאָלדיקער פאַרנאַכט אין מילדע, ראָזע אָפּשײַנען. אויף די אויסערלעכע בולוואַרן איז דעם גאַנצן מעת לעת געוויינלעך געשטאַנען אַ האַסטיקע פאַרעריי פון דער ראָד־באַוועגונג. דער ברוק האָט זיך נאָכאַנאַנד געטרייסלט פון די שווערע לאַסט־מאַשינען. ס׳האָבן דורכגעדרוישט אַ קייט מאָטאָציקלען. אָבער אין דעם שפּעטן נאָכמיטאָג האָט עס אויסגעזען צו זיין גאָר אומגעוויינלעך. דער ים אויטאָס און לאַסט־וועגן האָט פאַרשטאָפּט דעם ברייטן שאָסיי, קוים דורכצולאָזן דעם לאַנגן קאַראַוואַן לאַסט־פערד מיט די שווערע, פאַרוואַקסענע סטאָפּעס. זיי זענען געפירט געוואָרן ביי די צוימען פון אַרטילעריסטן, אין פולן סטראַי, מיט די שווערע קאַסקן איבער די אויגן, צו די נאָענטע קאַזאַרמעס, צום גאַרניזאָן פון די שוואַרצע סענעגאַלער טרופּן, פון דער שווערער אַרטילעריע. פוןביידע זייטן טראָטואַר, אַרום די פאַרפאַקטע מעטראָ־איינגענג, האָט זיך צונויפגעשטופּט אַ נייגעריקער המון. די לאַסט־פערד האָבן שווער און ערנסט, ווי פאַרמשפּטע, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, געטראָטן איבערן ווייך געוואָרענע אַספאַלט.

ביים אַלטן סאָציאַליסט, וועלכער איז אַמאָל בייגעווען אין פּעטראָגראַד, אין יענעם הייסן אָקטאָבער, ווען ס׳איז געשטורעמט געוואָרן דער ווינטער־פּאַלאַץ, האָט עס פּלוצים אויפגעוועקט קענטלעכע אַסאָציאַציעס פון נאָענטע מהומות און אומגליקן; ווי דער משונהדיקער גאַנג פון דער געשיכטע וואָלט זיך דאָ ווידער אָפּגעשפּילט פאַר זיינע אויגן. ער האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט און מיט ביטערער איראָניע, אָפּגערופן זיך צו זיי דאָרט, ווו זיי זענען דעם גאַנצן נאָכמיטאָג נאָך אַלץ געזעסן אַרום טיש, פאַרטון אין וויכוחים, ווייל עס זענען געהאַנגען איבער אַלעמען גרויסע זאָרגן:

— נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן. קעגן דער מאָדערנער פּאַנצער־אַרמיי פון די נאַציס ווילן זיי, די פראַנצויזן, קעמפן מיט זייערע מיטלאַלטערלעכע ריטער־פערד, איינצושפּאַנען די שווערע אַרטילעריע. זיי מיינען אוודאי ס׳איז ווערדון, וואָס געהער שוין באַלד צו דער פּרעהיסטאָריע...

— עפּעס פּוילט דאָ ווירקלעך אינם קעניגרייך פון די דעמאָקראַטיעס... — האָט זיך דאָרט עמיץ פון די פאַרזאַמלטע דערמאָנט — מינכען... זיי האָבן געמיינט, אַז דערמיט איז געזעטיקט דער אַפּעטיט פון די וועלף...

דער אַלטער האָט צוריק אַרונטערגענומען די בריל. פאַר די פאַרבלויטע אויגן איז אים שטיינגעבליבן אַ בלענדעניש. אַרום לאַנגן רעדאַקציע־טיש, פאַרצויגן מיט אַ גרינעם געוואַנט, איז אין דעם נאָכמיטאָג געווען פאַרזאַמלט אַ גאַנצע אַקאַדעמיע, דער ראַט, די רעדאַקטאָרן און די נאָענטע מיטאַרבעטער פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע, וואָס איז די לעצטע יאָרן אין איילעניש געגרייט געוואָרן אין דער פּאַריזער עמיגראַציע.

— יידן — האָט זיין קול זיך געבראָכן, און מיט אַלטער פּאַטעטיק — כ׳האָב מורא, אַז ס׳איז ווידער צייט צו פּאַקן די וואַליזעס... די געשיכטע האָט אונז נאָך אַמאָל פאַראַטן...

ער איז אַרומגעגאַנגען מיט שטילע, פאָרזיכטיקע טריט. ער האָט עס גאָר אויף אַזויפיל נישט געוואָלט אַרויסווייזן פאַר זיינע נאָענטע פריינד, בפרט פאַר דער געעלטערטער פרוי נאַדיעזשדאַ, און פאַר דער יינגערער, אָפּגעציטערטער טאָכטער, דוסיענקאַ, געבוירן שוין אין די ערשטע יאָרן בעתן טרויעריקן עמיגראַציע־וואַנדער. דער טיפער צער זיינער נאָכן נאָר וואָס פאַרשווונדענעם זון אין שפּאַנישן בירגער־קריג, האָט דעם פאָטער פלוצים אַלט און גרוי געמאַכט. ער איז געגאַנגען מיט פאָרזיכטיקע טריט אויף דער ערד. ער האָט שוין גענוי געוווסט ווער ס'האָט געלויערט אויף זיין זון. דער אַלטער האָט געוווסט, אַז די זעלבע בלוטיקע הענט זענען אויך אויסגעשטרעקט אויף זיין אייגן לעבן.

די אַקאַדעמיע אונטערוועגנס איז געשטאַנען אין גרויס בהלה. מ'איז דאָ געשטאַנען אין מיטן דער אַרבעט אַרויסצוענדיקן דעם באַנד ״יידן א״. ס'איז שוין קלאָר געווען, אַז דאָס גרויסע געוויטער דערנענטערט זיך צו זייער שוועל. צי גייט עס דען דעם באַנדיט היטלער בלויז אין דאַנציק? זיי האָבן דעם וואָלף אַלץ נאָכגעגעבן, און — וואָס האָט עס דען געהאָלפן? מ'האָט קודם באַדאַרפט זען צו באַוואָרענען, ממש אַרויסראַטעווען אין לעצטן מאָמענט, דעם אַרכיוו, די פרעציזע דאָקומענטן פון אַ דור יידישע רעוואָלוציאָנערע און קולטור־באַוועגונגען. דער אַרכיוו האָט אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר, צוזאַמען מיט זיי אַלעמען דאָ, געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, פון איין מקום מקלט צו אַנדערן. ערשט ווי לאַנג, אַז זיי האָבן, דורך אַלערליי פאָרטלעך און געהיימע וועגן, שטילע פאַרבינדונגען, אַריבערגעברענגט אים פון רוסלאַנד אין נאָך־מלחמהדיקן בערלין. דער אַלטיטשקער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו אַליין איז נאָך דאָרט געזעסן און געשעפּט פון אַרכיוו. ווען ס'איז דאָרט אויסגעבראָכן די היטלערישע מגפה, האָט מען זיך באַצייטנס באַוואָרנט אַריבערצוברענגען אים קיין פאַריז, אַ ווייטערדיקער עטאַפּ פון זייערע בהלהדיקע וואַנדערונגען. אָבער אין אייראָפּע, אַפילו אין דער שווייץ, האָבן זיי אין ערגעץ מער נישט געזען קיין שום זיכערקייט פאַרן יידישן היסטאָרישן פאַרמעגן.

ס'איז דאָ אין יענע לעצטע פאָר יאָר געווען אַן אומגעוויינלעכער רוישיקער אָנגעלויף פון יידן אין די געדיכט־באַזעצטע פאַריזער קאַפייען, אויף די טעראַסן פון מאָנפּאַרנאַס, סען־מישעל, אָבער דער עיקר — אויפן היימיש־יידישן פּלאַס רעפּובליק, ווו ס'האָט געקלאַפּט דער פולס פון דער יידישער אָנגעלאָפענער עמיגראַציע, צווישן די פאַרשטעקטע קליינע שניידער־אַטעליעס. זיי זענען נאָך אַלץ געווען די פאַרליבטע אין יידישן וואָרט. ס'זענען געווען די יאָרן פון לעצטן גרויסן שוווּנג, ערב אַלע אונזערע אומגליקן.

ערשט ווי לאַנג אַז אין בערלין האָט נאָך געקלאַפּט דער פולס פון יידישע סאָציאַלע־ און קולטור־אינסטיטוציעס אונטערוועגנס? אין יענעם פאַטאַלן יאָר איז, אין גרויס בהלה, געהאַט אַריבערגעקומען אַהער, קיין פאַריז, אין זייער ווייטערדיקן נע ונד, אַ גאַנצע אַקאַדעמיע — היסטאָריקער, שרייבער, עקאָנאָמיסטן, סאָציאָלאָגן, אידעאָלאָגן פון נישט לאַנג פאַרשווונדענע, אָדער געשפּאָלטענע פאַרטייען; וועלט־טוער פון „אָרט״, „אָזע״, „היאַס״, ייק'א, ייוו'אָ. דאָס זענען געווען די בויער און אַקאַדעמיקער פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע. זיי האָבן דאָרט אין יענע פאָר יאָר,

אין דער בערלינער באַרימטער „ראָמאַנישער קאַפע", האַלבע נעכט דעבאַטירט, אַרומגערעדט, אַרומגעקריגט זיך, פּלאַנירט און אַרומגעטראָגן זיך מיט גראַנדיעזע פּלענער פון יידישע סאָציאַלע־ און קולטור־טעטיקייט, אין וועלט־מאַסשטאַב; כאָטש אַליין האָבן זיי שוין דעמאָלט שטילערהייט צוביסלעך געצווייפלט אין דער באַשטענדיקייט פון יידישע ישובים אויפן אַלטן קאָנטינענט; זענען זיי דאָך די ערשטע, דורך אַלע גרענעצן, געלאָפן פון מזרח־אייראָפּע, ווו זיי האָבן קיין גוטס מער נישט דער־וואַרט. זיי האָבן די ערשטע דערפילט דעם פאַרסמטן ווינט, וואָס גייט איבער איי־ראָפּע; דער ווינט, וואָס וועט אומוואַרפן רעזשימען, צעטרייסלען אונזערע איינגעזע־סענע ישובים, און אונזער גלותדיקן גאַנג צווישן די פעלקער. אויך דאָ, אין פּאַריז, האָבן זיי בלויז צייטווייליק אויפגעשלאָגן די געצעלטן. זיי האָבן אָבער געפילט, אַז אויך דאָ איז עס נישט מער ווי צייטווייליק.

ס'איז געווען באַלד נאָכן הילכיק־אויסגעשריגענעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן אין פּאַריז. דער קאָנגרעס האָט פונדעסטוועגן אויפגעוועקט גרויסע האָפענונגען, צונויפגעבראַכט פון גאָר דער וועלט יידישע מענטשן פון גייסט, שרייבער, אינטעלעקטועלע פון פאַרשיידענע ריכ־טונגען און טענדענצן. מ'האָט נאָך בלינד געגלויבט, אַז אפשר איז פאָרט עפּעס אָפּצוראַטעווען, אָפּצושרייען אין אונזער ערב־קאַטאַסטראָפע. אָבער שוין דעמאָלט איז די מאַנענדיקע שטים פון דיכטער ה. לייוויק לאַנג הענגען־געבליבן אין דער אָנגעגליטער אַטמאָספער, ווען ער האָט אָנגעוויזן אויף די ליידיקע שטולן פון דער ייִדיש־סאָוויעטישער דעלעגאַציע. ס'איז געווען עפּעס נביאותדיקס אין זיין מאָנענ־דיקער שטים. אין דער צייט, ווען די געעלטערטע, אויסגעפּרוווטע לייט, די ענציקלאָ־פּעדיסטן, זענען בכלל נישט געקומען צום קאָנגרעס, זענען פאַרבליבן פאַרשלאָסן אין זיך, סקעפּטיש, פול מיט שלעכטע פאָרגעפילן און פאַרדאַכטן.

אויסגעפּרוווטע עמיגראַנטן, זענען זיי כסדר געזעסן אויף די וואַליזקעס; און אין די וואַליזקעס האָבן זיי מיטגעפירט נישט בלויז זייער אייגן ביסל אָרעמקייט, נאָר אויך אַ גרויסן קולטור־היסטאָרישן באַגאַזש, וואָס האָט געמוזט אָפּגעראַטעוועט ווערן פון אונטערגייענדיקן קאָנטינענט.

אַרום היימישן סאַמאָוואַר זענען זיי אין דעם אָוונט, אונטערן פּאַרטונקלטן אַבאַזשור, ביי אַראָפּגעלאָזענע ראָלעטן, לאַנג געזעסן — דער אַלטער בונדיסט און מענשעוויק אַרקאַדי ירוחמזאָן. די פינקלענדיקע בריל אויפן שוואַרצן שנירעלע האָט אַלעמאָל אומרואיק אויפגעלויכטן. ס'איז דאָ געזעסן דער שטילער, מיושבדיקער ייד בן־אדיר, אַן אַלטער טעריטאָריאַליסט, אַן עטישער סאָציאַליסט פון י. נ. שטיינ־בערג'ס דרך; דער קולטור־היסטאָריקער אברהם מענעס מיט זיין קורצזיכטיקער בריל, אַ ייד אַ למדן. ס'איז פלוצים אַריינגעפאַלן אַהער דער קליינער קוועקזילבער־דיקער, דער מאַטעמאַטיקער, פּראָפעסאָר קיוועליאַוויטש, מיט זיין וואַלטער־פּראָפיל; ער איז אַלעמאָל געקומען ווי געווייינלעך מיט וויכטיקע קולטור־פּלענער, נישט אַנ־דערש ווי אין פּלאַנעטאַרן מאַסשטאַב. דער היסטאָריקער פון די שחיטות אין אוק־ראַינע, א. טשעריקאָווער, אַ קליינער, רירעוודיקער מאַן מיט אַ דין־געשוירן, פאַר־גרויט שויבערל, איז אין לעצטן יאָר ערב דער מלחמה, דאָ געווען פאַרפאַרעט ביים

אַרויסגעבן דעם זאַמלבוך „אויפֿן שיידוועג“, וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען, „ווייל עס פֿילט זיך אין דער לופֿט — האָט ער געוואָרנט — מיט אָנגעברענטס“... נאָך דער קאַפּיטולאַציע פֿון די אייראָפּעאישע דעמאָקראַטיעס פֿאַרן מאַסן־מערדער, איז דער געחתמעטער גורל פֿון יידן שוין געהאָנגען איבער אַלעמענס קעפּ. שוין דעמאָלט זענען זיי אַלע אַרויסגעקומען מיט זייערע אידייאישע רעוויזיעס און פֿיל פֿון זיי — מיט רעזיגנאַציע. מ׳האָט אין דער יידישער פּובליציסטיק געזוכט אַ נייע באַזע פֿאַרן יידישן קיום. ס׳זענען געווען די שטימונגען צו איזאָלירן זיך פֿון דער וועלט, „צוריק אין געטאָ“. דאָס האָט פֿון יענער זייט ים געלאָזן הערן זיך דאָס קול פֿון דיכטער יעקב גלאַטשטיין: „אַ גוטע נאַכט, ברייטע, שטינקענדיקע וועלט, מיט שטאָלצן טראָט, גיי איך צוריק אין געטאָ“...

— לייכט אָפּצורעדן.... — האָט אַרקאַדי ירוחמזאָן געצופּט נערוועז דאָס גרויע שפּיץ־בערדל — מיר קענען דער וועלט נישט באַלערן און נישט באַקערן, אָבער מען דאַרף באַצייטנס זען ראַטעווען אונזער קולטור־פֿאַרמעגן און וואַרטן ביז די בייזע ווינטן וועלן אַריבער.

אַזוי האָט ער גערעדט, דער אינטערנאַציאָנאַליסט, וואָס האָט אַלע יאָרן גע־גלויבט אין יושר פֿון דער וועלט, פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס. ער האָט געזען פֿאַרזאַמלט אַרום זיך די יידישע אַקאַדעמיע אונטערוועגנס, אין דער מיט פֿון דער באַדנלאָזיקייט פֿון אונזער קולטור, פֿון אונזער גאַנצן אַרומטומלען אויף די וועלט־געמאַרקן.

ער האָט אַביסל פֿריער לאַנג אַרומגעשפּאַנט איבערן קאַבינעט. אַלע פֿיר ווענט זענען באַשטעלט געווען מיט פּאָליצעס ביכער ביז אַרויף. ער איז געווײנלעך שטיינגעבליבן אַ ווייל, מיט זיין קלוגן בליק פֿון אַ תּלמיד־חכם לאַנג איינגעקוקט זיך אין דעם אָנגעזאַמלטן גייסטיקן פֿאַרמעגן. ער האָט געשפּרייזט הין און צוריק, ווי אין טראַנס, פֿון צייט צו צייט אַ נעם געטון אַ בוך פֿון דער פּאָליצע, געבלע־טערט, פֿאַרטיפֿט, נאָנט צו דער אויפֿגעלויכטענער בריל. ער האָט מער נישט גע־קענט. ס׳איז געלעגן אויף אים אַ טיפֿע עצבֿות. ער איז דאָ, אין הויכן פּלי, געבליבן ווי מיט אונטערגעהאַקטע פֿליגל, אין דער עפּאָכע פֿון מאַקיאַוועלישער פּאָליטיק, פֿון פֿערפֿידן מאָרד. יאָ — האָט ער זיך געזאָגט — געזיגט האָט דאָס גרויסע רשעות. און ס׳איז אויפֿגעגאַנגען יענע שיינע עפּאָכע, אָנהייב יאָרהונדערט. ס׳איז געווען די צייט פֿון ראָמאַנטיק. מ׳איז נאָך דעמאָלט געזעסן אויף דער גאַלעריע פֿון רוסישן טעאַטער און צוגעהערט זיך צו די פּעסימיסטישע, פֿילאָזאָפֿישע דיאַלאָגן פֿון לוקאַ, אין גאָרקי׳ס „אויפֿן דעק“. דער סטאַניסלאַווסקי־טעאַטער האָט אין יענע יאָרן גע־שפּילט איבסען, טשעכאָוו, גאָרקי, אַנדרייעוו. נישט אין דער „מעווע“, נישט אין די „דריי שוועסטערן“ פֿון טשעכאָוו, נישט אַפֿילו אין גאָרקי׳ס „אויפֿן דעק“, איז נישט געווען קיין שפּור פֿון סאָציאַליזם, רעוואָלוציע, פּאָליטישן קאַמף; כאָטש די יונגע מאַרקסיסטן, וואָס האָבן אָנגעפֿילט די גאַלעריעס, האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, געליאַ־רעמט ביז הייזעריק ווערן. אָבער אין די אינדיווידואַליסטישע דיאַלאָגן האָט גע־קלונגען דער פּראָטעסט קעגן דער אַלטער, פֿאַרשימלטער וועלט, קעגן דער קליינ־בירגערלעכער מאָראַל.

ס׳איז געווען אין יענעם יאָר, ווען ער, חבר אַרקאַדי, איז ווידער מגולגל געוואָרן אין דער שווייץ, אויפגעהאַלטן זיך אין אָרעמען קוואַרטאַל, אין „קאַרוזש״, אין זשענעוו. דאָ האָבן געקלאַפּט די גענעראַל־שטאַבן פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין רוסלאַנד. אין די אַנגערויכערטע „טאַווערנעס״ זענען געקומען די קורסיסטקעס. זיי האָבן אָנגעפילט די ענגע צימערלעך פון „קאַרוזש״, האָבן יעדע פראַגע באַטראַכט נישט נאָר פון פּאָליטישן, נאָר אויך פון מאָראַליש־עטישן שטאַנדפּונקט. ריינע נשמות. ס׳זענען אַלעמאָל געווען פּרינציפּיעלע מניעות. איינע פון זיי, חברטע פּאַניע, אין אַ ברייטן הוט, באַזעצט מיט קאַרשן און בלעטער, האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּאָליטיש־פּערזענלעכער טראַגעדיע, און האָט זיך טאַקע לסוף גענומען דאָס לעבן. אַ קליינע, אַ שוואַרצע, אַ ווילנערין. זי איז געווען אויפן מעדיצינישן פּאַקולטעט. זי האָט געטראָגן פּענסנע אויפן דינעם נעזל. אַ קליינער דיקטאַטאָר, אָבער מיט איידעלער גוטסקייט. זי האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון רוסלאַנד, אין שליחות פון אויסלענדישן קאָמיטעט. ביים זינגען די „שבועה״ אין כאָר, האָט זיך אויסגעטיילט איר דינער אַלט.

טאַקע פון קליינעם מיידל האָט ער באַקומען די ביכער וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, צוזאַמענגעקליבן לעקציעס פאַרן קרייזל. ס׳זענען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע נאָך אָנגעגאַנגען די אידעאָלאָגישע שטרייטן. אַ גאַנצן אָוונט האָט מען דיסקוטירט אין די „סטאָלאָווקעס״, באַלד נאָכן קישינעווער פּאָגראָם:

— מ׳וויל, הייסט עס, אָפּשרעקן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן מיט... יידיש בלוט. ווי אַזוי דאַרף ענטפערן דערויף די יידישע רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ? ס׳הייסט, די פּאָגראָמען קעגן יידן, דאָס איז אונזער „נאַציאָנאַלע באַזונדערקייט״... — אַזוי האָט קאָמענטירט דער חבר אַלעקסאַנדער, אַ שאַרפער דיאַלעקטיקער, כאָטש אַ שטימונג־מענטש, גראַדליניק, אָן שום קאָמפּראָמיסן.

ער איז אַראָפּגעקומען צו דער באַראַטונג פון „בונד״, צוזאַמענגערופן דעם 5־טן צוזאַמענפאָר, מיט פּראָיעקטן און רעזאָלוציעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ס׳זענען נאָך אָבער געווען צווישן זיי אמתע אַסימילאַטאָרן, וואָס יידיש, דער „זשאַרגאָן״, איז געווען פאַר זיי נישט מער ווי אַ הילפס־מיטל פאַר פּראָפּאַגאַנדע. פאַר זיי איז די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע געווען בלויז אַן ענין פון גלייכבאַרעכטיקונג. זיי זענען נאָך אַפילו ווייט געווען פון דער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. חבר אַלעקסאַנדער איז געווען צווישן די שאַרפסטע קעגנער, סיי פון די ציוניסטן, סיי פון די „איסקראָווצעס״ אויף די סטודענטן־פאַרזאַמלונגען אין די „טאַווערנעס״. אַ העל־בלאָנדער, אָן אַ שפּור פון „יידישער מעלאַנכאָליק״.

אָבער דער קאַמף צווישן די „איסקראָווצעס״ און „בונד״ איז געווען אין אַ גרויסער מאָס אַ קאַמף צווישן אַסימילאַטאָרן און נאַציאָנאַל־געשטימטע צווישן יידן גופא; צי דאַרף מען ביי די יידישע אַרבעטער אַנטוויקלען אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע קולטור צי נישט? זיי האָבן זיך געפילט באַליידיקט פון דער „איסקראַ״: „איר דאַרפט זיך אַסימילירן, און וואָס גיכער״. זיי האָבן געזען אין דעם אַ פאַרגוואַלטיקונג פון די יידישע רעכטן. ס׳גייט אויף סטיכיש אַ נייע יידישע קולטור, אַ רענעסאַנס, און זיי פאַרלאַנגען מ׳זאָל זיך פון אַלץ אָפּזאָגן, פאַרלייקענען זיך אַליין.

ביי די דיסקוסיעס איז לעבן אים, לעבן חבר אַרקאַדי, געזעסן די חברטע פּאַניע. זי האָט, געדענקט זיך, געפּלאַמט. זי איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון רוס־לאַנד און דערציילט וועגן די שטרייקן פון די זאָקן־מאַכערינס, טאַבאַק־אַרבעטע־רינס, גאַרבאַרעס, בערשטערס, וועגן נייעם גייסט אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. מ׳האָט באַדאַרפט באַזאָרגן „ליטעראַטור״, געווער, פּאַלשע, פּאַספּאָרטן, דרוק־קעריען. חברים זענען אַרויס פון תפיסה, אַנטלאָפן פון סיביר. ס׳זענען געווען „פּאַ־ראָלן״, קאָנספּיראַטיווע אַדרעסן. אַ הייליקער אָרדן.

אין דעם אָוונט איז זי פאַרשוואונדן, שוין צום לעצטן מאָל. ס׳איז געווען קורץ פאַר דעם, איידער זי האָט אויסגעטרונקען דאָס פלעשעלע סם...

אין די פענצטער האָט שוין געבלויט, ווען אַרקאַדי ירוחמזאָן האָט זיך אויפ־געריסן פון די שווערע מחשבות, וואָס האָבן אים אַזוי ווייט פאַרטראָגן, און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיי דאָרטן, זיי צו זאָגן:

— טאַקע, וואָס האָט זיך דען אויסגעלאָזן פון אַלע אונזערע שיינע אידייען? לאָמיר זיך גרייטן צום נייעם מיטלאַלטער, וואָס רוקט זיך אָן.

די בריל ביי אים איז געווען פאַרלאָפן מיט טוי. ר׳האָט זיך אומגעדרייט און דערזען די קעסטלעך, די טעקעס, פאַרבונדן מיט שנירלעך. עס האָבן זיך דאָ גע־וואַלגערט מאַנוסקריפּטן, בריוו, קאָרעקטור־בויגנס פון לעצטן באַנד „יידן א״ פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע. זיי האָבן דאָ געהאַט אונטערגענומען אַרויסצוגעבן די צוגאָב־בענדער, אין עפּעס אַ גרויס, פאַרטראָגן איילעניש.

— ווייסט איר פאַר וואָס כ׳האָב שוין אויך מורא? — האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם אַלעם און געגעדט דער עיקר צום קליינעם, רירעוודיקן פּראָפעסאָר, דעם מאַ־טעמאַטיקער — איך האָב שוין אויך שטאַרק מורא פאַר דער זיכערקייט פון ייוו״אָ אין ווילנע, כאָטש זיי זענען דאָרט צווישן אַ געדיכט יידיש פאָלק. יידישע קולטור אוצרות זענען הפקר... — האָט ער ווי אָפּגעזיפצט.

אין זיינע אויגן־שפּעלטלעך אונטער דער בריל האָט קוים אַרויסגעשיינט אַביסל פאַרלאָפענער בלוי. זיין בלייכע איידעלע האַנט האָט אונטערגעציטערט:

— די אַרכיוון דאַרפן פאַר אַלעם פון דאַנען אַנטרינען...

דער אַלטער טעריטאָריאַליסט בן־אדיר האָט זיך דאָרט אָנגערופן מיט זיין איידעלער שטים, אין זייער אַלעמענס צעטומלטקייט:

— אָוודאי, ס׳איז קלאָר, מיר מוזן ווייטער לויפן אין דער וועלט אַריין. ערשט ווי לאַנג, אַז מיר זענען געלאָפן פון רוסלאַנד, פון בערלין...

כאָטש מ׳האָט נאָך דאָ, פון אַלטער געוווינהייט, גערעדט צווישן זיך רוסיש. זיי זענען דאָך כמעט אַלע אין יענע יאָרן „געגאַנגען אין פאָלק אַריין״, יעדער איינער מיט גרונט־פאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס, שיטות, ווי אַזוי צו ראַטעווען דאָס פאָלק, וואָס שמאַכט אונטערן שטיוול פון צאַריזם, ווי אַזוי דאָס יידישע פאָלק אַרויסצופירן פון גלות, אָדער — צוזאַמען מיטן פאָלק, צווישן וועלכן מ׳לעבט, צו קעמפן פאַר דער פרייהייט. די יאָרן אויף דער עמיגראַציע האָבן אָבער היפּש צעטרייסלט זייערע אַלעמענס אידעאָלאָגישע באַזעס. מ׳האָט געלעבט אין אַ מין אינערציע. מ׳האָט, דעם אמת געזאָגט, צוביסלעך אויך געלעבט פון די פילאַנטראָפּישע יידישע וועלט־איינ־

סטיטוציעס. די טעריטאָריאַליסטן זענען נאָך אַלץ און אַלעמאָל געקומען מיט נייע וויכטיקע פּלענער און פּראָיעקטן, צו באַזעצן יידן ערגעץ אין עק וועלט, אין ווייטע, נישט אויסגעפּאַרשטע לענדער מעבר לים. מ׳האָט דערוועגן געשריבן מעמאָראַנדומס צו מיניסטאָרן, אידעאָלאָגישע באַגרינדונגען. אָבער אַלץ האָט זיך דעוויל אויס־געלאָזן מיט גאָרנישט.

איין פּראָפעסאָר קיוועליאָוויטש האָט גאָרנישט געהאַלטן ביים לויפן פון דאַנען. ער איז געווען דער אייביקער אָפּטימיסט:

— איר טרייבט אפשר אַלע איבער — האָט ער געהאַלטן אין איין אָרומלויפן — מיר וועלן נאָך אַלע המן׳ס איבערלעבן... ניטשעוואָ...

ער איז דאָ געווען אַן אייגעזעסענער, פון דער עלטערער אימיגראַציע, אַ פּראָ־פעסאָר פון מאַטעמאַטיק אויף די פאַקולטעטן, אַ מקורב פון פּראַנצויזישן וויסנ־שאַפטלער זשאָליאָ־קירי. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן די וואָרענונגען קעגן רוצח סטאַלין, וואָס האָט נאָר וואָס געשלאָסן יד־אחת מיטן דייטשן וועלט־מערדער:

— און איך זאָג אייך, ס׳איז איבערגאַנג — האָט ער געטענהט מיט אַלטער עקשנות — אין דער עקזאַקטער וויסנשאַפט איז גאָרנישט אָפּצפּרעגן. אַן אַקסיאָ־מע!... — האָט ער ווי טריאומפירט.

מ׳האָט אים דאָ אָנגעקוקט אַביסל מאָדנע. זייערע הערצער זענען געווען זייער שווער, און קיין שום אומבאַשטימטע אילוזיעס זענען אין דעם מאָמענט נישט געווען שייך. דער היסטאָריקער פון די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, טשעריקאָווער, האָט באַלד דערנאָך געלאָזן הערן זיין דין, אָבער עקשנותדיק שטימעלע:

— רבותי, די שוואַרצזעער צווישן אונז באַשטייען דערויף, אַז אַזעלכע שוואַר־צע וואָלקנס איבער אונזערע קעפּ האָט דאָס יידישע פאָלק נאָך קיינמאָל אין זיין געשיכטע נישט איבערגעלעבט. אַנדערע, ווידער, זוכן אַ טרייסט און ווייזן אַן אויף אַלטע ווונדן — די קרייצצוגן, די יאָרן פון „שוואַרצן טויט״, אינקוויזיציעס, די גזירות ת״ח. מען מעסט אָבער נישט יסורים. בעת דער חלף ליגט אויפן האַלדז, זענען אַלע היסטאָרישע פּאַראַלעלן אַ קליינע טרייסט.

— איר האָט, זייט מיר מוחל, דאָ פאַרמולירט די אידעאָלאָגיע פון קאַפּיטו־לאַציע, רעזיגנאַציע — האָט די שטים פון בן־אדיר געציטערט — און איך ענטפער אייך, וואָס שייך דער וועלט, אַז די גאַנצע קולטור זייערע איז נישט מער ווי אַ קאָרטן־הייזל, מיט זייער וויסן, שיינקייט, קריסטלעכקייט. דער ערשטער בלאָז פון ווינט, האָט אַלץ צעטרייסלט. ביכער, אוניווערזיטעטן, קלויסטערס, גלחים, גע־לערנטע... ווו פאַרן געוויסן איז קיין אָרט נישט פאַראַן. און אַן געוויסן איז אַלץ — געצנדינסט. מיר האָבן זיי געבראַכט אַ ספר פון יושר און — וואָס האָבן זיי דערפון געמאַכט? וואָס בלייבט זיי, ווען זיי פאַרמאַכן די ביבל? — בירזשעס, בתי־זונות, קאַזאַרמעס, תפיסות. צוואַנציק יאָרהונדערטער, אַז זיי לערנען ביי אונז דאָס געטלעכע וואָרט. אומזיסט וועט דאָס קריסטנטום זיך אָפּוואַרפן פון פאַשיזם. ס׳איז זייער כשר קינד. אַלע תורות זייערע זענען פאַראומווערדיקט געוואָרן אין אונזער צייט...

און אויך דער אַלטער סאָציאַליסט אַרקאַדי ירוחמזאָן האָט געמוזט מודה זיין:

— מיר האָבן אַ רגע אין אונזער געשיכטע זיך טועה געווען. מיר האָבן גע־מיינט, אַז ס׳האָט שוין געגומען טאָגן. נאָר ס׳איז, זעט אויס, געווען אַ פאַלשער באַ־גינען. זועלן מיר זיך צוריק אומקערן אין דער נאָרע פון אונזער געשיכטלעכן גאַנג און וואַרטן ביז ס׳וועט טאָג ווערן. צוריק אין געטאָ, מיינט — צוריק צו זיך. ביי אונז איז עס נישט קיין טעריטאָריעס, אימפּעריאַליזם, מאַכט, נאָר גייסט און עטיק.

אַזעלכע שטימען האָבן זיך דאָ געהערט אַרום טיש:

— מיר האָבן צופיל געגלויבט אין ווערטער, אין כישוף פון פּראָגראַמען. ווען מיר וואָלטן דעם סאָציאַליזם אויפגענומען מיטן באַוווסטזיין פון אונזערע היסטאָרי־שע תקופות, וואָלטן מיר אפשר היינט נישט איבערגעלעבט אַזאַ מוראדיקן גייסטיקן קריזיס. פונדעסטוועגן דאַרף מען נישט אויפהערן וועקן דעם געוויסן פון דער וועלט, כל זמן ס׳איז נאָך דאָ אַ האָפענונג, אַז נישט די גאַנצע וועלט איז פאַרסמט מיט שנאה און מאָרד־לוסט. גיבן מיר אויף די דאָזיקע האָפענונג, בלייבט נישט קיין זינען אין עצם לעבן אונזערן, אין אונזער געשיכטלעכן גורל.

אַלע האָבן זיך שפּעטלעך געכאַפּט, אַז די קורצע נאַכט וועט מען שוין וואַך־זיין, ווי א ליל שימורים. עד שבאו תלמידיהם ואמרו — הגיע זמן של שחרית... ביז ס׳איז געקומען אַריינצולויפן דער ייד, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן טראַנספּאָרט, און אויסגערופן:

— יידן, וואָס זיצט איר נאָך? הערט וואָס דער ראַדיאָ...

זיי האָבן זיך ווי אויפגעכאַפּט. אין די הויכע פענצטער האָט שוין געגרויט. ס׳איז געווען דער פרייטיק אין זוניקן פרימאָרגן, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, ווען דורך אַלע ראַדיאָ־הילכערס איז געמאָלדן געוואָרן, אַז די דייטשע „שטוקאַס" האָבן אין דער לעצטער נאַכט באָמבאַרדירט וואַרשע, אַז די שלאַכטן פלאַקערן שוין אויף דער פוילישער ערד...

1977

„די יידישע נאַס״

ס׳געשעט אַמאָל, אַז אַ קליינער ייד פון אַ געוועלבל ווערט אומגעריכט אַרויפ־געטראָגן דורך אַ מוטנער צייט־כוואַליע אויף דער אויבערפלאַך. אַזוי איז אַנומלטן געשען מיטן קליינעם ייד פון פאַרלעגענע קליידער־סאָלדן אויפן בולוואַר בעלוויל. הערשל פון 20־טן (ווי די היימישע לייט האָבן אים גערופן) איז מערסטנס אָפּגעלעגן אין דער קאַפע „דאָס ליכט פון בעלוויל״, אַרום די טישלעך פון די צעהיצטע קאָרטן־שפּילער. ר׳האָט אַמאָל אַנגעהערט צו אַ ספּאָרט־קלוב, פאַרקאַכט געווען אין קאַטש, באָקס, פוסבאָל; אַנגעהערט צו דער „באַיוווקע״, יינגלעך מיט ברייטע פּליי־צעס, וואָס אַז מ׳האָט באַדאַרפט, זענען זיי אַוועק אויפרייסן קעגנערישע מיטינגען, געבן קלעפּ...

אין יענעם זונטיק אין דער פרי האָבן זיך אומגעריכט געעפנט פאַר הערשלען נייע האָריזאָנטן. ער איז אומגעריכט פאַר זיך אַליין, געשטעלט געוואָרן כמעט אין צענטער פון אַ קליינער באַוועגונג. מ׳האָט זיך צוגעהערט צו זיין וואָרט, גערופן אים „חבר״. ס׳איז געווען אין יענע הייסע טעג, ווען ס׳איז אויסגעבראָכן דער געדעכטער צאָרן, מיטן געפּלאַצטן בלאָף פון „די מערדער אין די ווייסע כאַלאַטן״, באַלד דער־נאָך — מיטן אויפדעקן דעם פערפידן מאָרד איבער די יידישע שרייבער אין רוס־לאַנד. אַראָפּגעלאָזן די זאַלויזע פון געוועלבל און אַריבערגעכאַפּט זיך צו די געדיכטע יידישע געזעמלעך, וואָס קלייבן זיך יעדן זונטיק אין דער פרי ביי דער קאַפע־טאַ־באַק אויפן ראָג. ס׳איז אים דאָרט מער נישט געגאַנגען אין די פּאָר פראַנק לייזעכץ, כאָטש זונטיק אין דער פרי דרייט זיך דאָ גיכער אַ קונה. די געדיכטע קרייזעלעך איבערן נידעריקן שטערן, ס׳לינקע אויג אַביסל פאַרקוועטשט, האָט ער צוגעלייגט אַן אויער, הערן וועגן וואָס מען קאָכט זיך אַזוי. און דאָ האָט ער אַנטדעקט אין זיך אַ כוח־הדיבור, אַריינצוזאָגן, צו זידלען, פּאַכען מיט דער פויסט.

— וואָס טויג מיר, הערשעלע, דיין גאַנצע חכמה ביי אַ דערדל ? — האָבן זיי אים דאָרט אונטערגעוואָרעמט — אַ קלאָג איז צו דיינע פּאָר יאָר... אַן אַנדערער אויף דיין אָרט, מיט אַזאַ פּיסק, מיט אַזאַ פּאָר ידים, איז — אַ כלל־טוער, האָלט ריידעס... ס׳ווערט וועגן אים געשריבן אין בלאַט...

פאַרבליבן איז ער אָבער קיל, טויט־ערנסט. ס׳לינקע אויג האָט אים גע־וואַסערט.

— איר וועט אינגיכן אָנקוקן ווער הערשל איז! — האָט ער צולעצט, רויט־אָנגעגאָסן, אַ פייף געטון דורך די דיקלעכע ליפּן, געוויזן אַ פויסט.

ווייל די זעלבע וואָך איז פאַררופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג אין אויבערשטן זאַל פון יידישן רעסטאָראַן, אַרום פלאַס רעפּובליק. אַהין האָט זיך הערשל צוגע־שטעלט באַצייטנס. אונטערן נידעריקן סופיט האָט זיך געהאַט צונויפגעשפּאַרט אַ מאַן הונדערט. אַלץ באַקאַנטע פּנימער. אין געדיכטן סיגאַרעטן־רויך, וואָס איז געשוועמען איבער קעפּ, האָבן זיי זיך דאָרט אָראָפּגערעדט פון האַרצן, אין דער גרויסער פאַרשעמונג, אין דער גרויסער קאָנפוזיע אין אונזערע טעג, צו זוכן עפּעס אַן אויס־וועג; מענטשן, אויסגעליטענע, מיט אַלטער אַקטיווּיטעט, אין דער סינדיקאַלער באַ־וועגונג, שפּאַניע־קעמפער, ווידערשטענדלער, דעפּאָרטירטע. פיל האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט אָפּגערוקט פון דער „באַוועגונג", האָבן שוין לענגסט דערשפּירט, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט מער. און איינער פון זיי, דער קליינער שניידער קלמן, וואָס טראָגט אויף זיינע מאָגערע פּלייצקעס יאָרן פוילישע תּפיסות, ביטערע עמיגראַציע־יאָרן, און ווי אַ צולאָג — איבער 10 יאָר פאַרשיקונג אין די סיבירער טייגעס; ס'איז נאָר אַ וווּנדער ווי אַזוי ער איז, אַ לעבעדיקער, צוריק מגולגל געוואָרן קיין פּאַריז. דאָס האַרץ האָט געוויינט, צו הערן אים אויסגיסן זיין ביטער האַרץ:

— ס'איז צייט, חברים — האָט ער געקלאַפּט אין טיש מיטן דאַרן פויסטל — איבערצושאַצן אַלע ווערטן. מיר דאַרפן האָבן דעם ערלעכן מוט צו רעווידירן אַלטע אמתן, צו מאַכן די גרויסע רעוויזיע...

הערשל האָט דאָרט געהערט רייד, וואָס ער האָט זיי, דעם אמת געזאָגט, נישט אַזוי גוט צעקייט. ס'לינקע אויג האָט אים געוואָסערט. אָבער געפּאַטשט האָט ער מיט די ברייטע האַנט־פלאַכן הילכיקער פון אַלעמען און האָט זיך זייטיק געריקט צום פּרעזידיום־טיש. דער קליינער שניידער קלמן, מיט דער אויסגעביסענער שע־וועליורע, וואָס איז אַמאָל שוואַרץ און אויפגעשטורעמט געוועזן בעת די פּלוצים־אויסגעוואַקסענע „מאַסווּוקעס" אויפן „מורדזשיעל", אין וואַרשע, מיט דער הויכער פּלייצע, האָט גערופן צו פאַרטיידיקן אונזערע אינטערעסן און האָט עס שווערלעך פאַרמולירט:

— די פּאַרטייאישע סימפּאַטיעס פון יעדן איינעם, איז זיין פּריוואַטער ענין. מיר באַדאַרפן אָבער באַשאַפן אַן ערלעכע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, צו שטאַרקן און פעסטיקן מדינת ישראל. איבערשאַצן אַלע ווערטן, אָבער בשום אופן נישט אַוועקוואַרפן דאָס גרויסע, דאָס ווערטפולע, וואָס מיר האָבן אַ לעבן לאַנג גע־טראָגן. אונז איז דעריבער נענטער דער סאָציאַליסטישער סעקטאָר, די קיבוצים. מיר קומען מיט גרויסע, שיינע טראַדיציעס פון יידישן אַרבעטער־קלאַס...

באַלד נאָך אים האָט זיך הערשל געמאָלדן צום וואָרט. מ'האָט אים אָנגעקוקט אַביסל מאָדנע. אין דער הייסער, צעהיצטער אַטמאָספער, האָט ער אויסגעשאָטן אַ מבול מיט קללות אויף „די פאַרעטער פון יידישן פאָלק... די פאַרקויפטע נשמות צום סטאַליניזם"... שיער נישט צעוויינט זיך און פאַרענדיקט מיט אַ פייף:

— זיי וואָלטן באַדאַרפט צו קומען אין מיינע הענט אַריין... — האָט ער געוויזן אַ פויסט.

מ׳האָט זיך איבערגעקוקט אַביסל פאַרלעגן, נאָר קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז אָט דער קליינער, גרויער מאַן איז דאָ נישט קיין צופעליקער, אַז ער איז אפשר געשיקט געוואָרן דורך עמיצן. מ׳האָט אים אַפילו געקליבן אין פּראָוויזאָרישן קאָמי־טעט. ער האָט שטיף צוגעדריקט די נייע גלאַנציקע טעקע, אויסצוזען וויכטיק.

נאָך דער שטורמישער פאַרזאַמלונג, וואָס איז געוואָרן היסטאָריש, האָט זיך אַ גרויס פייער און אַ צעמישעניש אָנגעצונדן צווישן די קליינע פיקציע־אינסטיטוציעס אין פּאַריז. זיי האָבן פּלוצים דערזען — פולע זאַלן, אַן אויסברוך פון אומגעוויינט־לעכן ענטוזיאַזם; אין דער צייט, ווען אויף זייערע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען קומט געוויינלעך אַ שיטערער, האַלב־פאַרשלאָפענער עולם. זיי האָבן מורא באַקומען, אַז אָט די ניי־אויפגעקומענע אינסטיטוציע קען זיי אַמאָל שטערן אויך אין זייערע געלט־זאַמלונגען. אָט די לייט — האָבן זיי געוווסט — זענען אַ סאָלידער עלעמענט, אויסגעפּרווט אין אַלע פייערן, מענטשן מיט איניציאַטיוו. אָבער סיי ווי איז שוין הערשל, נישט פרעגנדיק קיינעם, אַרומגעלאָפן צו די אַלע פאַנטאָם־אינסטיטוציעס, צו אַלע גענעראַל־סעקרעטאַרן. זיי האָבן צוערשט נישט געוואָלט רעדן מיט אים.

— וואָס עפּעס אַ נייע אָרגאַניזאַציע ?!... — האָבן זיי געמאַכט קולות — טרעט אַריין צו אונז און פּטור...

— מ׳דאַרף קענען איבערכיטרעווען די האַרטע... — האָט ער יעדן פון זיי געגעבן צו פאַרשטיין — פאַרלאָזט אייך אויף הערשלען...

איינער אַ חשובער ייד, איז ברייטלעך געזעסן אין זיין געראַומער ביוראָ, האָט דורכן סטאַנדאַרד באַפוילן זיין סעקרעטאַרקע, זי זאָל זען באַלד אָפּצורופן הערשלען. דער ייד האָט באַטראַכט אַז אפשר דאַרף מען גיין מיט אָט די לייט אויף שטילע אונטערהאַנדלונגען. זיי רעדן צו מאַסן יידן. מ׳דאַרף זייער איינפלוס אויסנוצן. אַלע האָבן זיך מיטאַמאָל גענומען דרייען אַרום קליינעם ייד פון סאָלדן־געוועלבל אויפן בעלוויל, רעדן צו אים צוגעלאָזענע רייד, געליבט שטאַרק זיינע אַרויסטריטן אין די פּול־געפּאַקטע זאַלן; דער קליינער שניידער קלמן, האָבן זיי געוווסט, איז אַ פּאַרבײ־סענער. ער וועט זיך נישט לייכט לאָזן בייגן, אונטערהנפּענען, אונטערקויפן. הערשל אָבער האָט זיך דערפילט זייער וויכטיק, איז געזעסן אין די באַקוועמע פאָטעלן, גע־לאָזן דעם רויך דורך די נאָזלעכער פון אַ דיין ציגאַרעל, וואָס דער שעף האָט אים אונטערגעטראָגן. יענער האָט ביי אים זייטיק, פאַרטרוילעך, געוואָלט וויסן :

— וויפל מענטשן, אַ שטייגער, קענט איר אונז ברענגען ?

— מיט דער צייט... — האָט הערשל פאַרזיכערט.

— ווייל אויב ס׳האַנדלט זיך וועגן פאָנדן...

דאָ האָט הערשל פאַרשטאַנען דעם ווונק. אים האָט מען קיין פינגער אין מויל נישט באַדאַרפט אַריינלייגן.

— וועגן דעם קענט איר זיך פאַרלאָזן אויף מיינע „יינגלעך״...

ער האָט פאַרשטאַנען באַצייטנס אַרומצורינגלען זיך מיט אַ פּאָר אייגענע „יינג־לעך״, ווי דעמאָלט, ווען ער איז מיט דער „באַיוווקע״ אַוועק אויפרייסן קעגנערישע מיטינגען. איינער פון זיי, אַוורעמעלע, מיטן שיקלדיקן אויג, מיט רויטע באַקן פון אַ וויין־טרינקער, איז אים בלינד־געהאָרכזאַם נאָכגעגאַנגען. צו די כיטרע לייט פון

די אינסטיטוציעס האָט הערשל געשטעלט פאָדערונגען: מ׳זאָל אים זען איינצו־לאַדן אין פּרעזידיום... מ׳זאָל זען צו דרוקן זיינע וויכטיקע „בריוו אין רעדאַקציע" אין בלאַט... זיי האָבן אים צוגעזאָגט, אַלץ צוגעזאָגט, צוגעזאָגט הילף פון די צענ־טראַלע פאָנדן. הערשל האָט אַפילו איינמאָל געפּרוווט קומען צום קליינעם שניידער קלמן און אים איינגערוימט:

— כ׳האָב, הערסטו, געקריגן אַ געוויסע סומע געלט... פאַר אונזערע וויכטיקע צוועקן...

— פון וועמען האָסטו גענומען געלט?! — איז דער קליינער שניידער קלמן אויפגעשפּרונגען — מיר נעמען ביי קיינעם קיין געלט נישט!...

— ביסט סעקרעטאַר, אָדער נישט?... האָרעווּעסט וויניק?...

— כ׳בין אַן אַרבעטער! כ׳דאַרף נישט קיינעמס געלט. אונז קויפט מען נישט...

הערשל האָט סיי ווי מער ביי קיינעם גאָרנישט געפרעגט. ער איז יעדע וואָך געלאָפן און אַריינגעשטעלט אין בלאַט אַריין: „ס׳ווערט גערופן אַ זיצונג מיט אַ וויכטיקער טאָג־אָרדענונג... אַלע מיטגלידער זאָלן אומבאַדינגט זיין אַנוועזנד"... ס׳הייסט, די זעלבע 7־8 מענטשן. ווייל אַזוי ווי ס׳איז צוערשט געווען אַן אַנגעלויף, איז צוביסלעך שיטערער געוואָרן דער עולם. אַלטע געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן עס צוגעזען, זענען שטיל און פאַרשעמט אַוועק. זיי האָבן אָנגעקוקט הערשלען, ווי ער פּאַכעט מיט דער פויסט, פייפט דורך די דיקלעכע ליפּן, האָבן זיי אַ פרעג געטון ביים קליינעם שניידער קלמן:

— ווער איז ער, דער, וואָס רעדט אין אַלעמענס נאָמען? וואָס איז ער עפּעס געלאָפן אַנשליסן זיך ווי אַ „פאַרשטייער"? ווער האָט אים געשיקט?...

— פאַרפאַלן! — האָט קלמן צענומען די הענט — מען מוז אַמאָל מיטאַרבעטן מיט אַזעלכע עלעמענטן אויך...

מיט זיין אַלטער עקשנות פון אַ פאַרטייער, איז קלמן נישט אָפּגעטראָטן. ער איז אָבער אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט, אויפגעבראַכט. אויף די זיצונגען פון שיטער־גע־וואָרענעם עולם האָט ער געקלאַפּט אין טיש אַריין:

— נישט דאָס האָבן מיר געמיינט מיטן שאַפן די אָרגאַניזאַציע! ...

נאָר ווער האָט אים דען געהערט? מ׳האָט זיך אויך דערוווסט, אַז הינטער אַלעמענס פּלייצעס, איז הערשל מיט זיינע „יינגלעך" פאַרבעטן געוואָרן דורך די פאַרטיי־מאַכערס אויף אַ מיטאָג. אַז זיי האָבן דאָרט שטיל אָפּגעמאַכט, אַז מ׳וועט שטימען פאַר זיי בעת די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. חבר קלמן האָט באַצייטנס פאַראויסגעפילט די קאַטאַסטראָפע און געוואָרנט:

— ס׳וואָלט אפשר צייט געווען מיר זאָלן זיך אויפלייזן!

— מיר לייזן זיך נישט אויף — איז הערשל אויפגעשפּרונגען — מיר האָבן נאָך אויף דער „יידישער גאַס" וויכטיקע אויפגאַבן דורכצופירן...

— וועלכע אויפגאַבן — האָט קלמן געוואָלט וויסן — אַז אַלץ, וואָס איז פאַר־מולירט געוואָרן אין אונזערע סטאַטוטן, איז דערשטיקט געוואָרן...

ער איז פריער אַרומגעגאַנגען מיטן וואָרעמען געפיל, אַז ער האָט צוריקגע־פונען עפּעס פון אַמאָליקן יוגנטלעכן ברויז. ער איז אָפּגעלעגן נעכט און אַריינגע־

קלערט. אַלץ איז אים נאָך לעבעדיק געשטאַנען פאַר די אויגן. די יאַטן און די יאַטעכעס פון דער דזשיקע גאַס אין וואַרשע... דער היימישער אַרבעטער־קלוב אויפן בעלוויל... די זייטיקע האָטעלעכלעך, ווו ס׳איז געקומען איינגעסטיקן זיך אַן אַנאָנימע אַרמיי פון פּאָליטישע עמיגראַנטן... קלמן איז אַרומגעגאַנגען אומגליקלעך־צעטראָגן. ס׳איז געווען ווי אַ באַשאַפענער גולם, וואָס האָט זיך רעוואָלטירט.

כאָטש דער עולם איז שיטערער געוואָרן, האָט עס הערשלען נישט אָנגעהויבן צו אַרן אויף אַ האָר. פאַרקערט. ער האָט זיך קלוג אַרומגעקוקט — בלויז פּיקציע־אינסטיטוציעס. זיי ווערן מערסטנס געפירט דורך איינעם, אָדער פון עטלעכע לייט. גרויסע מיילער, שרייערס. זיי באַקומען צוגעטיילט פון די פאָנדן. טאָ פאַרוואָס נישט — איך ? ער איז געקומען מיט אַ שטעל, מיט חוצפה, געפּאָדערט, אַפילו געדראָט. דער רעפּאָרטער פּיוולסאָן האָט אַנומלטן ווי־ס׳איז פאַרריכט זיינס „אַ בריוו אין רע־דאַקציע״, אויסגעמעקט די האַמטענע ווערטער, די גראָבע גרייזן און געלאָזן עס אָפּדרוקן אין בלאַט. פון דעמאָלט אָן האָט הערשל געהאַלטן אין איין ברענגען „בריוו אין רעדאַקציע״.

— פון דיינע „בריוו אין רעדאַקציע״ וואָלסטו שוין באַלד געקענט אַרויסגעבן אַ גאַנצן... בריוונשטעלער... — האָט דער רעפּאָרטער זיך געוויצלט אויף זיין חשבון.

דאָס מאָל איז הערשל געקומען אין רעדאַקציע מאַכן אים יענעם סקאַנדאַל, פאַרוואָס זיין לעצטער „בריוו״ וועגן וויכטיקע פּראָבלעמען, איז נישט געדרוקט געוואָרן. ער האָט אים געפּאַקט, צוגעקלעפּט צום טעלעפאָן. ווען ער האָט דערזען הערשלען, האָט ער מיט אַ ציטערדיקער האַנט אָוועקגעלייגט דאָס טרייבל און צע־נומען די הענט :

— חבר הערשל, נישט איך... איר מוזט זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר אַליין. כ׳בין נישט דער גאַנצער באַלעבאָס...

— ווו איז ער, דאָס שעפּל אייערס ? ...

— דאָרט, אַרויפצו.

הערשל איז האַסטיק אַ גיי געטון דורכן קאָרידאָרל. פון הינטער דער טיר האָט ער ווידער געהערט אַ טעלעפאָן־געשפּרעך. דער רעדאַקטאָר מיט דער הויכער פּלייצקע איז געשטאַנען מיט איין פוס אויף אַ שטול. דערזעענדיק אים, האָט ער זייער פריינטלעך אַ ווונק געגעבן, ער זאָל זיך דערווייל צוזעצן, און אויסגעשטרעקט הערשלען אַ ברייטן שלום עליכם :

— גוט, וואָס מ׳זעט זיך... מיר האָבן צו שמועסן וויכטיקע זאַכן...

— אַבי איר האָט צו שמועסן... ווייל קיינמאָל האָט איר קיין צייט נישט...

— אָט דעם קלמנען — האָט ער גערעדט צו אים שטילער — מוזט איר זען דערווייטערן... כ׳בין נאָך אַלץ נישט זיכער, צי ער איז נישט אַמאָל אונטערגעשיקט פון „יענע לייט״...

— מיינע רייד ! כ׳זאָל אַזוי גוטס האָבן... — האָט ס׳פּנים ביי הערשלען אויפ־געשיינט — אָבער — ווי אַזוי ?

— לאָזט אַרויס אַ בלעטל, אַז אַלע זאָלן וויסן, וואָס פאַראַ מיאוסע שטיק דער קלמן מאַכט... סטאַליניזם, נאַר סטאַליניזם! — האָט דער רעדאַקטאָר געקלאַפּט אין טיש אַריין — עפּעס וועט זיך שוין צוקלעפּן...

— געמאַכט! פאַרלאָזט אייך אויף מיר...

אויף דער פרייטיקדיקער זיצונג האָט זיך הערשל, מיט אַן אומשולדיקער מינע, אַרויסגעכאַפּט, און ס׳אויג האָט אים געוואָסערט:

— אין גאַס טוט זיך חושך... מ׳האָט מיר שוין גערופן אין עטלעכע ערטער, אַז מיר ווערן געצויגן דורך די שטריקלעך פון סטאַליניסטן...

— ווער האָט דיר גערופן?! — איז קלמן אויפגעשפּרונגען.

— דאָס קען איך נישט זאָגן...

— וואָס הייסט, מ׳האָט דיך גערופן? ווער האָט דיך דען באַפולמעכטיקט? און צווייטנס, ווען דאַרפן מיר עס דען אָפּגעבן דין וחשבון?...

איידער וואָס־ווען, האָבן זיך דערנענטערט די וואַלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס, און אויף דער „יידישער גאַס" אין פאַריז האָט זיך געגומען טומלען. צו דער פאַרזאַמלונג פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך אין דעם פרייטיק אָונט צוגעשטעלט אַ מאַן פופצן. קלמן, דער סעקרעטאַר, איז געזעסן איבערן דיקלעכן העפט און פּראָטאָקאָלירט. זיין נאַקעטער שאַרבן איז געלעגן נידעריק איבערן טיש. ער איז געווען קורצזיכטיק. די בריל איז אים פאַרקראָכן איבער דער נאָז. די האַנט האָט ביי אים אונטערגעציטערט פון אויפרעגונג. אין דעם אָונט האָט זיך אָבער הערשל געריסן דווקא צו פירן דעם פאָרזיץ. קלמן איז אויפגעשפּרונגען:

— פאָרזיצער איז חבר כאַסקל. ער וועט פירן די זיצונג, נישט דו!

— ס׳שטייען היינט וויכטיקע פראַגן אויפן טאָג־אָרדענונג.

— דאָס איז נישט דיין זאַך!

נאָך פאַרן אָפּשטימען איז שוין די לופט געווען אָנגעפילט מיט פּולווער. אַלע „יינגלעך" הערשלס האָבן זיך אין דעם אָוונט צוגעשטעלט. הערשל האָט זיך זייטיק אַרומגעקוקט, צי ס׳וועט זיין אַ מערהייט אויף זיין פאָרשלאָג:

— מיר דאַרפן אַלע שטימען פאַר דער פּאַרטיי, וואָס פירט אָן מיט דער מלוכה אין ישראל... מיר רופן...

— מיר רופן נישט! — איז קלמן אויפגעשפּרונגען — מיר זענען נישט קיין פּאַרטיי. לויט אונזערע סטאַטוטן, איז די פּאַרטייאישקייט פון יעדן איינעם, זיין פּריוואַטער ענין. דאָס איז, דוכט זיך, דעמאָקראַטיש, יאָ, צי ניין?

— סטאַטוטן... דעמאָקראַטיש... — האָט הערשל אַ לאַך און אַ פייף געטון.

אַפילו זיינע „יינגלעך" האָבן זיך געפילט אַביסל אומבאַקוועם. אָבער ס׳איז פאָרט צולעצט אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז יעדער איינער שטימט לויט זיין איינזען. דאָ איז שוין הערשל אַרויס מיטן גראָבן לשון:

— ביסט אַ פאַרקויפטע נשמה... אַן אַריינגעשיקטער פון „יענע לייט"...

קלמן האָט זיך אויפגעריסן פון איבערן דיקן העפט, מבולבל, האָט אויפגעמאַכט דאָס מויל, איינצושלינגען אַביסל לופט. אַ קנויל איז אים שטיינגעבליבן אין

האַלדז. ער האָט איצט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס אַנדערע קומען מער נישט אַהער, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט. דאָס איז זי, די „יידישע גאַס?"...

און באַלד צומאָרגנס האָט זיך באַוויזן אַ מעלדונג אין יידישן בלאַט, אַז די גאַנצע אָרגאַניזאַציע רופֿט צו שטימען פֿאַר דער פּאַרטיי, אונטערגעשריבן פֿון הערשלען און פֿון זיינע „יינגלעך". ס'איז געווען אַן אָפֿענער ברוך, אַ סקאַנדאַל. ביי קלמנען האָט געבלוטיקט דאָס האַרץ.

פֿרייטיק, אויף דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג, האָט זיך הערשל מיט זיינע „יינגלעך" ווידער צוגעשטעלט. ער האָט שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט פּטור צו ווערן פֿון פֿאַרביסענעם שניידער, וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג.

קלמן האָט זיך אַרומגעקוקט — ביי וועמען זענען מיר דען געבליבן? ער האָט אָבער נישט אויפֿגעהערט צו קלאַפּן אין טיש אַריין, פֿאַרלאַנגט, אַז הערשל זאָל דערוווייטערט ווערן פֿאַרן ברוך פֿון די סטאַטוטן. הערשל האָט זיך גאָר באַליידיקט אויך. ער האָט אַ כאַפּ געגעבן זיין נייע גלאַנציקע טעקע און איז געלאָפֿן צו דער טיר. אָבער דאָס האָט ער נאָר געמאַכט אַזאַ אָנשטעל, ווייל באַלד האָט ער זיך צוריק־געקערט.

— איך — האָט ער רואיק דערקלערט — וועל אַוועק דער לעצטער... — און האָט נאָך געדראָט מיט דער פֿויסט קלמנען — איצט וועלן אַלע וויסן ווער דו ביסט...

— וועמען וואָרפֿסטו פֿאָר? מיר? וואָס האָב מיין לעבן אַוועקגעגעבן...

— קענסט גיין! — האָט הערשל געשריגן — מיר דאַרפֿן דיר נישט... איך, מיט מיינע „יינגלעך"...

אַזוי האָט קלמן צום לעצטן מאָל אַ פֿאַרקלאַפּ געטון די טיר הינטער זיך, אי־בערגעלאָזן זיי. דער קאָפּ — אין פֿלאַמען. ער איז שטיינגעבליבן אין דרויסן, אָפּ־צואָטעמען. אַ דינער רעגן האָט אים געגאָסן אין קאַלנער אַריין. ער איז אַוועק אונ־טער די אָפּדעכלעך פֿון די פֿאַרמאַכטע מאַגאַזינען. די נשמה האָט געוויינט אין אים. אַלע שיינע האָפֿענונגען, וואָס האָבן אַ שיין געטון; די מענטשן־חיה לויערט נאָך אַלץ אומעטום. נישטאָ קיין אַנטרינונג.

1975

בימי בולאַק באַלאַכאָוויטש

די קליינע, נאַרישלעכע יידענע דאָבעלע האָבן די שכנות צומאָל אויסגעבאַרגט איינע ביי דער אַנדערער צו אַ געוועש. דאָבעלע האָט געפּאַנפּעט, געשטאַמלט אונטער דער צונג, עפּעס אַנדערציילט, פאַרגאַנגען זיך אין אַ קוויטשיק לאַכן, נאָר קיינער האָט אָסור נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט. ס׳פאַרדרייטע גרעקל אויפן שפּיץ קאָפּ ביי איר האָט אונטערגעציטערט, די קורצע, מוסקולירטע הענט אירע, פון האַרעוועו ביי די באַליעס וועש, זענען געווען אָנגעצויגן מיט בלויע אָדערן. זי איז געוויינלעך גע־קומען באַזעצן זיך אויפן גאַנצן טאָג אין דער לאַנגער, קאַלטער קיך, צום גרויסן געוועש. ס׳איז שוין נישט געווען קיין ריינער פאַדעם אין הויז.

— באַבוסטעשי... — האָט זי קודם שטרענג פאַרלאַנגט — אַ קאָפּ הערינג... קאַרטאָפל אין די מונדירן... אַנישט וויל איך נישט...

— און קיין ראָסל־פלייש וועסטו נישט פאַרדייען ? ... — האָט די דיקלעכע יידענע גוטמוטיק געלאַכט.

פונקט איז פאַרנאַכט־צייט דאָבעלע געשטאַנען אין דער מיט פון אַ געדיכטער פּאַרע, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון דער באַליע, ווען דער געשטופּלטער דענשטשיק פון אַטאַמאַן בולאַק באַלאַכאָוויטש, יעפּרעם, האָט געהאַלטן אין מיטן אָנטראָגן עמערס וואַסער פון ברונעם, אַריינגעקומען און אַ וואָלגער־געטון אויף דר׳ערד אַ ברעמיע אָנגעהאַקט האָלץ פון די אַרומגעבראַכענע פּלויטן, צעבלאָזן די סאַמאָוואַר־לעך. דער געשטופּלטער יוון איז אַ רגע שטיינגעבליבן צוגעשמידט צום אָרט, ווי אַ קלאָץ; די קליינע, פאַרטיפטע אויגן אונטער די ווייסע אָפּגעמעקטע ברעמען ביי אים זענען געוואָרן נאָך קלענער; ר׳האָט מיטאַמאָל דערבליקט, ווי די ברייטע ספּודניצע איבער די קורצע, דיקלעכע פיס ביי דאָבעלען האָט זיך יעדעס מאָל היפּש פאַר־ריסן, ווען זי האָט, אָנגעבויגן, האַסטיק, צערויטלט, געריבן מיט דער באַרשט, גע־פלאַסקעט איבער די אויסגעווייקטע ציכן און ליילעכער.

מיט אַ נאַכט פריער איז דאָס הירטל באַלאַכאָווצעס אומגעריכט געהאַט אָנ־געפאַלן, ווי אַ ווינט, אויף זייערע קליינע, פלינקע קאַזאַקישע פערדלעך, אַריינ־געריטן אין שטאָט אַריין, פאַרן אַריינקומען פון די באַרוועסע רויט־אַרמייער. דעם קליינעם שטאָב זענען זיי באַלד געקומען איינקוואַרטירן אין געמויערטן הויז אויפן מאַרק, זיך באַזעצט אין פאַרנטיקן זאַל, ביים ייד, דעם תבואה־הענדלער. יידן האָבן באַלד פאַרקלאַפּט טיר און טויער, פאַרהאַקט די געוועלבלעך אויפן מאַרק.

ס׳איז אָבער געווען עפּעס אומגעוויינלעך, ווייל זיי זענען דאָ אַרומגעגאַנגען צו־שטיל, די גאָרגל־שניידערס. ס׳איז געווען דאָס 20־טע יערל, אינמיטן יענעם הייסן זומער. מ׳האָט זיך שוין געהאַט געגוג אָנגעהערט וועגן פּאָגראָמען אין די יידישע ישובים פון קאַנט, אין וואָלין, אין פּאָלעסיע; די באַנדעס האָבן דאָרט, צוזאַ־מען מיט זייערע פאַרבינדעטע, די פּוילישע לעגיאָנערן, גערויבט, פאַרגוואַלדיקט און פאַרן אָפּטרעטן, אַוועקגעלאָזן די הילצערנע שטעטלעך מיטן פייער. נאָר דאָ, ביים בוג, אויפן שוועל פון די פּוילישע געביטן, זענען זיי עפּעס אַרומגעגאַנגען צו־שטיל; אפשר אויך דערפאַר, ווייל די באַרוועסע טיילן פון דער רויטער אַרמיי האָבן זיי שוין אין יענעם הייסן מיט־זומער געיאָגט אין קאָרק אַריין, אַזש פון הינטער קיעוו, געברענט זייערע טריט. זיי האָבן זיך דאָ מער נישט געפילט ווי ביי זיך, אין דער אוקראַינע.

אין גרויסן זאַל איז דער אַטאַמאַן, אַ ריז, מיט איין פאַרבונדן אויג, אַ צעשפּי־ליעטער, מיט אַן אָפּגעדעקטער ברוסט, געווען צעלייגט אויף די סאָפעס, געהאַלטן אין איין גיסן אין זיך דעם סאַמאָגאָן. ס׳וויב, אָדער די געליבטע זיינע, עפּעס אַ פרעמדע פלאַנץ, האָט מען בלויז עטלעכע מאָל געזען פאַרבייפלאַטערן די לאַנגע, קאַלטע קיך. זי איז געווען אין אַ שוואַרצן טורבאַן, אין אַ לאַנגן זיידענעם קימאָנאָ־כאַלאַט. זי האָט געפייערט מיט אירע גרויסע, שוואַרצע אויגאַנעס, ווי פון אַן עק־זאָטישן פויגל, שאַרפע, ווי די מעסערס.

אין די הויכע פענצטער צום מאַרק האָבן אַריינגעקוקט די צעבליטע אַקאַציעס, אָפּגעשאָטן אין זיסע בליטן, אַז ס׳האָט פאַרשמעקט מיט האָניק־ריחות. די אויפגע־שאָסענע זון־רויזן אין גערטל פון פאָרנט זענען שוין באַלד געווען אינגאַנצן אַרומ־געפליקט. די אויסגעלישטשעטע קערל־שאָלעכצן פון די יאָדערן זענען קונציק גע־פלויגן פון די מיילער ביים דענשטשיק יעפרעם, און פון דער לייב־וואַך ביים אַטאַ־מאַן — דריי געזונטע יונגים מיט בלאָנדע טשובעס פון אונטער די געפלאַצטע קאַ־זיראָקן, די ברוסטן דורכגעקרייצט מיט קוילן־פּאַסן, מיט פאַרשטעקטע קינזשאַלן.

איין יעפרעם האָט יעדעס מאָל געזוכט אַ געלעגנהייט אַריינצוכאַפּן זיך אויף אַ ווייל אין קיך אַריין צו דער נאַרישעוואַטער יידענע דאַבעלע, די וועשין. ר׳האָט גע־האַלטן אין איין אָנטראָגן וואַסער פון ברונעם, אָנגעהאַקט האָלץ, צעבלאָזן די סאַמאָ־וואַרלעך, אַריינצודערלאַנגען אין גרויסן זאַל, צו זיין „דורכלויכט״, דעם אַטאַמאַן, מיט זיין אַריענטאַלישער „קראַסאַוויצע״. די דיקלעכע פּיס ביי דאַבעלען האָבן דעם געשטופּלטן יעפרעם שוין אינגאַנצן פריטשמעליעט, ווי ער וואָלט אויסגעטרונקען נאָך אַ פּאָר קוואַרטירעלעך. ער איז שטיינגעבליבן לאַנג, געקראַצט זיך אין דער פּאַטילניצע, זיך געקראַצט אונטערן פאַרלייזיקטן העמד, און איידל אַ בעט געטון ביי דער יידענע:

— צי קען מען נישט, כאַזייקאַ, אַ שטיקעלע וועש אַריינוואַרפן ?...

— סטופּיי ! ... — האָט דאַבעלע אויסגעדרייט ס׳צעפלאַמטע פּנים אויפן קורצן האַלדז — ס׳הייסט, גיי צום טייוול מיט דיינע לייז...

זי איינע האָט זיך עפּעס אײנגאַנצן נישט אָפּגעשראָקן פאַר די גאָרגל־שנײַדערס, וואָס האָבן באַזעצט דאָס הויז; ווײַל אין אַנדערן פליגל, ביים ייד, דעם תבואה־הענדלער, מיט די דערוואַקסענע טעכטער, זענען טירן און לאָדנס געווען פאַרהאַקט; מ'איז דאָרט אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיצן פינגער, געציטערט, נישט געוויזן זיך מער אויף דער ליכטיקער שיין. די מיידלעך האָבן זיי נאָך מיט אַ טאָג פריער, שפּעט בײַנאַכט, אַוועקגעשיקט צו קרובים אין אַנדערן עק שטאָט. הינטערן הויז, אין די אַרומגעפּליקטע סעדער, איז געווען צעלייגט דאָס הירטל רייטער מיט זייערע קליינע קאָזאַקישע פערד, אויסגעשפּאַנטע צוויי־רעדערדיקע קיביטקעס און טאַטשאַנקע־פורלעך. ס'האָבן טיף אין סאָד געברענט קליינע שייטערס פון דאַרע צווייגן; ס'איז אויפגעגאַנגען דער אַראָמאַטישער רויך פון טרוקענע קאַרשן־בלעטער, געוויקלט אין אַ ציגן־עק, אין צייטונג־פּאַפּיר. ס'האָבן ביז שפּעט געהילכט פון דאָרט פאַרבענקטע סטעפּ־ישע לידער.

און דער געשטופּלטער דענשטשיק יעפרעם האָט אַלץ געקלעפּט, נישט אָפּגעטראָטן, כסדר געשמעקט אין קיך אַריין.

— סטופּיי ! ... — האָט זי אים יעדעס מאָל אָפּגעטריבן פון זיך, ווי אַ זלידנע פליג.

— כאַזייקאַ !... — האָט יעפרעם מיטאַמאָל אַרויסגעצויגן פון אונטערן בוזעם אַ שנירל פּערל און ווייזנדיק אַלע געזונטע רייס־ציינער אין לאַכן, עס צוגעטראָגן נאָנט צו דאָבעלען פאַר די אויגן — דאָס האָט מיר אַ יידישקע... יעי באָגו...

— סטופּיי !... — האָט זי אים געטריבן פון זיך, נישט געוואָלט אַפילו אָנקוקן די „שיינע מתנה", אַראָפּגעריסן אַוודאי פונעם האַלדז ביי אַ יידישער טאָכטער.

זי האָט זיך ראַפּטום געטון אַ דריי אויס, געשטעלט זיך מיט די קורצע, מוסקולירטע, אַדערדיקע הענט באַקאָם, ווי אַרײַנגעוואַקסן, אַרויסגעצויגן פון דער באַליע, אײַנגעוויקלט אין הייסן נעפּל, אַן אייגשיט פון אַ פּערינע, אויסגעדרייט, אַז דאָס וואַסער איז נאָך גערונען, און געשטעלט זיך קעגן יעפרעמען, נאָר אויסצופּליאָסקען זיין געשטופּלט פּנים.

אָבער יעפרעם האָט זיך, ווי אַ קלאָץ, אַלץ פון אָרט נישט גערירט. זיינע בלוי־לעך־שאַרפע אייגעלעך אונטער די ווייסע, אָפּגעמעקטע ברעמען האָבן געלויכטן ווי ביי אַ קאַץ אין דער פינצטער, זענען נאָך שמעלער געוואָרן, ווי פאַרגאָסן מיט שמאַלץ; די צונג אין מויל איז אים טרוקן געוואָרן, זיך שווער איבערגעדרייט. ער האָט זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט. אין דער גאָרער שטילקייט פון הויז, האָט מען נאָר געהערט ווי אין צופאַלנדיקן אָוונט גייט־אויף אַ געדיכט כאָראַל געזאַנג פון די סעדער הינטערן הויז. די באַלאַכאַוועס האָבן דאָרט געצויגן דאָס סטעפּישע ליד וועגן העלדישן אַטאַמאַן, וואָס טויכט אין גאַלאָפּ אויפן ווילדן פערד אין דער ווייט, אויף יענער זייט דאָן. ער איינער, יעפרעם, האָט שוין געוווסט, אַז אַרום האַלבער נאַכט וועט מען פון דאַנען אַרויסרירן. די אַטאַמאַן וועט אַרויס אויפן גאַניקל אין זיינע רויטע, ווייכע סאַפּיאַן־שטיוועלעך און באַפעלן :

— צו די פערד !

דערווייל ליגט ער זיך דאָרט ביי זיין זיס ווייבעלע אויף די סאָפּעס, אַרומגעלייגט מיט קישנס און קישעלעך, גיסט אין זיך דעם ביטערלעכן סאַמאָגאָן; זיין לייב־וואַך — הינטער די טירן. טאָ וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו פֿאַרלירן ? איז ער ראַפּטום געטון אַ פֿאַל צו, אַ כאַפּ געטאָן דאַבעלען ביי אַ פֿוס, אַז ביידע האָבן זיך אַ וואַלגער געגעבן אין דער נעץ. זי האָט אַפֿילו נישט באַוויזן אַ געשריי טון, די יידענע, ווי ער האָט איר אַ פֿאַרשטאָפּ געטון ס׳מויל, און נאָר געפֿילט ווי זי דריגעט מיטן גאַנצן לייב, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פֿויגל.

דערנאָך איז דאָבעלע ליגן געבליבן אין דער לאַנגער, קאַלטער קיך, שטאַר, ווי אַ צעבראָכענע קינדערישע פּופּע, פֿאַרחלשט, מיט אויסגעקערטע אויגן; אין דער צייט, ווען אויפֿן גאַניק זענען די יונגען פֿון דער לייב־וואַך אַרויס און גערופֿן צום הירטל באַלאַכאָווצעס, צעלייגט אַרום די שייטערס אין טיפֿן סאַד, פֿאַרצויגן אין בענקענדיקע לידער וועגן אַטאַמאַן :

— צו די פֿערד !

1970

דער גלאָקן־קלינגער פון עין־כרם

אין רעסטאָראַן פון די „מטבחי פועלים״, רחוב ברנר, אין צענטער תל אָביב, אַרום אלנבי, האָט זיך אַ שטיקל צייט אַרומגעדרייט אָט דער מרה־שחורהדיקער לאַגער־ייד, יאַנטשע סלאַוועטיטשער, מיטן אויסגעברענטן נומער אויפן מאָגערן אָרעם. מ׳האָט אים שוין גוט געקענט, ווייל ס׳זענען דאָ אָפט אויסגעבראָכן קליינע קריגערייען צווישן אים מיט די פאַרפאָרעטע בייזע יידענעס, וואָס סערווירן אַרום די טישלעך. אַז ער האָט, למשל, באַשטעלט ביי דער יידענע אַ קרופּניק, האָט ער זי באַלד צוריקגעשיקט אין קיך אַריין, ווייל ער האָט גאָר — האָט ער געזאָגט — באַשטעלט ביי איר אַ מרק בשר.

— סליחה !... — האָט די צערויטלטע יידענע מיט דער פול־באַשטעלטער טאַץ זיך אַזש געוואָרפן — איר האָט באַשטעלט אַ קרופּניק, ר׳ ייד, יאָ, צי נישט ?!

— ווער באַדאַרף אייך, איר זאָלט מיר געבן עצות?! — איז ער געוואָרן אָנגעצונדן, זיך האַסטיק געטון אַ שטעל אויף.

עפּעס אַ ווילד פייער האָט געברענט אין זיינע פאַרטיפטע אויגן־לעכער, טונקעלע, אומרואיקע. מיט איין שפּיציקן אַקסל האָט ער זיך צוגעשאָקלט, אַ גרינלעכער שוים האָט געזעצט פון אויסגעקרימטן ווינקל ליפּ ביי אים, ווי ביי אַן עפּילעפּטיקער, נישט־דאָ־געדאַכט. ר׳האָט ביי אַ ליאַדע וואָס אָנגעגאָסן זיך מיט בראַנדיקע קאָלירן. און האָט עפּעס איין מאָל געגעבן אָנצוהערן אויך :

— כ׳האָב פריער פון זיי אַלעמען געוווסט ווו דער רוצח אייכמאַן באַהאַלטן זיך ערגעץ אויס...

וועגן די מערדער באָרמאַן און מענגעלע, ימח שמם, האָט ער אַזוי ווי געהיטן אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַן איבעריק וואָרט, נאָר איין מאָל, מיט אַ רמז :

— ס׳וועט אויף זיי אויך איינגיכן קומען אַ וויסטע, פינצטערע בראָך...

מ׳האָט אים סיי ווי געהאַלטן פאַר אַ שטיקל חסר־דעה, אָבער די אָנגעשפּיצטע שטאַם־געסט האָבן עפּעס גענומען חושד זיין, אַז ס׳איז נישט אַזוי פּשוט מיט דעם ייד. ווער ווייס, ער האָט טאַקע אפשר שטילע, טונקעלע פאַרבינדונגען מיט די לייט פון דער „יידישער פאַרטיידיקונג־ליגע״, פון אַמעריקאַנער רב כהנא; איז ער דאָך אַליין מיט אַ שטיקל צייט צוריק געהאַט אַריבערגעקומען פון אַמעריקע.

— ס׳איז אפשר פאַרלוירן געוואָרן אין דעם ייד אַ דעטעקטיוו פון אַ זעלטענעם טאַלאַנט... — האָט איינער אַ שטאָם־גאַסט, נישט קיין נאַר, געלאָזן פאַלן אין גע־לעכטער — אַז ער שטעכט אייך אַדורך מיט זיינע שפּיציקע אויגן...

ער האָט ווירקלעך אָנגעקוקט און נאָכגעקוקט מענטשן מיט אַ זייטיקן בליק, דורכגענומען זיי דורך און דורך, אַז ס׳איז געוואָרן אומהיימלעך. אָבער דער אמת איז אַז דער עלנטער ייד האָט אין ערגעץ מער נישט געפונען קיין מקום מנוחה. על פּי נס אַרויס פון די גיהנום־פייערן, הויט און ביין, האָט ער זיך צעחושט אַרומגע־דרייט איבער דער וועלט; איז געוואָרן פרומלעך, געלאָזן זיך שפּראָצן אַ שיטער, פאַרבלאָז בערדל, כאָטש מ׳האָט אים געזען עסן טרפות אויך, און מאכן דערביי אַן איבעריקע כוסה. אָבער פריילעכער דערפון איז ער נישט געוואָרן. פאַרקערט. ער־געץ אין די דייטשע די. פּי־לאַגערן איז ער זיך אַפילו געהאַט צונויפגעגאַנגען מיט אַ ווייבל פון די דעפּאָרטירטע. זי האָט אים אָבער געלאָזן שטיין, איז אַוועק מיט איי־נעם פון די פלינקע יונגעלייט, אין די געפּאַסטע שטיוועלעך; זיי האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט אויף די געדיכטע לאַגער־מערק, אונטערגעהאַנדלט מיט וואַלוטע, קאָנסערוון, אַמעריקאַנער סיגאַרעטן, און גיכן אויפגעמאַכט זיך נאָכט־לאָקאַלן, באַרן, אין פראַנקפורט־אם־מיין, אין מינכען, געשאַרט, דערציילט מען, גאָלד. די לאַנדסלייט האָבן דעם יאַנטשען אַפילו געהאַט אַריבערגעברענגט קיין ניו יאָרק, אין די בראָנקס, געוואָלט אים דאָרט העלפן קומען צו אַ שטיקל מעמד. אָבער די הענט האָבן זיך אים צו גאָרנישט מער געלייגט. ער איז דאָרט אָפּגעזעסן אין בית־מדרשל „שערי ציון״, אין די בראָנקס טאָקע. אַפילו פאַר אַ שמש האָט ער זיך נישט געטויגט, כאָטש ר׳האָט געקענט אַביסל לערנען אויך, איז געווען בקי אין די קליינע אותיות. פון דעם צעטראָגענעם ייד האָבן זיי נאָר געהאַט קאָפּ־פאַרדרייעניש, מיט זיינע מאָדנע גענג און חשדים, צו אַנטדעקן נאַצי־מערדער, קאַפּאָס. ער איז נאָר אַרומגעגאַנגען און מענטשן אַריינגעקוקט אין די אויגן. ווען ער טרעפט אַזאַ איינעם, האָט ער געזאָגט, וואָלט ער זיך איינגעגעסן מיט ציין און נעגל אין זיין גאָרגל. דאָס בלוט האָט יעדעס מאָל אויפגעקאָכט אין אים.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז ער פון די בראָנקס אויך פלוצים אויסגערונען, אַפילו נישט אָפּגעזעגנט און אַריבערגעכאַפּט זיך מיט דער עליה קיין ישראל. דאָ האָט ער ווידער געזוכט קרובים. איין ווייטן קרוב האָט ער יאָ אָפּגעפונען, דווקא אין ירושלים, און דווקא נישט קיין אָרעמער ייד, אַ קבלן פון הייזער־בוי. יענער האָט אים די ערשטע צייט אַריינגענומען צו זיך, געגעבן אים אַ געלעגער, אָפּצועסן, נאָר ס׳האָט זיך פאַרצויגן אַביסל צו לאַנג.

— יאַנטשע — האָט אים דער קרוב איידל גע׳עצהט — ווער אַ שטיקל מענטש... נעם זיך צו עפּעס אַ מלאכה... נעם זיך אַ ווייבל... וועסט די טויטע שוין צוריק נישט לעבעדיק מאַכן...

— עט... — האָט ער געהויבן מיטן שפּיציקן אַקסל — מיין אייגן לעבן איז ווערט אַ דרייער... כ׳לעב נאָר, נקמה צו נעמען...

— סטייטש... אַזאַ העלד ביסטו ?...

מער האָט ער אים נישט געהאָרכט. אין עפּעס אַ מין עקסטאַז, האָט ער טעג־לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער אַלט־שטאָט, אין מאה שערים, אַרום שער יפו, שער שכם. פרייטיק צונאַכטס האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן צום כותל מערבי, אַרומ־געדרייט זיך צווישן די כלערליי געדיכטע עדות. טייל האָבן דאָרט געטראָגן סויבל־נע שטריימלעך, ריפּסענע קאַפּאָטעס, אַריינגעטאַנצט, ווי צו אַ חתונה, צו קבלת שבת, אויפן מיטן פּלאַץ. אַראָפּגעלאָזן אַהין האָט זיך יאַנטשע דורכן שער יפו, מיטן לאַנגן אַראַבישן געסל, וווּ מ׳האָט קיין שטיקל הימל נישט אַרויסגעזען, טרעפּ־אַרונטער, פול אָנגעזעצט איינס ב׳איינס מיט שמאָלע, טונקעלע אַראַבישע קרעמלעך אונטער די נידעריקע, געוועלבטע סופיטן. ס׳איז געווען אַן ענגעניש; און אין דער מיט איז נאָך אַ באָרוועסער אַראַבער מיט אַ טורבאַן אָנגעריטן אויף אַ קליין אייזעלע.

דער ייד האָט געקוקט מיט חשד אין די הייסע אויגן פון די פאַרשמייעטע אַראַבישע גרינס־הענדלער, כיטרע הענדלער פון אָריענטאַלישע טעפּיכער. ר׳האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן דער כמאַרע פּרויען, געהילט אין שוואַרצן, אַז מ׳האָט נאָר די אויגן זייערע אַרויסגעזען; ר׳האָט געקוקט מיט חשד, ווי אין די נידעריקע־גע־וועלבטע קאַפּייען זענען זיי דאָרט געווען געדיכט אַרומגעזעצט, די פיס אונטער זיך, אין דער גראַגעריי פון זייערע שלשלתדיקע מוזיק־קולות, און געצויגן פון די לאַנגע שלויכן דעם רויך פון נאַרגילעס. ער האָט זיי געקוקט אין די הענט אַריין, נאָכגע־פאָרשט זייער יעדע באַוועגונג, צי זיי ציען נישט אַמאָל זייטיק אַרויס אַ מעסער, אַ רעוואָלווער, אָדער צו וואַרפן אַ גראַנאַט. ער איז זיכער געטראָטן הינטער די פאַר־סאַדזעטע צה״ל־ייִנגלעך. זיי האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט מיט די עוזי׳ס אין די פאַר־שטייפטע פינגער. ער איז אָן שום מורא איינגעשטיגן דווקא אין אַן אַראַבישן אויטאָ־בוס, אין אַלט־שטאָט, אָנגעקוקט מיט אַ מאָדנעם חידוש די אַראַבישע אויפשריפטן, די גרינע האַלבע לבנות. ס׳איז דאָרט געווען ענג, שמוציק. פאַרן אָפּשטעל ביים הר־הזיתים, פול אָנגעזעצט מיט קלויסטערס באַרג־אַרונטער, האָט זיך צווישן עולם אַראַבער נאָך אַריינגעפּאַקט אַ לאַנג־האָריקער רוסישער פּאָפּ, אין אַ ברוינער ריזע, ווילדע קוטשערן פון אונטער דער מיטרע, מיט אַ לאַנגן, געבויגענעם שטעקן אין דער האַנט, להבדיל ווי אהרן הכהן.

ווי אַזוי, פרעגט זיך, האָט ער אַליין, דער צעטראָגענער ייד, דערנאָך פאַר־בלאָנדזשעט אין דעם מאָנאַסטיר פון די הייליקע „שוועסטערן" פון פראַנציסקאַנער אָרדן ? ווייל ס׳איז געווען אַזוי : דער קרוב זיינער האָט פּסח־צייט, צוזאַמען מיטן ווייב, געקליבן זיך אַרויסצופאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן קיין טבריה, אין די הייל־בעט־דער, און יענער האָט, דעם אמת געזאָגט, געוואָלט פּטור ווערן פון אים, האָט ער דעם צעטראָגענעם ייד, יאַנטשען, אָוועקגעפירט און קוואַרטאַל פון עין כרם און אים צייטווייליק באַשטאַט אין דעם מאָנאַסטיר־פּאַנסיאָן ביי די הייליקע „שוועסטערן", פון פראַנציסקאַנער אָרדן. ס׳האָט דאָרט נישט געקאָסט טייער אויך, כמעט אַ שיבוש. אַ רואיק ווינקל, פול אַרומגעשטעלט אויף די בערגלעך מיט קלויסטערס, צערקוועס, מאָנאַסטירן, נאָך פון די צייטן, ווען דער טערק האָט דאָ געוועלטיקט, און אפשר נאָך פריער ? באַלד דערלעבן אויפן בערגל איז געווען אַן אָפּגעשלאָסענער רוסישער מאָנאַסטיר מיט אַן אויפשריפט אויפן זשאַווערדיקן פאַרהאַקטן טויערל : „רוסקאַיאַ

דוכאָוונאַיאַ מיסיאַ״. אין דער נידער, הינטערן בערגל, איז געווען דער „קוואַל „מעין יוחנן המטביל״. איז דער ייד דאָ פאַרבליבן אַ פּאָר טעג, ביז ער איז אויך פון דאָרט, אין איין שרעק, נעלם געוואָרן.

ער האָט שוין דערנאָך מער נישט געדענקט אַזוי גענוי, נאָר נישט אַנדערש, ס׳האָט מסתמא באַדאַרפט צו זיין אין זעלבן אויפדערנאַכט, ווען אין דער עס־פּאַלאַטע, הינטער די שווערע קירכע־ציילן, אונטערן נידעריקן געוועלב, זענען אַלעמענס אויערן פון די פּאַנסיאָן־געסט פּלוצים צוגעשמידט געוואָרן צו די קליינע קעשענע־טראַנזיסטאָרן. ס׳איז איבערגעגעבן געוואָרן וועגן געפערלעכן אויפרייס אין אַ ירושלימער סופער־מאַרקעט. ער האָט זיך אַ הייב געטון פון פּראָסטן הילצערנעם טיש און באַלד צוריקגעקערט דורך דער טונקעלער פּאַלמען־אַלייע, מיט פּאָרזיכטיקע טריט, צו זיין איינזאַם מאָנאַכיש קלויסטער־קעמערל. דער קאָפּ איז אים געווען אין פלאַמען. ער האָט שוין דאָ געגומען חודש זיין מאַלע־וואָס. ר׳האָט זיך דאָ סיי ווי אַרומגעטראָגן מיט אַלערליי חשדים, אַריינגעקוקט זיי אַלעמען אין די אויגן. ער האָט זיך לאַנג איינגעהאָרכט צו די טריט אין די לאַנגע, געדרייטע קאָרידאָרן, האָט דערהערט ווי מען שליסט די טיר בשכנות פון זיין מאָנאַסטיר־צעלע. דאָס איז שוין געווען די צווייטע נאַכט, אין גאַנצן אַ שלאָפלאָזע.

ווייל מיט אַן אָוונט פריער האָט ער זיך געזען נאָכגיין דער יונגער קאַרמעליטן־„שוועסטער״ קאָלעט אין דער טיף פון דער אַלייע, צו דער שורה נידעריקע, געלגעפּאַרבטע מויערלעך, צווישן די געציינדלטע הויכע ווענט פון מאָנאַסטיר. די איידעלע נזירה איז געטראָטן שטיל אין די סאַנדאַלן מיט די בענדעלעך אויף אירע יונגע פיס. אין די לאַנגע, קילע קאָרידאָרן פון ברייטע, ראָזע שטיינער האָבן בלויז זיינע אייגענע טריט ווייט און הויל אָפּגעהילכט. די געוועלבן זענען געהאָנגען נידעריק איבערן קאָפּ. ר׳איז אַראָפּ עטלעכע טרעפּלעך אין דער נידער, זיך ווידער אויפגעהויבן ביים פּאָרדריי צו אַ געוועלבונג. די „שוועסטער״ קאָלעט, אין שוואַרצן, אין דער ווייסער הויב, האָט אָפּערגענומען אַ בינט שליסלען און מיט איין אומגעווינלעך גרויסן שליסל אויפגעשפּאַרט פאַר אים דאָס נידעריקע טירל. זי איז באַלד דערנאָך מיט שטילע טריט ווי אַוועקגעשוועמען. דער ייד יאַנטשע איז אַ רגע שטיינגעבליבן פאַרבליפט, זיך געפּאַרכטן צוערשט אַ טרעט צו טון איבער די רויט־געטעסעטע שטיינער. ר׳איז פּאָרזיכטיק צו און אַריינגעקוקט אין אויסהויל פון שמאָלן פּאַרקראַטעוועטן פענצטער, טיף אַריינגעפּאַסט אין די ווענט. אין אָפּשיין פון אַ יונגער האַלבער לבנה, האָט ער אין גיך־צוגעפּאַלענעם אָוונט נאָך דערבליקט, פון זייער ווייט, ווי אַ קייט אויטאָ־פייערן גליטשט זיך פּאַרביי, שטייגט העכער צווישן די ירושלימער באַרג־טעראַסן.

ס׳האָט זיך פון ערגעץ אָפּגעריסן אַ קורצער גלאָקן־קלונג, דערנאָך האָט אים די שטילקייט לאַנג געקלונגען אין די אויערן. ר׳האָט זיך שוין אויך געפּאָרכטן צו פּאַרלעשן דאָס ליכט א נטערן גרינעם אַבאַזשורל, לעבן פּלאַכן, ציכטיקן בעט; האָט אויפגעהויבן דעם בליק און דערזען אויף דער נאַקעטער, ווייס־געקאַלכטער וואַנט, דעם העלן פלעק, פּאַרבליבן אַוודאי פונם גרויסן צלם מיטן קרוציפיקס. זיי האָבן אים דאָ, זעט אויס, אַרונטערגענומען, ווייל חוץ פּילגרימען־אויסלענדער, זענען יידן

אַפּט געקומען אָפּרוען זיך אַהער, אין מאָנאַסטיר־פּענסיאָן, צווישן די בערג, איינגעטונקט אין קליינע סאָסנע־ און אַליוון־וועלדלעך, פּאַלמען־ און ציפּרעסן־אַלייען. די קילע, געזונטע לופט האָט זיך דאָ געלאָזן טיף איינאָטעמען.

„וווהין בין איך דאָ אַריינגעפאַלן — האָט ער זיך געכאַפּט — וווהין האָט ער מיך פאַרפירט, דער שיינער קרוב מיינער?". אַרונטערגעדרייט דאָס ליכט, איז ער נאָך לאַנג ליגן געבליבן און ס'איז צו אים קיין שלאָף נישט געקומען. אַלערליי פינצטערע רעיונות זענען אים געקראָכן אין קאָפּ אַריין, ביז ער האָט מער נישט געוווסט, צי ס'איז קאָשמאַר, אָדער וואָר. ר'האָט, זעט אויס, געשריגן פון שלאָף אויך, אויפגעכאַפּט זיך, אָפּגעגאָסן אין אַנגסטן; האָט, דוכט זיך, דערהערט אַ קלאַפּן פון יענער זייט וואַנט. מיטאַמאָל זענען אים באַפאַלן — קאַפּאָס... ס.ס.־לייט... זיי האָבן אים געשלעפּט אַהין, ווו אויפן האָריזאָנט האָבן זיך געריסן די פייערן פון דער קרעמאַטאָריע אין צעפלאַמטן הימל אַריין...

ווען ער האָט נאָך אַמאָל געעפנט די אויגן, האָט ער מער נישט געדענקט ווי אַזוי ער איז אַהער געקומען. ס'האָט שוין געקענט זיין נאָענט צו פאַרטאָג, ווייל ער האָט דערהערט אַ טויבן־וואָרקעריי הינטערן פענצטער; אַ וואָרף געטון זיך פון דאָרן פעלד־בעטל, איז ער אַ באָרוועסער געטרעטן איבערן קאַלטן שטיין, ווי אַ לונאַטיקער, אויפגעשפּאַרט די שווער־אַרונטערגעלאָזענע שטאָרן, אויפגעריסן דאָס פענצטער, איינגעפּאַסט אין די מעטערדיק־טיפע שטיין־ווענט. די פענצטער־ראַמען, האָט ער איצט באַמערקט, זענען געווען באַשלאָגן מיט גראָבע קראַטעס. ער האָט לאַנג אַריינגעקוקט אין דער קילער, אויסגעשטערנטער ירושלימער נאַכט אַריין, ביז די האַלבע לבנה האָט גענומען פאַרבלייכן. די דריי גרויסע וואָלף־הינט, וואָס ווערן דאָ אָפּגעלאָזן אויף ביינאַכט צווישן די דיקע מאָנאַסטיר־ווענט, זענען נאָך אַלץ געלעגן אויסגעצויגן מיט זייערע לאַפּעס פאַרן טויערל, האַלב־דרימלענדיק, אָבער אויפגעשפּיצט, נישט געבילט, נאָר אויפגעכאַפּט אַ ליאַדע שאָרך. נישט דורכן פאָרנטיקן גרינעם טויערל, נאָר דורכן הינטערשטן אַריינפאָר, איז אין פאַרטאָג געקומען אָנצופאָרן דער אויטאָ מיט די אויסגעלאָשענע פייערן. ער האָט באַלד דערקענט דעם סילועט פון מאָנאַך, דעם גלאָקן־קלינגער, און ס'איז אים באַלד פאַרגעקומען — עפּעס מאָדנע חשוד; ווייל ער האָט זיך גענוג אָנגעהערט... פון הינטער די בערג האָט זיך גענומען דורכשפּיזן דער נייער טאָג. ער האָט אַראָפּגעקוקט אין דער נידער און געזען ווי דער זעלבער באָרוועסער מאָנאַך, אין דער ברוינער ריזע, איז ווי אַוועקגעשווומען אין דער טיפער ציפּרעסן־אַלייע. פון גלאָקן־טורעם האָבן זיך געהאַט אָפּגעריסן עטלעכע מעטאַלענע, מינאָרע קלונגען און באַלד האָבן זיך אָפּגערופן די אַנדערע קלויסטערס, צעוואָרפן אויף די אַרומיקע בערגלעך און אין די טאָלן פון עין־כרם.

ער איז אַרויס אויף דער טעראַסע, אַרומגעקוקט זיך מיט חשד און איז פאַרביי די טרעפּלעך, וואָס פירן אין דער נידער. אַ האַלבע טיר פון דער קליינער קירכע איז געווען אויפגעשפּאַרט, און אַ דין, מאָנאָטאָן געזאַנג, אַ מורמלעריי פון די נזירות, וואָס האָבן געקניט פאַרן אַלטאַר, איז אויפגעגאַנגען ביז אונטערן היכל. הינטער אים האָט שוין די זון אַרויסגעשפּיזט פון די יהודה־בערג. די בערגלעך

האָבן זיך פון דינעם נעפּל בולט אַרויסגעשניטן אין תכלתדיקן, ברייט־אויפגעריסע־נעם האָריזאָנט. אין דער עס־פּאַלאַטע איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט אויף די פּראָסטע דאָרפישע טישן. די פּאַנסיאָן־לייט זענען זיך אַביסל שפּעטער שטיל צו־נויפגעקומען פון די מאָנאַסטיר־צעלן, ווי פון היילן, צו דער הייליקער עבודה. די יונגע „שוועסטער" קאַלעט, וואָס האָט סערווירט ביי די טישן, האָט אַלעמען באַגעגנט מיט אַ דיסקרעטן „בוקר טוב".

דער ייד יאַנטשע איז געזעסן, דעם קאַפּ אַריינגענומען צווישן ביידע דאַרע הענט. ער האָט אַלץ נישט געקענט פאַרגעסן די קאָשמאַרן פון דער לעצטער נאַכט. פאַראַן, האָט ער זיך געכאַפּט, פּנימער, וואָס חזרן זיך מאָדנע איבער, דורך אַלערליי גלגולים, אַפילו פון לאַנג פאַרגעסענע דורות. פּלוצים דערזעט מען אַ קענטלעך פּנים, ווי ס'וואָלט אַראָפּ פון דער שווערער ראַם אויף אַ לייוונט אין אַ מוזיי, אָדער פון אַן אַלטער סקולפּטור; ווי פון דער שטרענג רעאַליסטישער מאַלעריי, למשל, פון 17־טן אָדער 18־טן יאָרהונדערט, פון בריגעל, פון וואַן עיק — אַ ברייט, פלאַך, פּויעריש, פּירקאַנטיק פּנים, אַ פאַרשפּיצטע סלאַווישע נאָז, די העלע האָר, ווי אַ באַרשט, אויסגעגאָלט אין דער מיט קאָפּ, ווי אַ קליין רונדיק פּליכל, וואָסערדיקע, פאַרטיפטע אויגן, ווי אַריינגעזעצטע קנעפּלעך. אַזוי האָט ער פּלוצים ווי „דערקענט" דעם גלאָקן־קלינגער. די ברייטע, ברוינע ריזע, לויז פאַרגאַרטלט, די הענט פאַר־שטעקט אין די קימאָנאָ־אַרבל, איז אים געפאַלן ביז צו די באָרוועסע טריט, אין די סאַנדאַלן. האָט ער אים אָבער אויך געזען אין אַן אַנדער טראַכט, אין דער טראַכט פון אַן... ס.ס.־מאַן...

ער איז געווײַנלעך נאָך דער פרימאָרגן־מעסע אין קלויסטערל אַראָפּגעקומען פון די טרעפּלעך. פון אַ זייטיק טירל איז אויסגעוואַקסן די עלטסטע "שוועסטער", מוטערל טהערעז. די זקנה האָט קיל געשמייכלט מיט די לאַנגע, פערדישע ציינער, איר ראָז, אַנגעלאָפן פּנים, באַדעקט מיט שוואַרצע ווערצעלעך. צוזאַמען האָבן זיי זיך דאָ אַוודאי פאַרנומען מיט דער היפשער ווירטשאַפט אין מאָנאַסטיר־פּענסיאָן, אַ גוט, פאַקטיש, צווישן די הויכע געציינדלטע פעסטונג־ווענט, וואָס האָט אים אַרומ־געריגלט.

זיי האָבן שוין געטראָפן דעם צעטראָגענעם יידישן פּענסיאָנער, דעם איבער־געשראָקענעם ייד, ביים פּראָסטן טיש. אין זיינע בלייכע הענט האָט זיך געוואָרפן דאָס גלאָז טיי, פאַרוויסט מיט מילך. ער האָט קוים געענטפערט אויפן „בוקר טוב"; דערזען ווי ס'וואַקסט אויס אין דער נידעריקער טיר דער גלאָקן־קלינגער, דער מאָנאַך, דער „ברודער" טעאָפיל, און זעצט זיך ברייט אַוועק ביים זעלבן טיש. פיי־געלעך זענען אין פרימאָרגן אַריין־ און אַרויסגעפלויגן דורך די אויפגעשפּאַרטע לופטשיקעס פון די וויטראַזשן־שויבן אונטערן געוועלב. דער שטרענגער מאָנאַך איז פּלוצים מער נישט געווען אַזוי שטרענג, האָט עפּעס אַ מורמל געטון צו דער זקנה, אַרויסגעלאָזן אַ ווייבעריש, הירזשענדיק לאַכן. ס'איז געווען, ווען די יונגע נזירה, די „שוועסטער" קאַלעט, האָט אים דורכן זייטיקן טירל צודערלאַנגט אַ גרוי־סע טאַץ מיט ירקות, אייער, צעשניטן ברויט, קאַווע. זי איז מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צוריק אַרויס. דער מאָנאַך האָט איר דערביי זייטיק נאָכגעקוקט, מיט אַ כיטרע שמיי־

כעלע, אַ פֿאַרשאַר געגעבן דאָס קאַפּעלע אין דער מיט פֿון אויסגעגאָלטן שאַרבן, פֿאַררוקט טיפֿער די הענט אין די קימאַנאָ־אַרבל. געגעסן דערפֿאַר האָט ער מיט גרויס כּוונה און גרויסע שלונגען, אַ צערויטלטער, שטאַרק פֿאַרטון אין דער אכילה. דער פֿאַרבלאָנדזשעטער ייִד האָט פֿון דער זײַט אָנגעקוקט דעם מאָנאַך און — ווי ער וואָלט אים באַלד אַזוי ווי „דערקענט".

ווײַל אַזעלכע פּרצופֿים זענען געווען אײַנגעגעסן אין זײַן קראַנקן געמיט און זכרון. ער האָט זיי אָפּט געזען אין זײַנע קאָשמאַרן. ער וואָלט געשווירן — אַ קענט־לעכע צורה פֿון געטאָ... דאָרט, אין געטאָ, האָט ער געקענט שווערן, האָט ער, דער זעלבער מאָנאַך, געטראָגן אַ דײַטשע אוניפֿאָרם, אַ טויטן־קאָפּ אויף דער קעפּי, אַ נאַגאַן בײַ דער זײַט, אַ שפּיצרוט, און מיט פֿאַרבלאָטיקטע שטיוול האָט ער יעדן טאָג געשפּאַנט איבערן לײדיקן מאַרק, צווישן די פֿאַרהאַקטע געוועלבלעך. ייִדן זענען, טויט־דערשראָקן, אַנטלאָפֿן פֿאַר אים, און ער האָט זיי נאָכגעיאָגט, נאָכגעשאָסן. ער האָט יעדן טאָג געמוזט האָבן זײַנע קרבנות. און דאָ — טראָגט ער אַ ברוינע ריזע פֿון אַ פֿראַנציסקאַנער מאָנאַך, אַ גלאָקן־קלינגער, ריכט אָפּ די פּרימאָרגן־מעסע. דאָס איז ער אינם וואָגן מיט די אויסגעלאָשענע פֿײַערן אין פֿינצטערן באַגינען גע־קומען אָנצופֿאָרן דורכן הינטערשטן אַרײַנפֿאָר, פֿון אַ געהיימער מיסיע מסתמא.

ס'איז דאָ אַרום די פּראָסטע, הילצערנע טישן געזעסן אַ געמישטער עולם. מ'האָט דאָ געהערט, אַחוץ עבֿרית, אויך פֿראַנצויזיש, ענגליש, דײַטש. אַרויפֿצו, אונטער די לאָמפּאַדעס, אין דער נישע, בײַ די הויכע וויטראַזשן־שויבן, וואָס האָבן שוואַך דורכגעזיפּט דאָס שאַרפֿע טאָג־ליכט, זענען אַרום די לאַנגע טישן געווען פֿאַנ־אַנדערגעזעצט, ווי צום „לעצטן מאָלצײַט", אַ כמאַרע פּילגרימען, אָנגעצויגן פֿון ערגעץ פֿון דער פֿרעמד; ווי געשטאַלטן, אַראָפּ פֿון די הייליקע בילדער און איקאָ־נעס, מיט שאַרפֿע נעז, קײַלעכדיק־פֿאַרשניטענע בערד. אַפֿילו אַ נעגער, אַ גלח, איז געווען צווישן זיי. זיי האָבן געטראָגן אויף די קעפּ הויכע, רונדע מיטרעס, פֿאַר־וואָרפֿן מיט שוואַרצע טיכער אויף די אַקסלען, גרויסע זילבערנע צלמים אויף דער ברוסט. אַרום זיי האָט שוין אַרומגעפּאַרעט זיך די עלטסטע „שוועסטער", די זקנה טהערעזי, מיט קניקסן, מיט שמייכעלעך אויף אירע ראָזע באַקן מיט די שוואַרצע וואָרצעלעך. ביים זײַטיקן טיש האָט דער מאָנאַך מיטן אויסגעגאָלטן פּליכל, דער גלאָקן־קלינגער, אַלץ געלאָזן הערן זײַן נידעריק באַסל, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט מיט אַ לאָכעלע. ווײַל די „שוועסטער" קאָלעט האָט אַלעמאָל, ווי אַ פֿויגעלע, אַרײַנ־געפֿלאַטערט, סערווירט די געריכטן.

דעם ייִד, יאַנטשען, האָט עס שוין אונטערגעהויבן. ער האָט שוין אַפֿילו אָנגעג־הויבן עפּעס חושד צו זײַן די טיש־שכנטע, די פֿרוי מיטן גרויען, שיינעם קאָפּ און יונגע סאַרנע־אויגן, ווי זי הערט זיך אײַן אומגערן צו זייערע רייד אַרום טיש. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי רעדט ייִדיש אויך. דאָס איז זי געווען אין דער צעל בשכנות פֿון זײַנער; דאָס האָט ער זי מיט אַן אָוונט פֿריער געהערט שליסן די טיר. פֿון הינטער דער דיקער וואַנט האָט זיך אים טאַקע געדוכט צו פֿאַרנעמען אירע שטילע טריט. מ'ווייס נישט פֿאַרוואָס, נאָר ס'איז אים פּלוצים געקומען אויפֿן זינען דאָס שיינע מעשה־ביכל פֿון פּרצן, וואָס ער האָט געלייענט אַמאָל, נאָך אין דער

שטעטלדיקער ביבליאָטעק; די מעשה פון יוחנן דעם וואַסערטרעגער, ווי ער האָט דערשפּירט בחוש — אַ צדיק און אַ רשע. האָט ער, אַביסל צוריקגעהאַלטן, אַ פרעג געטון ביי זיין טיש־שכנטע:

— איר מיינט נישט אַזוי?... עפּעס געפעלט ער מיר נישט, דאָס גלחל, דער מאַנאַך. ער גלאָצט מיט די אויגן צום הימל און איז דווקא זייער ערדיש... איר׳ט כאָטש געזען, ווי ער בליקט נאָך דעם וויגנדיקן גאַנג פון דער שיינער נזירה קאַלעט?...

— בלויז דאָס?... — האָט זי שיין געשמייכלט, די פרוי.

ווייל אַרום טיש האָט מען נאָך שטיל גערעדט וועגן נעכטיקן אויפרייס אין סופּערמאַרקעט; און זי האָט דערביי, זייער רואיק, פאַרענדיקט אַרומפּליקן דאָס הענגל טרויבן אויפן טעלערל. זי האָט דערנאָך אַרויסגעצויגן פון האַנט־בייטל דאָס שאַכטל סיגאַרעטן און מיט אַ קענטיקער הנאה פאַרצויגן. זי האָט אויסגעזען צו זיין גאַנץ גלייכגילטיק צו זייערע אַלעמענס רייד אַרום טיש. זי האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן, דערנענטערט זיך צום טיש און געבעטן דאָס אַש־טעצעלע. זי האָט זיך דערביי געגנוי איינגעקוקט אין מאַנאַך, פאַרטון אין צייטונגען, און אים אויך אַ בעט געגעבן:

— צי קען איך זען דעם היינטיקן „מעריב״? דער ראַדיאָ האָט נאָר וואָס עפּעס אָנגעזאָגט...

— איר מיינט אַוודאי וועגן די טעראָריסטן... — האָט ער אויפגעהויבן דעם בליק; ווייל זיי האָבן דאָ געוויינלעך אויסגעמיטן צופיל צו רעדן.

און ווידער האָט אַריינגעפּלאָטערט די יונגע נזירה קאַלעט, מיט פרומע טריט, אַראָפּגעלאָזן זיך לעבן מאַנאַך. אין איר גאַנג, כאָטש אין שוואַרצן, לאַנגן טראַכט, איז אומגעריכט געווען דער כמעט טענצלדיקער גאַנג פון אַ מיידעלע, אַן ענג־איינגעצויגענע פאַריזערין. זי האָט אויך דיסקרעט געשמייכלט ווי אַ פאַריזערין, האָט די אויגן אונטער די אײדעלע ברעמען אַרונטערגעלאָזן, און אַרויסגעמורמלט מיט א פויגל־שטימעלע:

— דער ראַדיאָ האָט ווידער איבערגעגעבן... דאָס מאַכט אונז, ווייסט איר, אַלעמאָל זייער אומרואיק אין דער הייליקער שטאָט ירושלים...

— די שטאָט פון גאָלד, ליכט און — שלום... — האָט זיך שוין די פרוי אויך צוגעזעצט — און זעט, וויפל אומשולדיק בלוט דאָ איז שוין פאַרגאָסן געוואָרן...

— די פרומע יידן פון מאה שערים טראַכטן אפשר אַנדערש...

— איר טראַכט אַוודאי פונם ייד פון די „נטורי קרתא״, ר׳ עמרם בלוי... דער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט דער פראַנצויזישער טענצערין, און זי האָט זיך מגייר געווען...

— כ׳וויל נישט לעסטערן... — האָט די שיינע „שוועסטער״ קאַלעט פּלוצים אויפגעהויבן דעם בליק מיט אַביסל פאַרדאַכט, פאַרצויגן דאָס שיינע שנעבעלע — נאָר זיי... די דאָזיקע... — האָט זי זיך אַפילו פאַררויטלט, אָפּגעהאַקט, דערפילנדיק אויף זיך דעם שאַרפן בליק פון מאַנאַך, דעם גלאָקן־קלינגער.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז באַלד אַרויס, די שיינע נזירה. דער ייד, יאַנטשע, האָט איר פון דער זייט לאַנג נאָכגעקוקט. ווער ווייס — האָט ער זיך געזאָגט — וואָס פאַראַ סודות און געהיימעניש ס׳קענען זיך דאָ באַהאַלטן הינטער זייערע איינגעהאַלטענע, שטילע ריידעלעך און זייערע שוואַרצע כאַלאַטן. ס׳איז אים אַפילו איינגעפאַלן, אַז דער מאָנאַך, דער גלאָקן־קלינגער, לעבט אַוודאי מיט דער שיינער „שוועסטער״ קאַלעט, די פּאַריזערין מיט די הייסע, פרייליכע אויגן אונטער דער קראַכמאַליעטער הויב; כאָטש זי לאָזט די אויגן אַרונטער אַביסעלע פאַרשעמט, און מורמלט מיט אַ פויגל־שטימעלע; און ער, דער יונגער מאָנאַך, אַ פויעריש־געזונטער, אַזוי פאַרקאָכט אין דער עולם הזהדיקער אכילה...

און דער ייד יאַנטשע האָט זי דערנאָך אָנגעיאָגט אין דער ציפּרעסן־אַלייע, די פרוי מיטן גרויען, שיינעם קאָפּ:

— איר ווייסט וואָס כ׳וועל אייך זאָגן? זיי געפעלן מיר עפּעס נישט, די אַלע...

— איר פאַרגעסט, אַז זיי זענען די עלטסטע קאָנספּיראַטאָרן, זייט דורות — האָט זי זיך אַרומגעקוקט און גערעדט שטילער — זיי קריכן אַריין ווי די מילבן, אומגעזען, מיט שטילע, פרומע טריטעלעך. וויפל רייכטימער זיי האָבן זיך איינגעשאַפן אויך דאָ, ביי אונז. די שענסטע ווינקלען אין ירושלים האָבן זיי נאָך באַזעצט מיט לאַנגע יאָרן צוריק, פאַרכאַפּט, אָדער אָפּגעקויפט פאַר פּיאַסטערס... דער פויפּסט... זיי האָבן דעם שטילן אָנזאָג פון פויפּסט, קיין איין מעטער ערד נישט צו פאַרקויפן, באשר, ער איז דאָ אַמאָל געטראָטן, אויף דער געשעדעטער, פאַרברענטער ערד אונזערער... נאָר מילא, באַשולדיקן זיי אָבער אונז, אַז מיר זענען די וועלט־פאַרכאַפּער און וועלט־קאָנספּיראַטאָרן...

— כ׳ווייס נישט ווי אַזוי עס אויפצוקלערן — מאַכט דער ייד — נאָר כ׳פיל, אַז ס׳ציט זיך איין גלייכע ליניע פון די טויט־לאַגערן, פון די קרעמאַטאָריעס, פון די ס.ס.־לייט ביז אָט דעם מאָנאַך אין דער ברוינער ריזע. איר וועט אפשר נישט גלויבן, נאָר כ׳האָב אים אַפילו געזען אין אַ קאָשמאַר־חלום, וואָס טרעפט ביי מיר אָפט... אפשר שמוגלט ער גאָר אַריין די אויפרייס־שטאָפן פאַר די אַראַבישע באַנדיטן...

דאָס קאַנטיק־געשניטענע פּנים, ווי אין רויען האַלץ, דער קילער, וואָסערדיקער בליק פון אונטער די ווייסע ברעמען, האָט אים נאָכט נאָך נאָכט פאַרפאָלגט. ער האָט זיך דערזען — אין דער ביטערער קרירה, אונטערן גרויען, נידעריק־פאַרשלאָסענעם הימל, אָן אַ ברעקל רחמים, דעם קאָפּ אַריינגעצויגן אין די אַקסלען, פאַרוויקלט אין אַן אַלטן בגד, אַדורכלויפן דאָס אויסגעשטאַרבענע געסל צום פּוסטן מאַרק אין שטעטל. די טריט סקריפּען אין איינגעפרוירענעם שניי, און ער פלאַטערט מ׳זאָל זיינע טריט נישט דערהערן; אָבער פּלוצים — שטייט ער פּנים אל פּנים מיטן רוצח. ער בלייבט אַ רגע ווי היפּנאָטיזירט, ווי דאָס העזעלע קעגן דער שלאַנג. „קאָם!״... — מאַכט דער רוצח רואיק, און רופט אים מיט אַ פינגער; אָבער ער רירט זיך אַלץ נישט פון אָרט, ווי פאַרגליווערט. יענער נעמט שוין זייער לאַנגזאַם אַרויסציען דעם נאַגאַן פון דער רעכטער זייט. מ׳ווייס נישט פון וואַנען דעם מאָגער־פאַרהונגערטן מענטש איז באַפאַלן אַזאַ מעכטיקער כוח אַ יאָג צו טון, אַריינצו־

שפּרינגען אין אַן אָפענער הויז־טיר, אַרויף די שמאָלע טרעפּ, ביזן קרומען בוי־דעמל, אַ צי געטון דעם דראַבינע־לייטער, צוגעהאַקט די קלאַפּע. אין האַלבן טונקל, האָט ער אויך באַלד אָנגעטאַפּט לעבן זיך עפּעס אַ שווערע זאַך, דאַכט זיך, אַ גע־לעכעטער טשוהונענער טאָפּ, אַ וואָרף צו טון אים אין קאָפּ אַריין, אויב דער רוצח וועט נעמען אַרויפקריכן. מיט אַ פאַרשטאָרבן האַרץ איז ער דעמאָלט לאַנג געשטאַ־נען, אפשר אַן אייביקייט, און געהערט די שטילע, שלייכנדיקע קאַצן־טריט פון דעם ס.ס.־מאַן. ס׳איז אַ לאַנגע צייט שטיל געווען. ער האָט בלויז געהערט דאָס הויכע שלאָגן פון זיין אייגן האַרץ. ביז ער האָט דערפילט, אַז דער מערדער איז צוריק אַרונטער. דורכן אויסגעהאַקטן שייבל האָט ער זיך אַ וואָרף געטון, צו דערזען, ווי דער באַנדיט שטייט נאָך אַלץ פאַרטייעט, לויערט אין אַ ווינקל, ביי דער רינווע, צו־געשפּאַרט צום ווענטל; לויערט לאַנג, געדולדיק, פאַרביסן. דורכן אויסגעזעצטן בוידעם־שייבל איז, מיטן צוגעפאַלענעם אָוונט, לייכט געווען צו אַנטרינען אויפן אַנ־דערן דעכל. ס׳איז געווען אַן אָפן בוידעם־שטיבל. דאָרט איז שוין סיי ווי מער קיי־נער נישט געווען, נאָך דער לעצטער אַקציע...

אָט דאָס קאַנטיק־געשניטענע פּנים, ווי פון רויען האָלץ, האָט ער מיטאַמאָל דערקענט. מאָדנע — ס׳איז געווען דער באַרוועסער מאַנאַך, דער גלאָקן־קלינגער. ער איז דאָ אויך פאַרזיכטיק, ווי פאַרטייעט, געטראָטן אויף דער ערד, געשוועמען איבער די זייטיקע אַלייען אין זיין לאַנגער, ברוינער ריזע; אָפּגעשטעלט, האָט ער זיך אַלע מאָל פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט געזוכט זיין קרבן; דער זעלבער באַוועג מיט דער רעכטער האַנט, ווי צו כאַפּן זיך צום נאַגאַן ביי דער זייט...

אַן אָפּגעריסענער גלאָקן־קלאַנג האָט אים איבערגעוועקט פון די קאָשמאַרן. ער איז אַראָפּ, געטראָטן אויף די קאַלטע שטיינער פון דער צעלע און אַריינגע־שפּאַרט דעם קאָפּ אין טיפן פענצטער־אויסהויל. ער האָט זיי געזען קומען, די שאָטנס, דורכן הינטערשטן אַריינפאָר צום קליינעם, אָפּגעשלאָסענעם טויערל פון גלאָקן־קלינגער, צוגעשפּאַרט צו אַן אָפּגעריסענעם פעלדז, האַרט ביים תהום.

„ס׳ברענט דאָ אַ גרויס פייער !...״ — האָט ער געוואָלט אַ געשריי טון, אָבער ס׳געשריי איז אים שטעקן געבליבן אין דער קעל.

1975

צ י פּ י

1.

ס׳פֿלינקע, ספּאָרטיווע ייִנגל מיטן וואָנסעלע, דזשאָני, פֿון דער „עלית הנוער״, אַהערגעקומען מיט אַ יאָר צוויי צוריק פֿון ברוקלין, האָט זיך אין דעם אָוונט צו־גיך און פֿאַרפּלאָמט אָפּגעפּאַרטיקט מיטן אַראָפּרוימען פֿון די טישן אין חדר־האוכל; ס׳בלאָנדע שויבערל אַ וואָרף געטון אַהינטער, האָט ער צוריקגעפֿירט די וועגעלעך אין קיך אַריין. ר׳איז דערנאָך שטייַנגעבליבן אין דער אָפֿענער טיר צו די ליכטיקע טעראַסן, אונטערן הויכן, פֿינצטער־אויסגעשטערנטן הימל פֿון נגב, געווישט די נאַסע הענט אין פֿאַרטוך, און איז באַלד ווידער געווען אויסגעמישט צווישן דער פֿריילעכער חברה טרעמפּיסטן; זיי האָבן זיך דאָרט צולעצט געהאַט אַראָפּגעשאָטן מיט די ברייטע טרעפּ צו דער טעראַסע, וואָס האָט פֿון בערגל־אַראָפּ דאָמינירט די וויסטע, ביז צו די מואב־בערג, כמעט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. באַלאָדן מיט די רוקזעק, מיט די פֿאַרוואָרפֿענע גיטאַרעס, ווייס פֿון שטויב, אין די שווערע, באַטשוועקעטע שיך פֿון באַרג־קלעטערער, האָבן זיי דאָ, אויפֿן וועג צום טיפֿן דרום, אָפּט פֿאַרבייַגעצויגן, פֿאַרהאַלטן זיך אַ טאָג־צוויי אין נח״ל־קיבוץ, האַרט ביים דרך הגבורה. ס׳איז געווען אויפֿן וועג קיין אילת, צו דער האַלב־לעגענדאַרער אופֿירה, צו די בלויע און גרינלעכע ברעג־וואַסערן פֿון ים־סוף. דאָס לאַנד, די וועגן, די קיבוצים, די ברעגן פֿון מפּרץ אילת, אויף אַלע אויטאָ־סטאָפּ־פּונקטן, זענען פֿול געווען מיט יונגע וואַנדערער פֿון אַלע עקן וועלט. זיי זענען געקומען אַרבעטן אַ פּאָר טעג אין קיבוץ, אַפֿילו לערנען אין אולפּן, אויפֿגעהויבן זיך און ווייטער אַוועק שפּאַנען איבער די וועגן, ווי די נאָמאַדן. זיי האָבן מיטגעהאָלפֿן אין פֿעלד, אין לול, אין דער קי־ און פֿערד־שטאַל, געקומען אַוועקזעצן זיך, צוגלייַך מיט אַלעמען ביים אָרעמלעכן מאָלצייט אין חדר־האוכל.

ס׳האָט אָבער אָפּט אויך געטראָפֿן, אַז עטלעכע פֿון די בערדיקע, פֿאַרוואַקסענע היפּיס, ביטניקס, אַלערליי סאָרט לינקיסטן, ווי אויך די מיידלעך זייערע, פֿון אַלע עקן וועלט, האָבן זיך דאָ פֿאַרהאַלטן אַביסל לענגער; אַוועק שלאָפֿן אין די לויז־צונויפֿגעקלאַפּטע באַראַקן פֿון די ערשטע מתיישבים, ווען זיי זענען דאָ אַרויף אויפֿן וויסטן באָדן. די פֿאַרלאָזענע באַראַקן זענען געשטאַנען ביים סאַמע ראַנד פֿון דער

שממה, ביי דער געדיכטער דראָטן־פאַרצוימונג, באַזעצט מיט טאַמאַריסקן, אַקאַציעס, עקאַליפּטוסן, קוסטעס, אָפּצוהאַלטן די עראָזיע פון די מדבר־זאַמדן. די פּאַרלאָזענע באַראַקן, דורכגעבערענט פון חמסינען, דורכגעווייקט פון די האָסטיקע רעגנס, וואָס פאַלן דאָ אַראָפּ ווינטער־צייט, האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „שבדיה״. ס׳איז דאָרט אָבער יעדן אָוונט, ביז שפּעט, געווען פריילעך, טומלדיק; אַ געמיש פון לשונות, געזאַנגען, באַגלייט פון די עלעקטראָנישע און האַוואַישע גיטאַרעס. יוגנט פון אַלע לענדער האָט אַ געמיינזאַם לשון. ס׳האָט אויך געטראָפן, אַז די, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרהאַלטן אַביסל לענגער, זענען שוין פאַרבליבן, געוואָרן אַפילו קיבוץ־חברים, ס׳רוב די, וואָס זענען זיך צונויפגעגאַנגען אין פּאָרלעך; ווייל ס׳איז אומגעריכט געווען אַ קליינע משפחה, אַ קינד, וואָס האָט זיי צוגעבונדן. ס׳איז מיט דער צייט געווען — אַ קליינער פעלקער־ און ראַסן־געמיש פון דענער, נאָרוועגער, ענגלענדער, פראַנצויזן, שוועדן, אַפילו פיליפּינער און יאַפּאַנער, צוזאַמען מיט דער יידישער יוגנט, וואָס האָט זיי פאַרפירט אַהער פון אַלע עמיגראַציע־לענדער מעבר לים.

אַזוי אויך איז דאָס ייִנגל פון ברוקלין, דזשאַני, אַריינגעוואַקסן צווישן דעם קליינעם פעלקער־געמיש אין די באַראַקן פון „שבדיה״; ווייל ר׳איז אין דעם אָוונט שוין נישט אָפּגעטרעטן פון דער חברה טרעמפּיסטן, אויבן, איבערן ניי־אויסגעבויטן „מועדון״, וווּ ס׳איז די ביבליאָטעק, דער לייען־זאַל, די קאַפעטעריע. ס׳איז דאָרט געווען פריילעך, טומלדיק. זיי האָבן דאָרט צערוקט די טישן, די שטולן, געשאַרעוועט מיט די שוועריע, באַטשוועקעטע שיך פון בערג־קלעטערער. די גיטאַרעס אַרונטערגעוואָרפן, האָבן זיי אַרויסגעלאָזן אַ דינעם, ציטערדיקן עכאָ; באַלד אָבער האָבן זיי גענומען ווינען מיט דינע קולות, הירזשען מיט די ווילדע מאַנאָטאָנע פּאָפּ־לידער פון אַלע סטודענטן־קעמפּוסן אין דער וועלט. פון די פּאַריזער קליינע, פאַרדעכטיקע באַרן אַרום סען־מישעל. ווי אָפּגעשטאַנענער ווייַן, האָבן זיך אַ גיס געטון די שפּאַנישע פלאַמענקאָס, די סענטימענטאַלע אַרגענטינער טאַנגאָס אין דער ברייטער, פּאַטעטישער שפּאַנישער עפּאָס — „גרענאַדאַ״. דעמאָלט האָט ציפּי, ס׳פאַרבלאָנדזשעטע קריאַזשאַ־מיידל פון די אַרגענטינער פּאַמפּאַ־סטעפּעס, צווישן זיי, זייטיק געטון אַ שפּאַן אַריין מיט קליינע, געמאָסטענע טריט, אין מיטן קרייז. איר לאַנג, ציגיינעריש קלייד, אין בונטע פאַרבן, אין קליאַשן, האָט צוערשט לייכט אַ ווייע געטון. מיט קליינע שריטעלעך, איז זי לייכט אַוועק אין דער קרום, דערנאָך — געשווינדער, ווילדער. זי האָט צוגעקנאַקט מיט די הויכע אָפּצאַסן, מיט די פינגער, קורצע, טרוקענע קלעפּלעך, ווי מיט קאַסטאַניעטן. דער פאַרפּלאָמטער עולם יונגוואַרג האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט. ס׳ווילדלעכע מיידל מיטן ציגיינער־שויבער האָט זיך יעדעס מאָל אומגעריכט אַ האַסטיקן דריי געטון, אַ וואָרף געגעבן די פעדער־שוואַרצע קרייזעלעך אויף צוריק, ס׳קלייד האָט אַ ווייע געטון, ווי אַ געעפנטער פּאַראַשוט, אָפּגעדעקט איר שלאַנקע פיס.

— אַן עקזאָטישע פלאַנץ, בחיי... — האָט דזשאַני אַ מורמל געטון עמיצן פון דער זייט, און ס׳אויער האָט אים געפּלאַמט — ווער איז זי ?...

— זי שלעפּט זיך דאָ אַרום מיט דער חברה פון אַרגענטינע...

— ווי אַזוי האָט זי פאַרבלאָנדזשעט אַזש אַהער ?...

אַלע האָבן זי געגעסן מיט די אויגן, ס׳ווילדלעכע קריאָזשאַ־מיידל, מסתמא אַ ווייטער געמיש פון די איינגעבוירענע אינדיאַנער און פון די שפּאַנישע מאַטראָסן; אַ טאָכטער פון דער ווילדער אַרגענטינער פּאַמפּאַ; און דזשאַני איז שוין נישט אָפּ־געטרעטן, נאָכגעגאַנגען אירע טריט.

ווייל נאָר צוליבן פלינקן ספּאָרטיוון יינגל מיטן וואָנסעלע, דזשאַני, איז זי שוין אפשר דערנאָך פאַרבליבן צווישן דער יונגער חברה פון נח״ל־קיבוץ, אין האָרץ פון נגב. זי האָט זיך דאָ דערפילט היימיש, דער עיקר צווישן דער שפּאַניש־רעדנדיקער חברה פון אַרגענטינע, פון אורוגוויי, פון מעקסיקע; פונקט ווי ס׳בלאָנ־דע פראַנצויזישע מיידל קאָלעט, מיט די פעסטע היפטן, איז זיך צוגעפּגעגאַנגען מיטן פאַרוואָקסענעם יידישן בחור פון האָלאַנד; פונקט ווי ס׳איז שוין דאָ פאַרבליבן דאָס מיידעלע פון די פיליפּינען, מיט די שמאָלע מאַנדל־אויגן. דאָס פלינקע, דינע מיידעלע האָט זיך געוויקלט אין אַ געבלימלטן פּעניואַר איבער די קורצע הויזלעך. פון אונטערן ברייטן שטרוי־הוט האָבן געפלאַטערט אירע לאַנגע, דינע צעפּלעך, און מיט אירע קליינע, איידעלע, באָרוועסע פיס האָט זי אין פריען באַגינען, ווען ס׳ליגט נאָך אַ קילע ראָסע, צוגלייך מיט אַלעמען, געשפּאַנט אין די זאַמדן, דורך דער סטעזשקע, צו דער פעלד־אַרבעט, צו די פּלאַנטאַציעס פון ערד־ניסלעך, אָדער אַרומ־ציכטן די אַגאַווע־שטענגלעך, די טאָמאַטן־בייטן, וואָס האָבן געבליט אין סאַמע מיטן ווינטער און ביז ווייט אַראָפּ פאַרכאַפּט ס׳אויג.

ס׳האָט זיך טאַקע מיט דער צייט געלאָזן מערקן אַ מאָדנער געמיש אין די קי־בוצים, מ׳קען זאָגן, אַ פעלקער־געמיש, אַ פאַרשיידנאַרטיקער טיפּאַזש — בלאָנדע, סלאַווישע קעפּלעך פון יונגע פרויען, פאַרברוינטע יונגעלייט מיט אַ שווערן, אָבער פלינקן טראָט; אונטערגעוואָקסענע שול־מיידלעך, געשניצטע פיגורלעך, מיט שטאָלצע קעפּ, טיף־שוואַרצע, העל־בלאָנדע, פלאַמיק־רויטע מיט געשניטענע אויגן אין אַלע פאָרמען. זייער באַשיידענער, שטאָלצער גאַנג אויף דער ערד איז געווען, ווי דאָס שוועבן פון יונגע הירשן איבער די ווילדלעכע וועגן פון נגב.

2.

מיט דער זריחה איז דאָס קריאָזשאַ־מיידל, ציפּי, אין באַגינען־טוי, די ערשטע אַרויס פון באַראַק אין דער פּאַלמען־אַליי, געוואַשן זיך ביי דער וואַסער־רער, צע־קעמט אירע שטייפע קרייזלדיקע האָר, און באַלד אַוועקגעכאַפּט זיך צו די שטעלער, פון יענער זייט „שבדיה״. עס האָט איר אַ צי געטון אַהין, ווייל זי האָט פון ווייטן דערהערט דאָס פריילעכע הירזשען פון די פערדלעך. דאָס זענען געווען קליינע, שלאַנקע, ריין־ראַסיקע, הייס־בלוטיקע אַראַבישע פערדלעך. אויף שטום־לשון, האָט זי אַ בעט געטון ביים שטאַל־מייסטער, ביי דזשאַני, אַז זי וויל אויספּרוּוון אַזאַ פערדל; און דזשאַני איז שטיינגעבליבן אַביסל צעטומלט — ווי ער וואָלט זי שוין דאָ אָפּגעוואַרט. ער איז אין באַגינען געשטאַנען, אַ האַלב־נאַקעטער, דאָס רויטע זשאָקעי־היטל מיטן לאַנגע דאַשיק איבער די אויגן. ער האָט געוואַשן, געבאַרשט,

געגלעט די סאַמעטענע פעל און די גריווע פון אַ ברוין פערדל מיט ווייסע נאָגאַווי־צעס, מיט אַ ווייס לאַטקעלע צווישן די קלוגע אויגן.

— קענסט רייטן ? — האָט ער זי געוויזן די באַוועגונג מיט די הענט, ווי מען ציט אָן די לייצעס.

האָט זי געלאַכט מיט אירע שטאַרקע, בלאַנקע ציינער, און מיטביידע הענט אַ ציי געטון אין דער לופט, און ס׳האָט אַ הילך געטון אַ שאַרפער פייף. דזשאָני איז געלאָפן און אַרויסגעפירט פון שטאַל דאָס פערדל מיט די רויטע סטענגעלעך פאַר־פלאָכטן אין דער גריווע. ער האָט אַרויפגעוואָרפן אַ קאָלדרע, איינגעלייגט אין פירן. ער איז צו, לייכט אַ נעם געטון זי ביי דער דינער טאַליע. זי איז אונטערגעשפרונ־גען פלינק אויפן בייגעוודיקן רוקן פון פערד; איינגעמאָסטעט זיך, האָט זי אַ נעם געגעבן די קורצע לייצעס איןביידע הענט, ס׳ביישל, פעסט אַ צי געטון צו זיך, צו האַמעווען עס; ווייל זי האָט זיך גערינכט דערויף — ס׳פערדל איז ראַפּטום אַ שפרונג־אונטער געגעבן, צו שטעלן זיך אויף די הינטערשטע פיס, זיך צעהירזשעט אין פרימאָרגן אַריין. מיטן שפיציקן שיכל פון אונטערן ברייטן קלייד האָט זי עס פלינק און האַסטיק געשטורכעט אין בויך, געהאַמעוועט, איינגעצויגן פעסט די שפּאָרן, דאָס מויל־אייזן, ביז ס׳האָט דערפילט די זיכערע האַנט אירע אונטער זיך, און איז אַוועק אין גאַלאָפּ. ווי אַ ווינט האָט זיך דאָס מיידל געטראָגן אין אַ זייט פון די פאַרזייטע פעלדער, דעם שויבער — אין פליענדיקע כוואַליעס, טאַקע ווי אין די וועסטערן־פילמען. דזשאָני, דעם לאַנגן דאַשיק פאַרריסן, איז געשטאַנען און האָט זי לאַנג און פאַרגאַפט נאָכגעקוקט.

— אַ מויד — אַ טייוול !...

דאָ, אין נח״ל־קיבוץ, האָט ער געאַרבעט ווו מ׳האָט אים נאָר צוגעטיילט — אין לול, אין בהמות־שטאַל, אין פערד־שטאַל פון דער רייטער־שול. ווייל זיי פלעגן דאָ אויך אין די פינצטערע נעכט, אַ טריט פון דער ירדן־גרענעץ, פּאַטרולירן אויף די פלינקע פערדלעך. זיי זענען, נאָך גאָר יונגע לאַשיקעס, איינמאָל איינגעקויפט גע־וואָרן ביי די בעדואינער, וואָס ציען דאָ פאַרביי מיט זייערע סטאַדעס שוואַרצע באַרג־ציגן, שעפסן־סטאַדעס, צווישן אַ כמאַרע פאַרהילטע ווייבער מיט קינדער, אויף די אייזעלעך און קעמלען. די מאַנסלייט, פאַרוויקלט אין די אַבאַיעס, זענען געריטן אויף די קליינע, הייס־בלוטיקע ראַסאָווע פערדלעך, פאָראויס.

ווען ציפּי איז האַסטיק אָנגעריטן, אַראָפּגעשפּרונגען פון פערדל, וואָס האָט שווער געאָטעמט דורך די נאָזלעכער, איז דזשאָני שטיינגעבליבן מיט אָן אָפן מויל. ער האָט געפּרוווט רעדן צו איר אין ענגליש, און זי האָט אַביסל פאַרשטאַנען :

— קום, ציפּי, מירן פאַרנאַכט אַ פאָר געבן אין אַ קאַבאַרעט אין שטאָט אַריין. כ׳וויס אָן ערטעלע אין יפו, על שפת הים...

— נאָך היינט וויל איך... — איז זי געוווען צערויטלט, אויפגעהייטערט.

— וואַרט, כ׳וועל אַ בעט טון דעם דזשיפּ ביים מזכיר...

ס׳איז געווען פרייטיק שפּעט נאָכמיטאָג, ווי זיי זענען אַ פאָר געגעבן מיטן דזשיפּ, אזש ביז יפו. אויפן ברייטן שאָסיי האָט מען זעלטן געזען פאַרבייפליען אָן אויטאָ; און דזשאָני האָט דעם דזשיפּ געטריבן איבער 100 קילאָמעטער אַ שעה.

ציפּי, אָנגעצויגן אין פּיל־קאָלירִיקע ברייטע הויזן, אין קורצן טוניק, איז די ערשטע אַראָפּגעשפּרונגען פון אָפענעם דזשיפּ. דזשאָני איז געהאַט פאַרפאָרן צום רעזער־ווירטן פּלאַץ ביים מעטשעט. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן ביי דער ברייט־צעלייגטער קאַפע־טעראַסע מיט די פייערדיקע נעאָן־אותיות: „צום קילאָמעטער 101״. ס׳איז דאָרט טאַקע געווען אומגעוויינלעך, אין דעם עקזאָטישן קוואַרטאַל, רויט און פּיל־קאָליריק ליכט אָפּגעגאָסן אויף די מויערן, באַדעקט מיט אַן אַלטן פּאַטין. אויף אַלע טריבונעס — מוזיק. אויף די טעראַסן, אונטער דער נעץ פון קריכנדיקע וויינשטאָקן, האָט מען ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט פאַרוויגט זיך אין נייעם טאַנגאָ, וואָס איז געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן, האָט געהילכט פון אַלע הויך־שפּרעכערס:

חביבי,
הכל עבור,
חביבי. . .

די פּול־באַזעצטע טעראַסע איז געהאַנגען כמעט איבערן ים. ס׳האָט נאָכן הייסן טאָג געבלאָזן אַ לינד ווינטל. גרויסע לעמפּ־באַלאָנען, ווי קרעלן, האָבן זיך געוויגט אין לאַנגע שורות. דער פּלאַץ, דער אַלטער מעטשעט, די אַרומגעשטעלטע געביידן אין מאַריש־אָריענטאַלישן סטיל, מיט די הויכע, רונדע פענצטער, קאַרניזן, גע־שניצטע באַלקאָנדלעך, זענען געווען אָפּגעגאָסן אין הייסע, פאַנטאַסטישע ליכטער. ס׳איז אַרום די קליינע, פאַרשטעקטע באַרן אויפגעגאַנגען דער רויך פון געבראָטן שעפּסן־פלייש, ווי פון מזבחות. ס׳האָבן זיך אין דער לופט געטראָגן שווערע, זיס־לעכע ריחות פון פאַלאַפעל, געברענטע ניסלעך, האָניק־געבעקסן, קאָקאָ־קאָלאָ. זיי האָבן ביים צינק באַשטעלט אַ וויסקי, אויסגעטרונקען מיט איין צי, און באַלד דער־נאָך האָט דזשאָני מיטן וואָנסעלע אַ פיר געטון ציפּין צו דער קליינער עסטראַדע, געדיכט אָנגעפּראָפּט מיט פּאָרלעך. זיי האָבן זיך לאַנג געוויגט און פאַרוויגט אין נייעם טאַנגאָ — „חביבי, הכל עבור, חביבי״, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן דורכן הילכער פון קליינעם אָרקעסטער, איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן אין אַלע קליינע, פאַר־דעכטיקע באַרן, אין דער עקסטראַוואַגאַנטער שכונה פון קינסטלער און ביטניקס, אין יפו, על שפת הים, ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

צוריקוועגס איז ציפּי, האַלב־שיכורלעך, געלעגן אויף זיין אַקסל, ווען ער האָט געקירעוועט דעם דזשיפּ מיט דער גאַנצער פאַרע, איבער הונדערט קילאָמע־טער אַ שעה. אויך ער איז געווען שיכורלעך, פילנדיק ווי ס׳שטראָמען אינם מיידל פרעמדע, פאַרלאָקנדיקע אַראָמאַטן און זאַפטן.

צומאָרגנס, אין שבתדיקן רו־טאָג, זענען זיי לאַנג, האַלב דרימלענדיק, געלעגן אין באַראַקל ביי אים, אונטערן ברענענדיקן דאַך; זיי האָבן זיך געקילט מיטן ווענטי־לאַטאָר, מיט די פלעשער מיץ פון קיל־קאַסטן. ערשט אַרום פיר־האַלב־פילף נאָכ־מיטאָג, ווי נאָר ס׳האָט זיך געגומען באַוועגן דאָס געדיכטע בלעטערוואַרג פונם גדר חי הינטערן שייבל, האָבן זיי דערפילט פון ערגעץ בלאָזן אַ לייכט, דערפרישנ־דיק ווינטל. דזשאָני האָט אויפגעשפּאַרט דעם לאָדן, איז אַרויס אויפן גאַניקל און דערפילט ציען אַ פרישקייט פון ערגעץ. איידער וואָס, איז אַראָפּגעפאַלן דער אָוונט,

די גרויסע שטערן פון נגב, ווי אַנגעגאָסענע הענגלעך וויינטרויבן — איבערן קאָפּ. און בליקנדיק הינטער זיך, ווו ציפּי האָט נאָך געדרעמלט, האָט ער זיך דאָ דערפילט טיף אַריינגעוואָקסן אינם באָדן, ווי ער וואָלט דאָ געבוירן געוואָרן.

3.

אַזוי צעטראָגן און אומרואיק איז ער געווען אין יענעם זומער, דזשאָני. צוזאַמען מיטן ווילדלעכן קריאַזשאַ־מיידל ציפּי, האָט ער זיך איבערגעצויגן אין צוגעטיילטן באַראַקל פאַר יונגע פּאָרלעך. ער האָט זי, ווי אַ יונג פערדל, דרעסירט, געהאַמעוועט, כאָטש אַלץ נאָכגעגעבן. זי האָט שוין צוביסלעך געכאַפּט ס׳לשון אויך, אָבער יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך פון עפּעס איבערגעשראָקן, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן האַרצן — „מאַמאַ מיאַ!״... און האָט געלאַכט אַ ווילדלעך געלעכטער. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אין באַגינען און צוזאַמען אַוועק אַרבעטן אין פעלד, ביי די ערד־ניסלעך, ביי די אַגאַוואַ־פלאַנצן, ביי די ווינטערדיקע טאָמאַטן־פּלאַנטאַציעס, אין שטאַל, אין לול. ער האָט זיך אַפילו איינמאָל אַריינגעכאַפּט קיין באר־שבע, איינשאַפן פאַר איר דעם גרינלעכן טיי, וואָס מען קריגט דאָרט אין די געוועלבלעך פון דרום־אַמעריקאַנער יידן, די „מאַטע״; ווייל אַזוי האָט זי פאַרלאַנגט. אין די נעכט, ווען ער איז אַרויסגעריטן אויף שמירה, מיטן ביקס אויפן אַקסל, איבערגעלאָזן ציפּין אַליין אין באַראַקל, איז ער געווען אומרואיק, ווייט אַריינגעטראַכט. אַז ביי יעדן איינעם דאָ, אין זיין הינטערבאַוווסטזיין, לעבט אַוודאַי די טונקעלע אַנונג, דער פּחד, אַז די שממה, די וויסטע, זאָל נישט צוריק אָפּמעקן די ישובים, אַרויסגעריסן פון מדבר, וואָס קען פאַרשיטן גאַנצע ציוויליזאַציעס; פּונקט ווי רוישיקע שטעט, וואָס וואַקסן אויס כמעט איבער נאַכט. אַלץ, וואָס לעבט און בליט דאָ, איז דאָך אַרויסגעריסן געוואָרן פון וויסטן מדבר. יעדער פון עלטערן דור געדענקט עס נאָך, דאָס וואָיען פון די שאַקאַלן הינטערן פענצטער אין די טיפע נעכט; די מאָוימדיקע, ווייטע פּוסטקייט, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג אַרומגערינגלט אַפילו תל אָביב. ס׳איז אויך מסתמא — האָט ער אַ טראַכט געטון — דער פינצטערער פּחד פאַרן מדבר־מענטש, וואָס טראָגט אַ מעסער אונטערן כאַלאַט, כאָטש ער שמייכלט מיט זיינע שאַרפע ציינער און אין זיין פייערדיקן בליק — דער פלאַם פון נקמת הדם...

מיט אַזעלכע אומרואיקע מחשבות איז ער אין די נעכט אַרויסגעריטן אויף שמירה, אין געפיל, אַז ער היט זיי אַלעמען, אַז ער היט זיין געליבט מיידל פון געפאַרן. זיין פאַרשאַרפטער געהער האָט אויפגעכאַפּט אַ ליאַדע פאַרשטיקטן קלאַנג פון ווי ווייט.

דזשאָני איז אין דעם זומער אויך געווען אַביסל אומרואיק־צעטראָגן, ווייל אָט איז אים אָנגעקומען אַ בריוו, אַז זיינע עלטערן וועלן אַוודאַי קומען צופאָרן. טאַקע, וואָס וועט ער זיי זאָגן וועגן ציפּין ? ...

דער טאַטע זיינער, דער רייכער קליידער־פאַבריקאַנט פון ברוקלין, דייוויד פאָקס, האָט זיך דאָרט אין יענעם זומער איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעריסן פון זיינע

„ביזנעס" און צוזאַמען מיטן ווייב אַראָפּגעכאַפּט זיך, נישט מער ווי אויף אַ טעג צען קיין „איזראַעל", אַ קוק טון, מיט וואָס דער „באַי" זיינער, דזשאַני, איז דאָרט אַזוי שטאַרק פאַרקאָכט. ער האָט עס נאָך אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין, דער „אַלטער". דאָס יינגל איז דאָרט, אין ברוקלין, צוערשט געווען איוסגעמישט מיט די ווילדע, פאַרוואַקסענע היפּיס, ביטניקס, דערנאָך האָט ער געוואָרפן דאָס לערנען אין קאַלעדזש אויך, מיטגעכאַפּט זיך מיט דער „עלית הנוער" און — איז שוין דאָ פאַרבליבן, אין נח"ל־קיבוץ.

די מוטער האָט עס מער נישט געקענט אַריבערטראָגן; אָבער מיסטער פאַקס האָט לאַנג אַריינגעקלערט דערין און אַ מאַך געטון: „מילא, זאָל זיין „איזראַעל"... וועסט זעען, ער וועט נאָך קומען צום שכל, דער „באַי"... ער אַליין זאָגט זיי נישט אָפּ, די לייט, ווען מ׳קומט אַריין צו אים, „לאָזט זיך קאָסטן אַ שיינע פּאָר דאָלאַר... שפּענדעט און — דאָטסאָל"...

אָבער דזשאָני האָט גאָרנישט פאַרלאַנגט פון רייכן טאַטן זיינעם. האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק מיט דער חברה קיין ישראל. ער איז דאָרט געוואָרן אַ „סאָשעליסט", שרייבט זעלטן ווען אַ פּאָר ווערטער, אַז „אַלץ איז דאָ אַלרייט און — פאַרטיק". די מיס פאַקס האָט עס מער נישט געקענט אַריבערטראָגן; און אין דעם זומער אַראָפּגעשלעפּט דעם מאַן אַהער, אַ קוק טון, וואָס ער מאַכט דאָרט אַזוי לאַנג, דזשאָני.

און אָט האָבן זיי זיך פּלוצים אַריינגעשטעלט צום זון אין קיבוץ אַריין. ער איז געווען פאַרפּלאָנטערט, דזשאָני, אַביסל צעשראָקן, האָט זיי נישט באַלד דערציילט, אַז ציפּי... זיין מיידל... ער האָט דעם טאַטן מיט דער מאַמען אַרומגעפירט און מיט שטאָלץ באַוויזן זיי די גרויסע, פאַרצווייגטע באַלעבאַטישקייט. די הינער־שטייגן, די קי, די פערד, די סטאָלעריי, די פאַבריק פון די אונטערערדישע רערלעך, פייכט צו מאַכן דעם באָדן מיט אַ מינימום וואַסער, אַ פּאַטענט פון אַ קיבוץ־חבר. ער איז אַזוי פאַרקאָכט געווען און זיך באַרימט, ווי דאָס אַלץ וואָלט געווען זיין אייגנס. פרעגט ער אים, דעם באַטשיק, דער מיסטער פאַקס:

— און דאָס אַלץ — פאַרן ביסל עסן ?... ניין, כ׳זע נישט קיין תכלית אין דעם, דזשאָני...

— וואָס הייסט... — מאַכט דזשאָני — כ׳בין צו אַלעם דאָ אַ מיט־שותף... אַן אַקציאָנער, אַז דו ווילסט...

— אַזוי, אַן אַקציאָנער, אַ שותף צו דעם גאַנצן „ביזנעס" דאָ ?...

— ווי דען ? — האָט דזשאָני געלאַכט מיט זיינע לאַנגע יינגלשע ציינער.

— נאָך וואָס־זשע, פרעג איך דיר, באַדאַרפסטו דאָ צו האָבן אַזויפיל שותפים ?

— ס׳הייסט ? — האָט זיך דאָס יינגל נישט באַלד געכאַפּט.

— כ׳שרייב דיר אויס אַ טשעק — זאָגט ער, דער מיסטער פאַקס — צאָל זיי אַרויס זייער חלק און „דאָטסאָל"... ביסטו אַליין באַלעבאָס... ווייל, ווי כ׳זע, דאַרף עס צו זיין נישט קיין שלעכט „ביזנעס"...

האָט ער זיך אַזוי צעלאַכט, דאָס יינגל, געטרייסלט מיט דער בלאָנדער גריווע, און גענומען זיך דעם טאַטן עפּעס לאַנג צו דערקלערן, אָבער ס׳האָט זיך גאָרנישט באַקומען :

— ביי אונז איז אַלץ — קאָלעקטיוו, ס׳הייסט, סאָשעליזם...

און נאָך האָט ער זיי געזאָגט, דעם טאַטן מיט דער מאַמען, אַביסל פאַרשעמט :

— כ׳האָב שוין דאָ אַ מיידל...

— אַזוי ?... ווער זענען זיי, אירע עלטערן, כאָטש לייטישע מענטשן ? ... — האָט די מוטער באַלד געוואָלט וויסן.

— ביי אונז גייט עס נישט... עלטערן, קרובים... מיר זענען פאַרליבט און לעבן דאָ ווי פרייע מענטשן... און אין גיכן וועט ביי אונז זיין אַ בייבי...

די מיס פאָקס האָט פאַרבראָכן די הענט, שיעור נישט צו חלשן. אָבער מיסטער פאָקס איז נישט געווען איבעראַשט, אפילו אויף אַ האָר נישט :

— אָלרייט... זאָל זיין אַ בייבי... אָבער קיין תכלית, דזשאָני, פאַר דיר זע איך דאָ נישט... נעם דאָס ווייבל מיט זיך און קום אַהיים... כ׳וועל דיר אַריינגעמען אין די „ביזנעס״...

האָט ער נאָך הילכיקער געלאַכט, דזשאָני, און האָט דעם פאָטער מיט דער מוטער, נישט אָן אַביסל פלאָטער, געפירט מיט זיך צום באַראַקל. ער האָט פון וויטן דערזען, ווי ציפּי איז פונקט געשטאַנען אויפן גאַניקל און צעהאַנגען עטלעכע שטיקלעך וועש אויפן אָנגעצויגענעם דראָט. ווען ציפּי האָט זיי דערזען אָנקומען, האָט זי האַסטיק אַ לויף געטון צוריק אין דער טיר אַריין. בלויז ס׳קליינע הינטל דובי איז זיי אַנטקעגנגעלאָפן מיט פריילעכער בילעריי.

1976

דער פּחד, וואָס גייט דיר נאָך

וועגן געעלטערטן מאַן מיטן אַריסטאָקראַטיש־פּאַרגרויטן שפּיץ־בערל, די אומעטיק־צעשראָקענע אויגן מבולבל פון אונטער דער דיקלעכער בריל, דעם פיזיקער סאַמואיל מעדוועדיעוו, האָט מען דערנאָך דערציילט עפּעס אַ מאָדנע געשיכטע, אַז ס׳האָט זיך פּשוט נישט געוואָלט גלויבן.

זיי האָבן דאָ, אין רחובות, געלעבט צוריקגעצויגן, ס׳שטילע, באַשיידענע פּאָרפאָלק, אין אַ זייט פון מענטשן; געלעבט מיט שלעכטע פּאָרגעפילן, פאַרדאַכטן, זינט ווען זיי זענען פאַר עטלעכע יאָרן געהאַט אַריבערגעקומען קיין ישראל פון קיעוו. „צו דיר וועט זיך מעלדן דער חבר מאַקסים"... אָט די עטלעכע פּשוטע ווערטער זענען אים דער עיקר כסדר נאָכגעגאַנגען, ממש פאַרפאָלגט; כאָטש ער האָט זיך צוערשט גאַנץ שיין אויסגעלאַכט פון זיי דאָרט.

אַ באַשיידענער מענטש, פאַרטון אין די עולמות פון דער וויסנשאַפט, אין דער פיזיק, אין געביט פון דער עלעקטראָניק; אַ סברא, אַז אויך פון אים האָט עס געשטאַמט די אידיי צו אַנטזאַלצן ים־וואַסער. די קליטה־אָפּטיילונג ביים אַרבעט־אַמט אויף די עליה־פּונקטן, האָט אים דאָ באַלד אויפגעכאַפּט, רעקאָמענדירט אין דער עקספּערימענטאַלער פאָרשונג אין מכון ווייצמאַן אין רחובות. אין אַזעלכע ספּעציאַליסטן נייטיקט מען זיך אַלעמאָל און אומעטום. מ׳האָט זיך נאָר אַביסעלע געוווּנדערט, ווי אַזוי זיי האָבן אים דאָרט אַזוי לייכט אַרויסגעלאָזן.

די פאָרשונג זיינע אין אינסטיטוט איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן. צוזאַמען מיט דער שטילער, זייער צוריקגעהאַלטענער עספּירא מאָיסעיעוונאַ, ייִנגער פון אים אַוודאַי מיט אַ יאָר פופצן, איז זיי צוגעטיילט געוואָרן אַ קלייִנער שיכון. זיי האָבן זיך, חלילה, נישט געקלאָגט, אַלץ פאַר־ליב גענומען. ס׳איז טאָקע געווען אומגעוויינלעך. צווישן די פריש־געקומענע פון „דאָרט" האָבן זיי זיך אינגאַנצן נישט געוויזן. „ווער ווייסט זיי, ווען זיי קענען נאָך דאָרט מיטשיקן... — איז ער געווען פול מיט חשד, דער אַלטער — מ׳האָט שוין אַזוינס אויך געזען"... ווייל יעדעס מאָל, ווען דער עראָפּלאַן פון ווין האָט געברענגט פרישע עולים פון רוסלאַנד, זענען לאַנדסלייט באַלד געלאָפן אויף די רוישיקע אויפנעם־פּונקטן, נאָכפרעגן זיך, טרעפן באַקאַנטע, אָפּנעמען אַ גרוס פון קרובים. די מעדוועדיעוווס זענען אויך קיינמאָל נישט בייגעווען די רוישיקע פאַרזאַמלונגען פון די נייע עולים. ס׳האָט זיך דאָרט, ווי געוויינלעך, געטומלט, סקאַנדאַלן וועגן צוטיילן שיכונים, וועגן משכנתא׳ס.

סאַמואיל מעדוועדיעוו מיטן יונגערן ווייב זענען אַוונט־צייט אַרויס אויף אַ קורצן שפּאַציר אויף דער צענטראַלער הרצל־גאַס, זעלטן ווען אַפילו צוגעזעצט זיך אויף דער ברייט־צעלייגטער קאַפּע־טעראַסע „צום קילאָמעטער 101″, אונטער די אַקאַציעס, אָפּרוען נאָך אַ הייסן חמסין־טאָג. אים, סאַמואיל מעדוועדיעוון, האָט זיך אָבער אַלעמאָל געדוכט, אַז עמיץ פּאַרטייעט זיך הינטער אים. ער האָט געפילט ממש ווי פרעמדע בליקן וואָלטן אים דורכגעשטאָכן די פּלייצע, צווישן געדיכטן געגיי אינמיטן בולוואַר, אַז ס׳איז אים אַזש אַדורך אַ דראָזש איבער דער חוט־השדרה. עספּיראַ מאַיסיעיעוונאַ האָט אים ציטערדיק געפירט אונטערן אָרעם און געמורמלט פאַרשטיקט:

— סאַמואיל... — האָט זי אים איינגענומען, ווי מ׳נעמט איין אַ קינד — מירן זיך באַלד אומקערן אין הויז אַריין... ס׳איז דיר שוין ווידער באַפאַלן...

זי האָט אים פאַרזיכטיק געפירט איבערן טראָטואַר, צווישן אַ געגיי פון מענטשן, און האָט פונדעסטוועגן אַליין אויך זייטיק אַ בליק געטון הינטער זיך. גע־בראַכט אים אין הויז אַריין, איז ער צו, אַליין פאַרריגלט די טיר אויףביידע שלע־סער, פאַרטייעט אומגעקערט זיך צום נידעריקן דיוואַן אונטערן אַבאַזשור. אים זענען נאָך אַוודאי נאָכגעגאַנגען די שרעקן און פּחדים פון דאָרט; פון די נעכט אָן שלאָף, ווען דאָס אויער איז אָנגעשפּיצט צו אַ ליאַדע שאָרך אינעם הויז, בפרט, ווען ס׳האָרץ צאַפּלט אויף צו דערהערן דעם שאַרפן קלונג אין דער טיר אין די שפּעטע נאַכט־שעהען.

הימל און ערד האָבן זיך פאַרשווירן, אַז אַלע סודות זאָלן אַנטפּלעקט ווערן. ווייל פאַרוואָס האָבן זיי אים דאָ דעם לעצטן זומער עפּעס אַזוי איילִיק אַוועק־געשיקט אויף פּענסיע פון אינסטיטוט, כאָטש מ׳האָט אים דאָרט זייער געשעצט, דעם פיזיקער סאַמואיל מעדוועדיעוו? דאָס שטילע ווייבל עספּיראַ מאַיסיעיעוונאַ האָט אים שוין מער גאָרנישט איבערגעפרעגט וועגן זיינע פּרעציזע אַרבעטן, איז מער עפּעס נישט צוגעשטאַנען. ס׳איז געווען צווישן זיי — מער ווי אַלעמאָל — אַ שווייגן. אַלעמען האָט ער געקענט חושד זיין, אָבער זיין אייגן ווייב? גאָט מיינער, טאָ צו וועמען שוין יאָ האָבן צוטרוי? קיינער האָט מער גאָרנישט געפרעגט. קיינער האָט מער גאָרנישט געוואָגט צו פרעגן.

קיין קינדער זענען סיי ווי מער נישט געווען. זייער צוזאַמענלעבן האָט זיך צופעליק, קען מען זאָגן, פאַרבונדן מלחמה־צייט אויף דער עוואַקואַציע, אין וויטן מיטל־אַזיע. דאָרט האָט סאַמואיל מעדוועדיעוו פאַרלוירן זיין ערשטע פרוי, ביידע זיין זענען געווען ערגעץ אויף די פראָנטן. מ׳קען נישט זאָגן, ס׳שטילע ווייבל איז אין די עטלעכע ביטערע מלחמה־יאָרן דעם שווער־געפרוווטן ייד נאָכגעגאַנגען איבער אַלע וואָגל־וועגן אין דער עוואַקואַציע, ביז די נאָך־מלחמהדיקע אויסגעקווילטע שטעט אין דער אוקראַינע; אין קיעוו איז זיין קליינע דירה מיטן ביסל זאַכן צערויבט געוואָרן דורך די „גוטע″ שכנים. ביים צוריקבאַקומען די דירה, האָט עס שיער נישט געהאַלטן ביי מאָרד, רציחה, פּאָגראָם. מ׳האָט סיי ווי געלעבט ווי אויף דער־וויל. דאָס ווייבל האָט אים אויסגעוואַשן אַ העמד, אָפּגעקאָכט אַ ביסל עסן און איז שטיל אַוועק אַרבעטן אין אינסטיטוט פון שפּראַכן. און ער, אַן אינזשיניער, אַ פיזי־

קער איז אין די נאָך־מלחמה־יאָרן דווקא שטאַרק געזוכט געוואָרן. ער איז גאָר אַמאָל געווען אַ לערער פון פיזיק אין די פּאַרמאַכטע יידישע שולן. ער האָט זיך נאָך דאָרט אַלץ אַרומגעדרייט ווי אויפן עולם התוהו, געבענקט נאָכן אַמאָליקן עולם. די יידישע אינסטיטוציעס זענען שוין געווען צעגראַמירט, פאַרהאַקט, געשלאָסן. די טוער — פאַרשיקט, אומגעבראַכט; מ׳האָט נישט געוווּסט ווו זייער געביין איז אַהינ־געקומען. זעלטן ווען עמיצער האָט זיך צוריקגעוויזן.

פּירא מאַיסעיעווּנאַ האָט אָבער געוווּסט פון זיינע פאַרבאָרגענע גאַרעניש — צו לעבן צווישן יידן, ווייט פון דאַנען. מען קוקט דאָרט אויף די צוריקגעקומענע יידן מיט נישט־באַהאַלטענער שנאה, נאָך „באַבי־יאַר״... אַז „די יידן האָבן געקעמפט אין טאַשקענט״... זי האָט זיך אַפילו נישט ווייסנדיק געמאַכט, ווען ער האָט זיך איינ־מאָל אַנטשלאָסן און איז אַוועק אין „אָוויר״, באַלייגט אַ ביטע. ס׳האָט זיך געצויגן יאָרן, איינמאָל אָפּגעזאָגט, נאָך אַמאָל אָפּגעזאָגט, אָבער ר׳איז נישט מיד געוואָרן. עפּעס אַ פאַרבאָרגן פייער האָט געברענט אין דעם ייד. ביז זיי האָבן אים איינמאָל, געענוי מיט פיר יאָר צוריק, אַרויסגערופן און פאַרגעלייגט: „גוט, סאַמואיל מעד־וועדיעוו, באַקומסט די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין „איזראַיל״, אָבער וועסט אונז פון דאָרט, פון צייט צו צייט, שיקן קליינע באַריכטן... צו דיר וועט זיך מעלדן דער חבר מאַקסים״... „כ׳האָב אייך אַלעמען אין דר׳ערד... — האָט דער ייד באַלד אַ טראַכט געטון, טיף אין זיך — לאָמיר נאָר זיין אויף יענער זייט״. און ר׳האָט מסכים געווען.

מ׳האָט דאָ באַלד אויך אָפּגעשאַצט זיינע גרינטלעכע קענטענישן; כאָטש ס׳איז געווען מאָדנע, ער האָט יאָרן לאַנג געטראָגן מיט זיך אַזאַ טיפן סוד, פאַרהוילן, אויס אימה פאַר „זיי״ דאָרט, האָבן זיי אים אָנהייב זיבעציקער יאָרן פאָרט אַרויס־געלאָזן פון דער הערמעטיש־פאַרשלאָסענער וועלט. ס׳איז אים אַליין אויך פאָרגע־קומען אומגלויבלעך, ווען ער האָט באַקומען דאָס פּאַפּירל. ס׳האָט געהייסן — ער ווייסט צופיל; ווייל מיט עטלעכע יאָר פריער איז אים אַליין אויסגעקומען צו איינ־ספּעקטירן די ווייטע געגנט אין דרום־אוראַל, ווו ס׳האָט פּאַסירט דאָס גרויסע אומ־גליק, אָבער פאַרהוילן פאַר דער גאַנצער וועלט. ער האָט דאָרט אַליין געזען ווי פון דעם גאַנצן קרייז דערפער, זענען פאַרבליבן נישט מער ווי אָפּגעסמאַליעטע קווי־מענס. די עקספּלאָזיע האָט פאַרוואַנדלט גרויסע שטחים פון דער וואַלדיקער געגנט אין אַ וויסטעניש, פאַרברענטע ערד, נישט קיין מענטשן, נישט קיין פּי, נישט קיין גרעזל, קיין שום לעבעדיק באַשעפעניש; קיין פויגל אַפילו איז דאָרט מער נישט דורכגעפלויגן אין דער פאַרסמטער לופט. טויזנטער מענטשן זענען אַוודאַי אומ־געקומען... נאָר וואָס פאַרא ראָלע שפּילן דען דאָרט מענטשן ? דאָרט זענען אַוודאַי געווען די אַטאָם־אָפּפאַלן, אָדער אַ גרויסער זאַפּאַס פון פּלוטאָניום. אָבער דאָס וועט מען שוין קיינמאָל נישט וויסן.

אין דעם יאָר איז דאָס שטילע פאַרפאַלק אַרויסגעפאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן אין די הייל־בעדער קיין טבריה. ער, סאַמואיל, האָט זיך געפילט שוואַך, געעלטערט. אין שפּעטן נאָכמיטאָג זענען זיי געזעסן אויף דער אָפענער קאַפע־טעראַסע, נאָכן הייסן חמסין־טאָג, וואָס האָט זיך געלאָשן אויף די גאָרע, ווייטע וואַסערן. אַ

לייכט, מחיהדיק ווינטל פון כנרת, אַרט ביי די פיס, האָט אַנגעווייעט מיט שלווה און מיט פיש־ריחות. אין אַזאַ־אַ פאַרנאַכט זענען זיי דאָ געזעסן און רואיק געזופּט דורכן שטרויעלע פון דער הויכער גלאָז מיץ. און פּלוצים האָט ער דערהערט די שטימע, ווי פון אַ קבר אַרויס:

— דאָ וועגדעט זיך צו דיר דער חבר... מאַקסים... האָסט, דוכט זיך, עפּעס צוגעזאָגט, יאָ, צי ניין? זייערע הענט זענען זייער לאַנגע. זיי קענען אַהער אויך דערלאַנגען...

— דו, עספּיראַ, ביסט עס „דער חבר מאַקסים?"...

אַ ברעם האָט אים אַ ציטער געטון און — ער איז געפאַלן אין חלשות.

דאָס איז די קורצע, מאָדנע געשיכטע מיטן שטילן ווייבל, וועלכע איז פּלוצים אויסגעוואַקסן אין אומברחמנותדיקן — חבר מאַקסים...

1978

רחוב ליליענבלום

ביידע צעוואָקסענע שוועסטערן, גנענדל און בלימטשע, זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס, געלאָזן אַ טרער; און די עלטערע, גנענדל, איז באַלד אַרויס מיטן זעלבן הילכיקן, דאַרפישן געלעכטער און מיטן לשון, ווי עס וואָלט געווען ערשט נעכטן, אין מאַגנישאָוו, ביי לאַדזש:

— קוק זי נאָר אָן, דעם פופלאַקס...

מיט אַ קאָפּ העכער, ברייטער אין די היפּטן, האָט זי דער יינגערער בלימטשען, אַרומגעכאַפּט, געדריקט צום היפּשן בוזעם, אַז יענע האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם; גלייך געמאַכט די אויפגעטורעמטע פריזור, האָט בלימטשע געפּאַטש מיט די הענט און אויסגעשריגן, נישט מיט איר קול:

— אוי, גנענדלשי... מאַמעלענקו־קרוין!...

ביידע צעוואָקסענע שוועסטערן, פון שטעטל מאַגנישאָוו, אַרום לאַדזש, האָבן זיך נאָך אַזויפיל יאָרן ווידער אָפּגעפונען — אין תל אָביב. פונעם היפּשן געזינדל, ברידער און שוועסטער, זענען נאָר זיי ביידע, על פּי נס, אַרויס פון אַלע פייערן אין גרויסן אומגליק. די פאַריזערין, בלימטשע, האָט זיך לאַנג געקליבן אַראָפּצוכאַפּן זיך זען דער שוועסטער. צוויי טעג פאַר פסח איז זי געקומען אָנצופאָרן אין אַ טאַקסי גלייך פון לוד. די רוישיקע רחוב ליליענבלום איז באַשטעלט געווען מיט וועגעלעך פרוכטן. פון אונטער די אָפּדעכלעך, ווו מען קען צובייסן אַ פאַלאַפעל, הייסע קיש־קעלעך, באַב, איז אויפגעגאַנגען אַ רויך פון קאָפּטשענדיקע אייוועלעך. רעדלעך יידן, וואָלוטע־הענדלער, האָבן יעדן פאַרבייגייער פאַרטשעפּעט, איינגעשושקעט, צי זיי האָבן נישט עפּעס צו טוישן.

קודם האָט גנענדל אַ מאַך געטון מיט איר איבערגעטרוקנטער, מאַנסבילשער שטימע צום כיטרן שאָפער, דעם איראַקער, וואָס האָט געוואַרט פאַר די טרעפּלעך, ביי דער מאַשין, מיט קיילעכדיק־אַרויסגעזעצטע אויגן, מען זאָל אים זען אָפּשטעקן די פּאָר פונט:

— חביבי, רייס נישט די הויט... אַ פינף־און־צוואַנציקער איז עד בלי די...

זי האָט אים אַליין אָפּגעשטעקט די פאָר צעקנייטשט פּאַפּירלעך און אים באַ־פוילן:

— טראָג זיך אָפּ! מהר...

ס׳איז זיי, נישט צו פאַרזינדיקן, נישט שלעכט געגאַנגען,ביידע אָפּגעפּונענע שוועסטערן. זיי האָבן שוין ביידע געהאַט אויסגעגעבענע קינדער, אייניקלעך.

אין די אַמאָליקע קליינע יידישע שטעטלעך אין פּוילן זענען, ווי ווילדע, אויפ־געשאָסענע קרייטעכצער, אונטערגעוואַקסן געזונטע יידישע מיידן מיט ראָזע, קליי־ענדיקע פּנימער, אָנגעגאָסן מיט די רויע זאַפטן פון פּראָסטן קאָרן־ברויט מיט קאַר־טאָפל, אַבי ס׳איז נאָר געווען צו דער זעט. די קליינע, פאַרלוירענע יידישע שטעט־לעך אַרום לאָדזש האָבן אין יענע יאָרן צוגעשטעלט דעם שכונותדיקן כרך ביליקע אַרבעטס־הענט פאַר די ענגע טעקסטיל־ווערקשטעלן, האַנט־וועבער־פאַבריקלעך אויפן באַלוט — אויף דער בזשעזשינער, אויף מרדכי־גבאי׳ס גאַס, אַרום גייערס מאַרק. די קליינע, אויסגעמאַרעטע טאַטעס, דאָרפס־גייער, תבואה־הענדלער, פאַכ־טערס פון אויבסט־סעדער, און די, וואָס האָבן זיך געמאַטערט אין אַ געוועלבל פאַר דריי גראָשן, באַפאַלן פון היפשע געזינדלעך, האָבן אַליין קוים געקאָנט דערציען די בידנע חיונה פאַר אַזויפיל מיילער, קיין עין הרע. אַביסל אונטערגעוואַקסן, האָט מען די קליינע יונגען אָפּגעגעבן פאַר אַ שמייסער צו אַ בעל־עגלה, צו אַ בעל־מלאכה פון שער־און־אייזן־פאַך. די מיידלעך, פאַרבאַבלט אין פאַטשיילעס, פאַרוויקלט אין טיכער, מיט אַן אָרעם קלומיקל ביי די פיס, זענען, ס׳רוב חול־המועד סוכות, מיט די ערשטע רעגנס, אין דער בלאָטע, מיט אַקס, מיטן זגערזשער טראַמוויי, אָדער מיט דער קאַלייקע פון קאַלושקי, אַריינגעפאָרן קיין לאָדזש; געשטעלט זיך פאַר דינסטן אין באַלעבאַטישע הייזער, אויפגעהאַלטן זיך, אין דער ענגשאַפט, ביי קרובים, גע־האַרעוועט ביי דער קעטע, ביים שפּול־רעדל, פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט. מיט דער צייט האָבן זיי זיך אויך אָפּגעזוכט אַ לייטיש יינגל, חתונה געהאַט, אַליין אויך געגומען קינדלעך, פאַרלייגט אַ וועבער־ווערקשטעלכל. אַנדערע זענען — מ׳זאָל אָפּ־געהיטן ווערן — אַפילו פאַרפירט געוואָרן פון די געמיינע יינגען, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט אין די ביליקע קנייפּעס אויפן באַלוט.

בלימטשע האָט דער עלטערער, גנענדלען, נאָך אין לאָדזש געפּלעגט צו באַ־וווּנדערן, ווי זי האָט זיך אויסגעטויגט. אַפילו איצט, נאָך די ביטערע פאַר יאָר, נאָך אוישוויץ, האָט זיך עס עפּעס גאַרנישט אָנגעזען אויף איר. זי האָט נאָך אַלץ געטראָגן אויף זיך אַ קאָפּ בלאָנדע פויערישע קוטשערן, עלעגאַנט, מאָדערן פאַרקעמט, אַרומ־געשטעקט מיט שפּילקעס, מסתמא אַביסל צוגעפאַרבט; די נעגל — בלוטיק־רויט. זי האָט אויפגעמאַכט אַ מויל מיט גלייך־צעשטעלטע ציינער. אַרויס פון גיהנום, האָט זי מיטן פלינקן מאַן אירן, וואָס זי איז זיך מיט אים צונויפגעגאַנגען באַלד נאָך דער באַפרייאונג אין די דייטשע די־פּי־לאַגערן, אַ שטיקל צייט געהאַלטן אַ היימישן באַר אין מינכען. זי האָט דאָ געהאַלטן אין איין מאַלן מיטן ברייטן, חנוודיקן פּיסק:

— בלימטשעשי, מ׳האָט זיי, הערסטו, אין דר׳ערד, די יעקעס... מ׳האָט דאָרט געמאַכט אַ שיינע פּאַר מאַרק און אָפּגעטראָגן זיך פון דער פאַרשאָלטענער ערד...

— און דאָ ? — האָט בלימטשע אַ פרעג געטון.

— קוק און שווייג...

בלימטשען, דער פאַריזערין, איז, דעם אמת געזאָגט. געווען אַביסל פריקרע פון דער שוועסטערס פּראָסטלעכע רייד. פאַר די יאָרן לעבן אין פאַריז, האָט זי זיך

אַביסל אויסגעאײדלט, געפירט אַ שטיקל מסחר, געפירט אַ לײטיש הויז, אויסגעצויגענע קינדער, אײניקלעך; און דער שוועסטער גנענדל געדענקט זי נאָך פון לאָדזש, אַז זי איז געווען אַ שטיק פּליאַדער. אויף איר האָט מען געזאָגט אַז „זי וועט אין פייער נישט פאַרברענט ווערן״. אין מיטן אַלעם, האָט זי געטון אַ לויף אַרײן אין הינטערשטן צימער צום מאַן אירן, וואָס איז דאָרט געווען פאַרשמייעט, צעקאָכט, ס׳קאָפּעלושל אין אַ זייט, ממזריש אַראָפּגערוקט אויף אַן אויער; יענער האָט זייטיק, מיט אַ צוגעדושעט קול, געגעבן אָנצוהערן:

— די „ווײַבע״, גנענדלשי...

ער האָט זיך ראַפּטום אומגעקוקט, און ערשט איצט דערזען דעם גאַסט, די פאַריזער שוועגערין. ער האָט זיך נישט פאַרלוירן, שטאַרק געפרייט זיך מיטן גאַסט, נאָר פאַר אַלעם האָט ער גלייך געוואָלט וויסן ביי איר:

— אויב האָסטו מיטגעבראַכט אַביסל „ווײַבע״, וועלן מיר עס פאַרצוקערן... די „לאָקשן״ שטייגן פון מינוט צו מינוט...

— זאָג נאָר דו, צעלייגער מיינער... — האָט זיך שוין גנענדל געפילט אַביסל אין פאַרלעגנהייט — האָסט שוין מער גאָרנישט צו זאָגן דעם גאַסט אונזערן ?...

ער האָט אַפילו נישט קיין צייט געהאַט אויסצורעדן מיט דער שוועגערין פון פאַריז אַ פּאָר ווערטער, צו פאַרענטפערן זיך; און באַלד צוריק אַנטלאָפן הינטערן ווענטל, ס׳קאָפּעלושל אין אַ זייט, אין דער אָפענער טיר צו דער רוישיקער רחוב ליליענבלום, און גנענדל — נאָך אים. בלימטשע איז אַ ווײַלע שטיינגעבליבן ווי געפּלעפּט. דאָרט, הינטערן ווענטל, איז מען געגאַנגען אַרײן און אַרויס. זי האָט אַפילו געהערט, ווי גנענדל האָט דאָרט עמיצן אָפּגעזידלט מיט האַמעטנע רייד, און באַלד דערנאָך געלאַכט צו עמיצן מיט איר פויעריש געלעכטער:

— גברת, ביי אייער עלטער ? ...

בלימטשע האָט עס ג.ֶהערט און אָנגעגאָסן זיך מיט ראָזע קאָלירן. זי האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס פאַראַ סאָרט מסחר דאָ גייט צו. אַלערליי מאָדנע חשדים זענען איר אויפגעקומען. זי איז, חוץ דעם, געווען צעטראָגן, מיד, צעחושט, נאָכן פליען אַזאַ מהלך די עטלעכע שעה אין די הימלען. זי האָט זיך געבעטן ביי דער שוועסטער:

— גנענדלשי, איך פאַל פון די פיס...

אין נאָכמיטאָג, אין דער שווערער חמימה, איז זי געלעגן אויף דער סאָפע אין צימער אַרויפצו. די שטאָכעטן־שטאָרן זענען געווען אַראָפּגעלאָזן, אָבער זי האָט בשום אופן נישט געקענט צוטון קיין אויג. אין די אויערן איז איר געשטאַנען אַ זשומעריי, זי האָט נאָך אַלץ געהערט פון הינטער די ווענט ווי עפּעס טוט זיך דאָרט אָפּ ביי דער שוועסטער אין פאַרנטיקן געוועלבל.

זי האָט אויך אין די עטלעכע טעג גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך. וואָס קומט דאָ פאָר ? זי האָט געזען ווי ס׳קומען אַרײן אין פאַרנטיקן סאַלאָן מיט די שפּיגלען, מיט די ווײַכע זעסלעך, מיט די געמעלן אויף די ווענט, גאַנץ יונגע און מיטלאָריקע פרויען; עס קומען אַרײן יונגעלייט, צעטראָגענע, צוגעפּוצטע; עס קומען אויך עלטערע מענער מיט אונטערגעשוירענע וואָנסן, מיט שטײַפע

קראַגנס. מען שמועסט זיך עפּעס אַדורך מיט שטילע רייד, אויפן ווונק. זיי גייען דערנאָך אַריין אין אַ זייטיקן סאַלאָן, פּאַרזוימען זיך דאָרט לענגער. זיי קומען אַרויס אביסל צעחושט; אַ פאַרפלאַמט פּנים ביי אַ מיטליאַריק ווייבל; אַ פאַרטראַגע־נער בליק פון אַ יונגערמאַן, וואָס זוכט די טיר צום אַרויסגאַנג.

און זי האָט באַלד באַטראַכט אַרוסצוגנבענען זיך פון דער שוועסטערס טריפה־נעם הויז, אָפּטראָגן זיך, אַנטלויפן צוריק קיין פאַריז.

ווען מ׳איז אָוונט־צייט געזעסן ביים טיש, האָט זי געוואָגט, בלימטשע, און, אביסל פאַרשעמט, אַ פרעג געטון ביי גנענדלען:

— נאָך וואָס קומען זיי דאָ צו דיר, די פרויען און די מענער ?... ווייל כ׳הער אַלץ, מען שושקעט זיך...

— נאַרישע יידענע... — האָט גנענדל זיך געשאָטן פון געלעכטער — כ׳האָב דיר פריער נישט דערציילט ? ביי מיר, זאָלסטו וויסן, איז נישט קיין מאַסאַזש־אַנ־שטאַלט, ווי ביי אַנדערע... אוי, מאַמע־קרוין, כ׳האַלט עס נישט אויס... כאַ־כאַ, נאָך דאָס פעלט מיר...

— טאָ וואָסזשע ? — איז בלימטשע געבליבן מיט אַן אָפן מויל.

— ביי מיר, נאַרישע קאָזע, איז אַ שידוכים־ביוראָ... מען לאָזט זיך אַנאָנסירן אין בלאַט. מען פירט אויס די בעסטע שידוכים, פון לאַנד און אויסלאַנד... עס קומען רייכע אלמנות, סימפּאַטישע אלמנס... זיי באַשיטן אונז דערנאָך מיט ברכות...

— אַנדערע — מיט קללות אויך... — האָט דער מאַן, דער שדכן ליבער, אַ שאַר געטון ס׳קאַפּעלושל ממזריש אין אַ זייט, אויפן אויער, אַ לאַך געטון מיטן קרומען מויל.

— און די „ווייכע״... די „לאָקשן ?״...

— נו, און אַז ס׳קומען אַריין אין הינטערשטן צימערל די יונגעלייט, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום אויף רחוב ליליענבלום, ווער איך זיי אַרויסוואַרפן ? כ׳ווייס, אַביסל דאָלאַרן,... אַביסל דייטשע מאַרקן... מ׳טוישט, מ׳דרייט... מ׳גייט נישט גע־בראָכן...

און די שוועסטער גנענדל האָט געלאַכט מיט איר געזונט, פויעריש געלעכ־טער, אַרומגעכאַפּט ס׳ייִנגערע שוועסטערל, נאָר זי צו צעקוועטשן...

1976

סענטימענטאַלע אָפּנייגן

(אויסגעריסענע בלעטלעך)

א יי ז - ג אַ נ ג

צווישן צוויי געדיכט־צו־וואַקסענע משפּחה־דינאַסטיעס האָב איך זיך געהאַדעוועט — בריסקער רימאַרעס און מעזריטשער בערשטער. דער טאַטע, אַ בעל־מלאכה, אַ גרויסער ספּעציאַליסט אין אויסטראָיען פּויערישע און פּריצישע פערדלעך, האָט שוין אומגעדולדיק אויסגעקוקט דעם טאָג אומצוקערן זיך פון מעזריטש צון זיין צערודערט וואַרשטאַטל, צו זיינע מסחרים מיט די פּאָליעסער פּויערימלעך, אין דער היים־שטאָט בריסק, אויפן בוג, פון וואַנען די מלחמה האָט אַלע יידן פאַרטריבן.

אין לינדן נאָך־פּורים פון יאָר 1918 האָט זיך מיין משפּחה אומגעקערט צו דער חרובער היים־שטאָט. אַ שלעפּ־צוג איז אין צופאַלנדיקן פאַרנאַכט געפאָרן איבער דער פּראָוויזאָרישער בריק אויפן בוג, וואָס איז נאָך געלעגן איינגעקאָוועט אין אייז. אַ יינגל פון אַ יאָר פינף, בין איך געזעסן צוגעקלעפּט צו דער פאַרפרוירענער שויב, אָפּגעהויכט אַ קליין לעכעלע. די באַן האָט זיך פאָרזיכטיק געגליטשט איבער די שפּאַלן פון דער פּראָוויזאָרישער בריק. מ׳האָט געפילט אַז אַ ליאַדע טאָג וועט דאָס אייז רירן, אַז דער ברייטער, געל־וואַסערדיקער בוג וועט פאַרגיסן די נישט־רעגולירטע נידעריקע ברעגן, פאַרפּלאָנטערט אין שטעכל־דראָט און אָקאָפּעס, די אויסגעהונגערטע דערפלעך פון אָרעמען, זומפּיקן פּלאַכלאַנד.

אין יענעם ערב־פרילינג, באַלד נאָכן „בריסקער שלום“, האָבן עשאַלאָנען מיטן אָפּטרעטנדיקן דייטשן מיליטער שוין געצויגן אויף מערב, צוריק צו דער „היימאַט“, אין פלאַקער פון דער רעוואָלוציע. אויפן אויסגעברענטן וואָקזאַל, צווישן דייטשן מיט רויטע אָרעמבענדער, מיט רויטע שלייפלעך, רוסישע באַפרייטע „פּלעניקעס“, דעזערטירן, האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט אָנגעפּעלצטע יידישע באַלעגאָלעס; יידן האָבן אונטערגעהאַנדלט, געטוישט אַלערליי וואַלוטעס — צאַרישע רובלס, אוקראַינישע קאַרבאָוואַנצעס, קערענקעס, דייטשע אָסט־מאַרקן, עסטרייכישע קראָנען. אַ שליטל האָט אָוועקגעגלעקלט לענגאויס דער באַן־גאַס. נישט ווייט פון „דומסקי־פּלאַשטשאַד“, ביים סקווער, האָט זיך דאָס שליטל פאַרהאַלטן ביי די פאָרנטיקע טרעפּלעך צום איינשטאָקיקן געמויערטן פּראָווינצער הויז.

די וועלט איז נאָר וואָס אָפּגעגאַנגען אין בלוט, אָבער אין מיין קינדערישער פאַנטאַזיע, האָב איך געשוועבט ווי אַ שוואַלב אין פרילינג. כאָטש ס׳איז נאָך געווען טיפער ווינטער אין אונזערע פאַרוואָרפענע מקומות. דער הימל איבערן קאָפּ — מיינער, די ערד אונטער די פיס — מיינע. אַזוי האָבן מיר נאָך דעמאָלט געמיינט. כ׳האָב גיריק איינגעשלונגען אין זיך די לוילעכע פרילינג־זון, דעם הפקרן ווינט

פון די חרובע פליינען, דעם זינגענדיקן פרילינג־רעגן, וואָס האָט אַלץ אָפּגעשווענקט. דאָס פּראָווינצער הויז, ווו מיר האָבן זיך געבערענגט צופירן, איז שוין געווען פול מיט אָנגעלאָפענע שכנים. אַ הויז פון אַ פרעמדן סטיל, פון פאַרגאַנגענער שפע ביי די יידן מיט די ברייט־צעלייגטע מאַנופאַקטור־ און באַקאַליי־קראָמען, צושטעלער אין דער פעסטונג, ביים בוג. די ברייטע יידן, די „פּאָדריאַטשיקעס", זענען דאָ רייך געוואָרן פון די גרויסע מסחרים, וואָס זיי האָבן געפירט מיט די קאָרומפּירטע גענעראַלן אין דער פעסטונג. האָבן אַוודאַי געהאַט די אילוזיע צו בויען אין דער אייביקייט אַריין: רחבותדיקע זאַלן, ברייטע פענצטער, באַגלאָזטע גאַניקעס, וועראַנדעס מיט קריכנדיקע פלאַנצן, אין שאָטן פון אַקאַציעס און ריזיק־צעוואָקסענע טאָפּאָלן. הינטערן הויז, צווישן אויפגעבראָכענע פלויטן, האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ טיפער הויבסט־סאָד, פאַרווישט אין בלוילעכן נעפּל.

דער טאַטע האָט אָנגעצונדן אויף ביינאַכט ליכט אין פלעשלעך, אַנגעוואַלגערט שטרוי אין גרויסן, קאַלטן זאַל, פאַרריגלט טיר־און־טויער, ווייל די נעכט אין דער חרובער שטאָט זענען געווען אימהדיקע. הפקרע באַנדעס האָבן זיך דאָ ערגעץ אַרומגעדרייט, זענען באַפאַלן, באַרויבט. ס'האָבן זיך נאָך אַרומגעדרייט דייטשן, באַוואָפנטע אוקראַינער פון דער „ראַדאַ", פוילישע אויסקוקער. די שטאָט ביים בוג איז געלעגן אויף די באַלעבטע טראַקטן צווישן פוילן, ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, אויף דער שוועל פון גרויסן, אויפגעשטורעמטן רוסלאַנד. ווי זקנים האָבן זיך אָנדערציילט, איז די שטאָט אַזש דריי מאָל אַראָפּ מיטן פייער; און נאָך יעדער שרפה האָבן די באַלעבאַטים, וואָס געצויגן האָבן זיי חיונה פון וואַלד־מסחר, פון רויכוואַרג־האַנדל אין די דערפער פון בלאָטיקן קאַנט, אויפסניי אַרומגעבויט דעם רונדיקן מאַרק קראָמען מיט פעסטע הייזער פון רויע, קיילעכדיקע שפאַלן און גאָרנדיקע, רויט־ציגלדיקע קאַמעניצעס. פון פאָרנט האָבן זיי געלאָזן אַרויפציען באַגלאָזטע גאַניקעס אויף סלופּעס, און יעדע אָפענע טיר האָט געפירט צו אַן אכסניה, צו אַ נידעריקן טראַקטיר, אַ באַקאַליי־קראָם. אין די בונטע יאַריד־טעג איז דער בלאָטיקער מאַרק באַשטעלט געווען מיט אויסגעשפּאַנטע פערד לעבן די דראַבניאַסטע פורלעך, די האַלאַבליעס פאַרוואָרפן אין דער הויך. אויפן אַראָפּשיט צום טייך אין דער נידער זענען צוריק אויסגעוואַקסן נידעריקע, הילצערנע געסלעך פון באַלמעלאָכעס, די סטעלמאַכעס, קאָוואַליעס, רימאַרעס, שטריקל־דרייער.

כ'האָב קינדוויז איינגעזאַפּט אין זיך די שאַרפע ריחות פון טראָן, לעדער, רויע פעל, אייזנוואַרג, סמאָלע־דראַטוועס און פערדישע השתנה; די מאָגערע פויעריטע שקאַפּעס זענען געווען אָנגעבונדן אין סלופּ ביים טאַטנס נידעריקן רימערגעוועלב. די פויערימלעך זענען געקומען אין שטאָט אַריין אויספּאַריכטן די צעפליקטע פערדישע געשפּאַנען. אונטערן נידעריקן באַלקן זענען אַרונטערגעהאַנגען כאָמאָנטן, צוימען, אויסגעשטאָפּטע קישעלעך מיט חזיר־האָר. אַ פאַרבאַבלטע אין טיכער, איז די מאַמע אָפּגעזעסן זומערן און ווינטערן אויפן הויכן קעסטל ביי דער קראָם און אויסגעקוקט אַ קונה.

דער ביטערער ווינטער האָט זיך לאַנג געראַנגלט מיטן שפּעטן פרילינג. כ'האָב צוגעשטעלט אַ בענקעלע צום הויכן פענצטער, אַרויפגעדראַפּעט זיך, אָפּגע־

הויכט אַ לעכעלע. אַ געדיכטער, פּוכיקער שניי האָט געקרייצט דעם טיפן הויבסט־סאָד. די נאַקעטע ביימער האָבן אויסגעקוקט ווי לאַנגע, דאַרע יידן, אויסגעקרימטע, איינגעהילט אין טליתים. דער רייסנדיקער ווינט פון די אָפענע פליינען האָט פאַר־טראָגן די שמעקנדיקע רויכן פון סאָסנע־האָלץ פון בעקערס קוימען. כ׳האָב מיט בענקשאַפט געוואַרט אויפן פרילינג. מ׳וועט נישט דאַרפן קיין שיך אַרויסצוליופן אין דרויסן. די ווינטערן זענען געווען לאַנגע. די אייז־צאַפּנס פון דאַך זענען אַרונטערגעהאַנגען ווי די ציין פון אַ ריזיקער חיה. דער איינגעטראָטענער שניי פאַרן גאַניק איז געווען ברודיק, פון די פּאַמעשאַפן, וואָס די ווייבער פון הויף האָבן געגאָסן פון גאַניק־אַראָפּ. קראָען זענען אַנגעפלויגן, געפּיקט אין גליווער דעם אָפּ־פאַל. כ׳בין אַראָפּ, אַרומגענישטערט צווישן די ספרים אין שענקל, אַרויסגעשלעפּט דער מאַמעס טייטש־חומש, געמישט די פאַרגעלטע בלעטער. ער איז געווען פאַר־פלעקט, אַנגעטריפט מיט ליכט ביי מגילת „איכה״, וואָס די מאַמע האָט תשעה באָב, אין פאַרנאַכט, געפלעגט צו לייענען מיט אַ וויינענדיקן ניגון. זי איז געזעסן אויף אַ נידעריק בענקעלע, אַנגעזאָטלט מיט דער בריל און געלייענט די טרויעריקע גע־שיכטע פון די עשרה הרוגי מלכות. אין דער צאינה וראינה זענען אויך געווען אַלטע גראַוויורן, ווי אברהם אבינו, אַ ייד אַן הדרת פנים, שטייט מיט אַן אויפגעהויבן מעסער איבער יצחקלען, וואָס צאַפּלט מיט די פיסלעך, און אין געצוויגן דערלעבן — אַ ציקעלע; ווי יעקב און עשו שטייען ביים געלעגער פון אַלטן פאָטער יצחק. עשו שטייט מיט אַן אָפן מויל, מיטן טעפל אָפּגעקאָכטן געווילד, וואָס ער האָט צו־געגרייט פאַרן פאָטער נאָכן יאָגד. כ׳האָב געבלעטערט אַ צעשיט מעשה־ביכל וועגן מהר״ל פון פראָג, אַ רוסיש ביכל דערציילונגען פון אַנטאָן טשעכאָוו; אַ האַלב־צע־פליקטע רוסישע כרעסטאָמאַטיע „זשיוואָיע סלאָוואָ״, פאַרבליבן פון דער עלטערער שוועסטער, וואָס איז אַמאָל געגאַנגען אין דער „קאָמערטשעסקע״ גימנאַזיע. די יונ־גערע שוועסטער האָט אין דער קאַלטער קיך אַריינגעטראָגן אַ ברעמיע האָלץ, וואָס זי האָט צעהאַקט פאַר די טרעפּלעך. זי איז געווען אַ געזונט, ראָז מיידל, מיט רויטע הענט, פון האָרעווען אין דער באַלעבאַטישקייט. מיט אַנגעפּוישטע באַקן האָט זי צעבלאָזן דאָס פייער אונטער דער פּליטע און צוגעשטעלט דעם שוואַרצן טאָפּ אויף וועטשערע און די קופּערנע באַנקע אויף טיי.

ביז פאַרנאַכט בין איך געבליבן צוגעקלעפּט צום פענצטער. אין טיפן סאָד זענען די ווענט פון די שטאַלן געווען אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטער ראָזיקייט פון דער צפון־שטראַלונג. כ׳האָב זיך מיטאַמאָל אין עפּעס דערמאָנט, ס׳האָט מיך אַ צי געטון צום דרויסן. כ׳בין אַראָפּ, אויפגעזוכט אַ שטיקל דראָט, אַרומצונעמען די פּאָדעשוועס פון די שיך, אַרויפגעצויגן דאָס קורצע, אויסגעריבענע פּוטערל און שטיל דורכגע־גליטשט זיך די קיך. מיט איין שפּרונג אַרונטער פון גאַניק און דורך די אויפגע־בראָכענע הויפן געלאָזן זיך לויפן אַראָפּ־גאַס. דאָס ברייטע איינפאָר־טויער, די שורה אויסגעוואַשענע שויבן פון דער יידישער פאָלקס־שול בין איך פאַרבייגעלאָפן אין איילעניש, פאַרפלאָמט. כ׳האָב אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך די ליכטיק־אויסגעווייס־טע צימערן. דורך די צעעפנטע פענצטער, אַנגעשטעלט מיט בלומען־טעפּלעך, האָב איך די קינדער זומער צייט געהערט זינגען אין כאָר אַ ליד וועגן אַ שוועלבעלע. און

באַלד אין ראָג גאַס האָבן אַ לויכט געטון די שטומע שויבן פון „גרינעם" בית־מדרש. די נשמה איז געווען צעריסן, וווהין גיין ? אויף אַהער, צו דער אוראַלטער יידישקייט צי עס מיך. צווישן מנחה און מעריב רוקט דער שמש ר' שמואל צונויף צוויי טישן. ס'קומען אַריין פון פראַסטיקן דרויסן יידן, באַלמעלאָכעס, טרעגערס, די שטריק פאַרבונדן אַרום די לענדן; שטיל און מיט דרך ארץ, זעצן זיי זיך אַרום. די פאַרדאגהטע יידן אין די אויסגעקראַכענע פוטערס, אין די שווערע שטיוול מיט ברייטע נעזער, לאָזן אַלץ איבער, קומען הערן אַ הייליק וואָרט. די שטים ביים שמש איז אַ טיפע. ער ציט אַן אַלטן, אוראַלטן ניגון, ברענגט שיינע משלים און מעשיות, פון רש"י, פון תוספות, פון משנה, פון מדרש.

כ'בין נאָך אַ קליין ייִנגל מיט צעפליקטע הייזלעך, פון קריכן אויף די פלויטן, אויף די פרוכט־ביימער אין הפקרן, אַרומגעבראַכענעם הויבסט־סאַד הינטערן הויז. כ'בין אַנטלאָפן פון חדר, לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט הינטער די אָפענע פענצטער פון דער שול, וווּ ס'האָבן זיך געהערט שטילע פיאַנע־טענער. אויסגעריבן די אויגן פון טוי, האָב איך טיף איינגעאָטעמט דעם יונגן פרילינג־ווינט צווישן די ראָזע בליענ־דיקע עפל־ביימער. די קליינע וועלט אַרום הויז האָט זיך אַנטפּלעקט אין וווּנדער־לעכע פאַרבן.

ביז ס'איז אונטערגעלאָפן יענער הייסער זומער 1920. מיט קאָברינער שאָסיי האָבן אין פריען באַגינען אַריינגעלאָפירט, אויף נידעריקע, קאָזאַקישע פערדלעך, צוויי אויסשפיר־רייטער, אין פּאַפּאַכעס, מיט רוי־פאַרלאָפענע אויגן, מיט קוילן־סעריעס געקרייצט אויף זייערע ברוסטן. מיטן אויפגייענדיקן טאָג, האָט באַלד דער־נאָך אַ שפּאַר געטון די באַרוועסע רויטע אַרמיי איבערן ברייטן שליאַך, אַזש ביז דער פעסטונג ביים בוג. אויפן מיטן מאַרק האָבן שוין געהאַט אויפגעפלאַמט שיי־טערס. די סאָלדאַטן זענען געווען צעזעצט אין אַ האַלב־קרייז, אַרום די קאָזלעס ביקסן אויף שטריקלעך און קליינע קוילנוואָרפערס. די אַרטילעריע האָט אָנגעצויגן אַביסל שפּעטער, געשלעפּט פון פערד, מיט שווערע, פאַרוואָקסענע סטאַפּעס.

אין „רעווקאָם" זענען שוין געזעסן יידישע בחורימלעך, אָנגעטון אין לעדער, און קורץ־פאַרשוירענע מיידלעך. רויטע פאָנען האָבן געפלאַטערט איבער די גאַסן. ס'האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט יידישע מיליציאָנערן, מיט אַ ביקס אויפן אַקסל. ס'האָבן געהילכט נייע לידער אויפן מיטן ברוק.

לאַנג זענען די באָרוועסע רויט־אַרמייער אין שטאָט נישט פאַרבליבן. די פּאָ־ליאַקן האָבן צוריק אַ שפּאַר געטון פון די ווייסל־ברעגן. אָבער ביי דער יידישער אונטערגעוואַקסענע יוגנט זענען זיי פאַרבליבן — אַ לעגענדע.

די עלטערע שוועסטער האָט מיטגעברענגט אין הויז אַריין איר שול־חברטע ראָזע, אַ וווקסיק, דאַר מיידל מיט אַ שפּיציק חנוודיק נעזל און אַ זיס שטימעלע, ווי אַ גלעקעלע. אין די פאַרנאַכטן, ביי אָפענע פענצטער צום אַקאַציע־סעדל, ביי די צע־ווייטע פאַרהענגלעך, האָט זי פאַרקלונגען מיט די רוסישע פאַרבענקטע לידער. גע־לעבט האָב מיר פּאַקטיש אין אַ מיטל־רוסישער שטאָט. אין ביימערדיקן געסל, הינ־טער דער צערקווע, אין סאָרווערס טעאַטער, זענען זומער־צייט געקומען גאַסטראָ־לירן רוסישע און אוקראַיִנישע טרופּעס. די יידישע יוגנט, אין גימנאַסטיאַרקעס, אין

היטלען מיט ברייטע דענקעס, פלאַטערנדיקע פריילינגס אין ראָזע טיולענע בלוזקע־לעך, האָבן אָנגעפילט דאָס טעאַטער, די גאַלעריעס. אויף איינעם אַזאַ קאָנצערט האָט מיר די שוועסטער איינמאָל מיטגענומען. אַ כאָר האָט געזונגען: „וואָ פּאָליע בערעאָזינקאַ סטאָיאַלאַ״. ס׳האָט אין אונז אַלעמען געזונגען די בענקשאַפט צו דער רוסישער ערד. דער שוועסטערס חברטע ראָזע האָט געזונגען די לידער פון רוסישן שאַנסאָניער ווערטינסקי: „קודאַ ווי אודאַליליס״... „פּיעי מאַיאַ דיעוואָטשקאַ״... „ווי עטאַי מאַלינקי גאָראַד״... און איך האָב ערב פּסח געלערנט ביים רבין אין חדר „שיר השירים״, און די לידער האָבן זיך צוזאַמען מיטן „שיר השירים״ אויסגעמישט אין איין זיסן, פּייערלעכן אומעט. כ׳האָב געלערנט ווי יעקב אבינו איז אַרויס פון באר שבע און איז געגאַנגען קיין חרן; און ווי ער האָט 7 יאָר געאַרבעט ביי לבנען פאַר זיין טאָכטער רחל, וואָס ער האָט זי באַגעגנט לעבן ברונעם, ווען זי איז גע־קומען אָנטרינקען אירע שאָף, און ווי יעקב האָט אַראָפּגערוקט דעם שווערן שטיין פון ברונעם. רחל... שולמית... ראָזע... ס׳פּלאַמט ביי מיר דאָס לינקע אויער. כ׳לויף באַהאַלטן דאָס פּנים אין פּינצטערן חדרל. כ׳שטיי ביים פענצטער און קוק אַרויס צו דער ליכטיקער נאַכט — אַ נאַכט פון ליל שימורים. עס זינגען אין מיר אומבאַקאַנטע ניגונים. דאָס קאַרשן־ביימל ביים פענצטער איז שוין באַדעקט מיט אַ פּוכיקן גרין. די ליכטיקע לבנה שווימט אַרויס פון הינטער די חורבות. ס׳איז חורבן און פרילינג אין מיין ייִנגלשער נשמה.

אין מחיהדיקן נאָך־פּסח האָט מיך דער עלטערער ברודער, משהקע, וואָס איז געווען אַ פּועלי ציוניסט, אָנגענומען ביי אַ הענטל און מיך אַוועקגעפירט אין דער שולע אויפן נאָמען פון בער באָראָכאָוו. ס׳איז געווען נאָכן לאַנגן, שווערן ווינטער זיצן פאַרשפּאַרט אין שטוב. כ׳בין אין יענעם ווינטער קראַנק געווען. ביז נאָך סוכות בין איך געגאַנגען אין דער „מזרחי״. ס׳איז געווען מער חדר, ווי שול; געלערנט מיט יונגן ברען חומש, רש״י, תנ״ך, אָנגעהויבן לערנען גמרא, „בבא קמא״. דער חומש און תנ״ך זענען מיר אַריין אין האַרץ, אין דער נשמה. אָבער אַ סך ווייניקער די גמרא, די טרוקענע פּלוגתא׳ס וועגן אַ קריג, וואָס מען לאָזט שטיין אין רשות הרבים... וואָס האָט אַ ייִנגל פון אַ יאָר עלף געקענט פאַרשטיין אין דער יוריספּרו־דענץ און געזעצן? דער בייזער ייד, דער גמרא־מלמד, איז איינמאָל האַסטיק צו און געכאַפּט, אַז אָנשטאָט אין דער גמרא, קוק איך גאָר אַריין אין אַ העפטל לידער, אי־בערגעשריבן פון דער כרעסטאָמאַטיע „לעבעדיקע קלאַנגען״. ייִדיש איז געווען טריפה, ביטול תורה. „ייִדיש... ייִדיש״... — האָט דער רבי אַרויסגעריסן דאָס העפטל און מיך אַרויסגעשיקט פון קלאַס. כ׳בין געווען פאַרשעמט, געקרענקט. ביינאַכט האָב איך געהאַט קאָשמאַרן. די מאַמע האָט מיך געטאַפּט דעם שטערן. כ׳האָב געברענט אין היץ. כ׳האָב שוין געוווסט, אַז כ׳וועל זיך שוין מער אַהין נישט אומקערן.

אין דער ייִדישער שול זענען געווען הויכע, ליכטיקע צימערן, פאַרגאָסן מיט זון. אויף די ווענט — די פּאָרטרעטן פון זיידן מענדעלע, י. ל. פּרץ, שלום עליכם. ליבע, טייערע פּנימער. אויף דער אַלטער פּיאַנע אין גרויסן זאַל האָט די לערערין אַקאָמפּאַנירט דאָס ליד פון מאָריס ראָזענפעלד „ווידער איז דער מאַי געקומען״. אַרומגעשוירענע קינדערישער קעפּלעך. דער שיינער, פּשוטער קלאַנג פון ייִדישן

ווארט האָט, ווי מוזיק, געקלונגען אין מיינע אויערן. כ׳האָב דערפילט, אַז פון דאַנען וועל איך שוין קיינמאָל נישט אַוועקגיין. ס׳איז געווען עפּעס פּאַטערלעכס, משפּחה־דיקס אין דער באַציאונג צו די קינדער פון די אָרעמע היימען.

מיר האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט מיט דער שיינער אילוזיע, אַז אונזער יידיש קעניגרייך צווישן די סלאַווישע פעלקער שפּרייט זיך אויס ווייט איבער לענדער; שטעט און שטעטלעך, פול, קיין עין הרע, מיט יידן, מיט תורה, מיט בילדונג, אין אַזאַ אוראַלטן, דורותדיקן יידישן שטייגער. אין אָט דעם סלאַווישן רוים האָט גע־לעבט אַ פאָלק מיט אַזויפיל דיאַלעקטן, טיפּישע פאַרשידנאַרטיקייטן; אָנגעזאַפּט מיט אַזויפיל פאַרכאַפּנדיקע פאַרבן און אַראָמאַטן. אין אַלע יונגע הערצער איז געווען די שיינע אידיליע פון די ראָזע הימלען אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן פון „שטעטל" ביי שלום אַש׳ן: „ליבע, זומערדיקע פאַרנאַכטן, ווער ס׳האָט אייך געהאַט און ווער ס׳האָט אייך פאַרלוירן". די בענקשאַפט האָט אונז אין די פאַרנאַכטן פאַרלאָקט צום שטאָטישן פּאַרק. די שול־חברה, אין טומלדיקע גרופּעס, האָט געזונגען די שיינע לידער פון דער שול. די אָרעמע יידישע שול, וואָס האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ שיינער וועלט פון מאָרגן, איז געווען פאַרענדיקט. אַזוי שנעל ווי ס׳איז אַלץ פאַר־לאָפן. אָבער זיי האָבן זיך נאָך אַלץ געקלאַמערט צוזאַמען, די בלייכע יינגלעך, די אונטערגעוואַקסענע מיידלעך, וואָס די בלוזקעלעך האָבן זיך ביי זיי געוויינטלט אויף דער יונגער ברוסט. זיי האָבן אָבער נישט געוווסט, אַז די ערד, אויף וועלכער זיי טרעטן, איז אַן אומפאַרייננטלעכע, אַ נישט זיכערע. מען איז געלאָפן אין דער וועלט אַריין, מען איז געלאָפן איבער דער נאָנטער רוסישער גרענעץ, מען איז געלאָפן אין כרך וואַרשע, אויסצומישן זיך מיט די אַרבעטסלאַזע און הונגעריקע אויף די הילכיקע ברוקן פון דער שאָאַט.

ס׳איז געווען דער אומפאַרגעסלעכער האַרבסט פון די ווייטע יינגל־יאָרן. די ביימער הינטערן הויז רוישן, רוישן. אַ גרויסע גרינע פליג האָט נאָך געפּרוווט אַ זשומע טון אויף דער נעפּלדיק־פאַרלאָפענער שויב. אַ שפּעטע, שאַרפע זון האָט געלייגט פלעקן אין אַ ווינקל קאַרניז. די לאַדנס אויפגעשפּאַרט, האָט זיך צוזאַמען מיט דער קילער פרישקייט פון סאָד הינטערן הויז, אָנגעטראָגן דער וויניקער ריח פון ווינטער־עפּל. אַ גרויסע, שאַרפע זון האָט אין מזרח אַרויסגעפלאַמט פון נעפּל. די ביימער אין סאָד זענען שוין געשטאַנען אָפּגעטרייסלט. די מאַמע, אין דער טיף־אָנגערוקטער פאַטשיילע איבערן פרי גרוי געוואָרענעם קאָפּ, איז אַריינגעקומען פון דרויסן און אַוועקגעלייגט אַ פיר פונטיקן לאָבן ברויט אויפן טיש. די געשמאַקע זויערקייט איז פאַרגאַנגען אין די נאָזלעכער. „נו, קינדער — האָט זי געזאָגט — צייט אויפצושטיין" , און גענומען פאַנאַנדערבלאָזן אונטער דער פליטע דאָס פייער, אויפ־צוקאָכן אַביסל ציקאָריע. דער לאַנגער, ביטערער ווינטער, האָט מען דערפילט, שטייט שוין ווידער ביי דער שוועל. מ׳דאַרף באַצייטנס אַנגרייטן אַביסל האָלץ, אָפּ־שיטן אַ פּאָר קערצלעך קאַרטאָפל אין קעלער, מ׳דאַרף אַ פּאָר שיך, אַ וואַרעמען מלבוש. פון וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, ציט מען דען די חיונה ?

מיטן אַלולדיקן רוישן פון די אַלטע טאָפּאָלן הינטערן הויז איז אַדורך דער זיסער שווידער פון די ווייטע יינגל־יאָרן. כ׳האָב שוין דעמאָלט אין אַלטן יידישן

גאָט שטאַרק געצווייפלט, אָבער דאָס האַרבסטיקע רוישן פון די טאָפּאָלן האָט זיך מאָדנע אויסגעמישט מיטן פחדימדיקן שופר־בלאָזן, וואָס האָט זיך געהערט פון די הינטערגעסלעך; מיטן פרומע, פאַרדאגהטן ליפּן־מורמלען פון די יידן, אָנגעטון אין ווייסן, צו נעילה, אין פאַרגייענדיקן פלאַקער פון דער זון; זי איז געפאַלן אין שטויביקע סנאָפּעס דורך די בית־מדרש־פענצטער, פון די אויבערשטע רויטע, גרינע, בלויע שייבלעך, אונטערן סופיט מיט די אָפּגעריבענע געמעלן. דער קילער, אלולדיקער רויש פון די טאָפּאָלן אויף דער גאַס פון מיין קינדהייט האָט זיך אויך אויסגעמישט מיט די זיסע, אומעטיקע שניידערישע לידער פון הערואָישן קאַמף, אויפן אַרומגעבראָכענעם סקווערל, מיט די אַרבעטער־לידער — „אַ גוטע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן", „אַז דו אַקערסט און דו זייסט". זיי האָבן זיך געהערט פון די אָפענע פענצטער, ווו ס'האָבן זיך געווינטלט די מושלין־פאָרהענגלעך ביי דער חברטע סימע. מען איז דאָרט דעם גאַנצן יום כיפּורדיקן טאָג געזעסן אויפן טיש, אויף די פּאָר שטולן, אויפן בעטל. ס'איז געווען געדיכט אָנגערויכערט. מ'האָט דיסקוטירט וועגן סאָציאַלן פּראָגרעס, וועגן די „זינגענדיקע מאָרגנס", וואָס קומען. יונגעלייט אין ווייסע, אָפּגעלייגטע קעלנער און קורץ־אונטערגעשוירענע מיידלעך; זיי האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט ביכלעך אונטערן אָרעם, אַריינגעטייטשט אין זיי, אַז דער יידישער פּראָבלעם וועט געלייזט ווערן, צוזאַמען מיט דער סאָציאַלער רע־וואָלוציע פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער...

די זון האָט זיך געזעצט אין פלאַקער, ווייט אַראָפּ, הינטער די פּאָרטן פון דער פּעסטונג אויפן בוג; דאָרט, פון וואַנען די רויטע קאַוואַלעריע איז אַריינגעריטן מיטן קאָברינער שאָסיי, פון דער קיעווער סלאָבאָדקע. אין די אויפגעבראָכענע סע־דער האָבן נאָך נישט געהאַט דעררייפט די רויטע ווינטער־באַרן; לענגלעכע, האַר־טע, טערפּקע, מיט פאַרפלאַמטע באַקן. זיי זענען ערשט ווייכלעך געוואָרן און זיס, ווען מ'האָט זיי געלייגט אין היי, ווינטער־צייט. אויך דער שאַרפער, ווייניקער אַראָ־מאַט פון די באַרן איז דער אַראָמאַט פון די ווייטע יינגל־יאָרן. אונטער די קאַרשן־ביימלעך, צווישן די קוסטן, זענען די אַרומגעשליסענע רויט־אַרמייער פאַרפאָרן מיט זייערע צוויי־רעדערדיקע קיביטקעס, אויסגעשפּאַנט די קליינע, פאַרמאַטערטע פערדלעך, צעברענט שייטערס פון דאַרע צווייגן. ביינאַכט האָט זיך פון טיפן סאָד הינטערן הויז געהערט אַ שווער, כאָראַל געזאַנג פון בעסער.

ס'איז, ווי דעמאָלט, צוגעפאַלן אַ לעבלעכער פאַרנאַכט. איך האָב געשפּרייזט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. שטיל אַרויסגעגליטשט זיך אויפן גאַניק, צום סאָד, בין איך אַרויס צו דער פאַרנאַכטיקער גאַס, צווישן אָנגעפאַלענע בלעטער פון פרי־האַרבסט. פון אַלע פענצטער האָבן געשיינט אָנגעצונדענע ליכט. יידן, אָנגעטון אין ווייסן, ציען מיט געבראָכענע, לאַנגזאַמע טריט צום אַלטן „גרינעם" בית מדרש. ס'איז פּאָרכטיקע ליידיקייט. אַלטע, אוראַלטע מעלאָדיעס זינגען אין מיר. זיי ברענ־גען נאָך היינט, ווען די מעלאָדיע טוט אומגעריכט אַ שוועב פאַרן אויער, דעם אַראָ־מאַט פון די האַרבסטיקע סעדער הינטערן הויז. און איך דערפיל די זעלביקע פּאָרכ־טיקייט דווקא אינם „אַפּיקורסישן" ביכל, וואָס דער עלטערער ברודער האָט גע־

ברענגט אין שטוב אַריין; אַ ביכל פון יידיש־סאָוויעטישן פּאָעט איזי כאַריק. דאָרט זינגט זיך וועגן אַזאַ ערב יום־כיפור פּאַרנאַכט אין אַ יידיש שטעטל „אויף יענער זייט", אין ווייסרוסלאַנד, אַ טריט פון אונזערע מקומות. דעמאָלט האָט נאָך איזי כאַריק'ס שטעטעלע אויך עקזיסטירט אויף דער ווייסרוסישער ערד, ווען דער דיכטער האָט מיט צאָרן און נאָסטאַלגיע געזונגען:

שטעטעלע, פֿאַרשווינד !...

ביז ס'איז טאַקע פאַרשוואונדן, טרויעריק פאַרשוואונדן, צוזאַמען מיטן דיכטער גופא. מיר האָבן עס נאָך דעמאָלט נישט געאָנט, אַז צוזאַמען מיטן יידישן שטעטל, וועט פאַרשווינדן אונזער יידיש לעבן.

ליכט־שפּאַרעס רייסן זיך אַדורך די לאָדן. אָט וועט באַלד אויפן גאַניק אויפמאַכן זיך אַ טיר. אַ שלאַנק מיידל מיט צעפּלעך וועט זיך אַרויסשלייכן, אַראָפּלאָזן זיך אויף דער נידעריקער באַנק, אונטער די אַקאַציעס. ס'איז אַ העלע לבנה־נאַכט אין חודש תשרי. ס'איז נאָך לינד. די מאַמע מיטביידע אונטערגעוואַקסענע טעכטער גייען מיט באַזאַכטע טריט איבערן טראָטואַר, אונטער די טאָפּאָלן; פאַרוויקלט אין איר שוואַרצער יום טובדיקער שפּיצן־שאַל אויף די אַקסלען, און ביידע טעכטער קלאַמערן זיך צו דער מוטער. מיט די טעכטער ביי דער זייט, איז אַוודאי צוריקגעקומען צו איר עפּעס פון אירע ווייטע מיידלשע בענקשאַפטן. זי איז בלייך, פון פאַסטן, פון פאַרען זיך אַריינצוברענגען, מיט אַזויפיל מי, דעם יום טוב אין שטוב אַריין. פאַרבענקטע לידער טראָגן זיך פון סקווערל. דאָרט זינגט די יוגנט. „ס'ווערט שפּעטלעך, קינדער" — זאָגט די מאַמע, און הייבט זיך אויף די פּאָר טרעפּלעך.

און ס'דערמאָנט זיך אויך אַ דושנער פאַרנאַכט אויף די בולוואַרן, דאָרט, ווו ס'האָבן זיך אַמאָל, אין 5־טן יאָר, געקליבן די געזעלן, די בייטערקעס, די „צער בעלי חיים". דאָ האָבן זיי געחלומט, די באַלמעלאָכעס, פון אַ 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, פון אַ פרייער, שענערער וועלט. ס'איז געווען עפּעס אַן ענלעכער פאַרנאַכט, ווען כ'בין שוין געווען אַ דערוואַקסן בחורל. וואָרעמע טראָפּנס פאַלן. אויף דער באַנק, אין דער אַלייע, קוקט דאָס מיידל אומרואיק אויפן האַנט־זייגערל. זי וואַרט אויפן פאַרבינדלער פון ראַיאָן־קאָמיטעט. פון דער זעלבער באַנק האָט מען זי אַוועקגענומען, צום לעצטן מאָל.

דאָס שטאָכעטן־טירל האָט זיך געררוישלאָז צוגעלענט. די קאַשטאַנעס, די קליאַנען זענען, ווי אַמאָל, געשטאַנען אָפּגעשאָטן אין וואונדערלעכן האַרבסט־גאָלד. די פיס שורשען ווייך אין אָנגעפאַלענעם בלעטערוואַרג. בלינדערהייט וואָלט איך געטראָפן צו דער זעלבער באַנק, צווישן די צוויי אַקאַציעס. די ווייסע בליטן זענען געפאַלן אין אירע מיידלשע האָר. זיי האָבן געהאַט אַ זיסע יאַדרע.

די פאַרברענטע ערד. אַלערליי מאַכטן האָבן זיך דאָ געביטן — אוקראַיִנער, באַלאַכאָוצעס, פּאַליאַקן, באַלשעוויקעס. זיי זענען, באַוואָפנטע, אין די אויגן — מאָרד, געגאַנגען אויף זייער אייגענער ערד. די יידישע טירן און לאָדנס זענען אַלעמאָל געשטאַנען פאַרהעמערט, אין אימה, אין ציטערניש; כאָטש מיר זענען אויף דער

דאָזיקער ערד געבוירן געוואָרן, צווישן די אַרומגעוואָשענע געסלעך, דור נאָך דור, זענען מיר לסוף אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, פאַרשוווּנדן, אויף אייביק פאַרשוווּנדן.

דער אומפאַרגעסלעכער ניגון

ס'איז געווען דער ערב־פרילינג פון אונזערע יונגע פלאַטערן. סוף מערץ האָט אַ פּאַסיקל זון דורכגעריסן זיך דעם לאָדן־שפּאַלט און ווי אַ העזעלע, אומגעשפּרונגען אין אַ ווינקל סופיט. ביים אויפמאַכן אין דער פרי די אויגן, האָט עס דיר אַ הייב געטון מיט אַזאַ יונגן אימפּעט. מ'איז אַרויס אויפן גאַניק. הויך אין דער לופט האָט זיך שוין געטראָגן דער פלאַטער פון פרילינגדיקע שוואַלבן. כאָטש די גאַס מיט די גרויע איינשטאָקיקע הייזער איז נאָך, אונטערן נידעריקן הימל, געזונקען אין אַ דינעם טוי־נעפּל. דער איינגעטראָטענער שניי האָט שוין גענומען שמעלצן אונטער די טריט. אין בלויען בין השמשות האָבן זיך פאַרטראָגן די רויכן, וואָס זענען אויפגעגאַנגען פון די נידעריקע קוימענס. די לופט איז שוין פול געווען מיט פאַרטראָגענע געשמאַקע ריחות פון פריש געבעקס, וואָס באַלעבאָסטעס האָבן ערב פּורים באַצייטנס געבאַקן אויף יום טוב.

ס'איז געווען פרילינג אויף אונזער יידישער גאַס, פרילינג אין אונזער גייסטיק לעבן. משה קולבאַק... פּרץ מאַרקיש... זייער ליד האָט געשוועבט איבער די יידישע געמאַרקן. זיי האָבן אויסגעדריקט די פאַרפלאַמטע יוגנטלעכקייט, דעם פּלי און די הייסע שטרעבונגען פון אונזער דור. דער זינגענדיקער יידיש אין אונזער מויל איז געווען פאַר זיך אַליין אַן אידעאַל. אויף זיינע פליגלען זענען מיר אַנטקעגנגעפלויגן די באַפרייאונג פון מענטש און ייד. מיר האָבן געלעבט אין עפּעס אַ זיסער פאַרבלענדעניש. דער ניגון איז ווי איינגעהילט אין נעפּלען, וואָס שיילן זיך אַרויס אין פרימאָרגן־טוי. די גאַס, די נידעריקע מייערלעך, ביז טיף אַראָפּ צום טייך אין דער נידער, איז אָפּגעגאָסן אין רויטן קופּער־שיין פון זון־זעצן־זיך. ס'איז די גאַס פון אונזער יוגנט. די שפּורן זענען נאָך אפשר דאָרט פאַרבליבן. אפשר זענען דאָרט אויך פאַרבליבן די הויך־אויפגעשאָסענע טאָפּאָלן און אַקאַציעס.

דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס האָט גערוישט טאָג און נאַכט. בייטאָג האָבן די שול־קינדער אין די ליכטיק־אויסגעווייסטע צימערן, מיט זייערע דינע שטימעלעך, געזונגען און געלערנט דאָס יידישע וואָרט. אין אָוונט זענען די אויבערשטע צימערן פול געווען מיט זיצונגען, פאַרזאַמלונגען. פון הינטער טירן האָט געהילכט דער כאָר, דיריגירט דורכן לערער אין סאַטינענעם העמדל, מיט זיין פלאַמיקער טשופּרינע פאַרוואָרפן אַהינטער:

> מלכותה דערהא, מלכותה דרקיע,
> אונטן און אויבן איז גלייך...

דער ביבליאָטעק־צימער איז פול אַרומגעשטעלט. מען קומט פייערלעך און ערנסט טוישן אַ בוך. מ'האָט נאָך דעמאָלט פאַרפלאַמט געלייענט פּאָעזיע: איינהאָרן,

ביאַליק, סעגאַלאָוויטש. דער אויסדרוק פון דער ראָמאַנטיק איז געווען — סעגאַלאָוויטש, מיט זיין סענטימענטאַלער דיכטונג, מיט זיינע סענטימענטאַלע ראָמאַנען פון נאַיווער עראָטיק. זיין ראָמאַן „די ווילדע צילקע" איז שיער נישט געוואָרן אַ סינאָנים פון די שטעטלדיקע פאַרליבטע מיידלעך. די געדיכטן זענען געזונגען געוואָרן מיט אַזויפיל בענקשאַפט: „שיין איז רייזעלע דעם שוחט'ס". מ'האָט אָבער דער עיקר געלייענט און געהיים די בראַשורן און ביכלעך פון לעניך, באָגדאַנאָוו, בוכאַרין.

אונזערע קולטור־קוואַלן זענען געווען פאַר אַלעם — יידישע, אָדער יידיש־העברעאישע, תלמודישע, תנכישע, איינפלוסן פון די חובבי ציון, פון די משכילים, פון בונד. די יוגנט האָט זיך געקלאַמערט אין דער יידישער שול, געשטרעבט צו פאָרן קיין ווילנע, אין לערער־סעמינאַר, אין טעכניקום. שיינע, געזונטע בחורים מיט ווייסע אָפּגעלייגטע קעלנער, שטאַלטנע מיידלעך מיט הויכע פאַרשנורעוועטע שיך. אין סעדל הינטער די בעז־ביימלעך, זענען געווען בענק. די פענצטער פון נידעריקן, הילצערנעם הויז זענען געשטאַנען צעעפנט. ס'האָט זיך געטראָגן אַ וואָלקנדל אַראָמאַטישער פאַפּיראָסן־רויך. דאָרט האָט זיך יעדן פאַרנאַכט געקליבן די אינטעליגענץ. מ'האָט דיסקוטירט וועגן די ביכער.

פון וואָס האָבן די טאַטעס זייערע געצויגן די בידנע חיונה? פון אַ געוועלבל, פון אַ וואַרשטאַטל. און זיי אַליין האָבן אַלץ געזוכט אַ שטיקל אָנהאַלט, אַ שטיקל עקזיסטענץ. טייל האָט זיך פאַרט איינגעגעבן אַוועק אין דער וועלט אַריין. מ'איז געלאָפן ווו נאָר די אויגן האָבן געטראָגן. נישט אומזיסט האָבן די אומלעגאַלע קרייזלעך געהאַט אַזאַ איינפלוס אויף אָט די יונגע מענטשן. ארץ ישראל האָט נאָך אַלץ אויסגעזען ווי אַן אוטאָפּיע; אין דער צייט, ווען דער קאַמף אויפן אָרט איז געווען די רעאַליטעט גופא אַרום זיי.

אין דער ביבליאָטעק זענען אין די ווינטער־חדשים פאָרגעקומען רעפעראַטן פון די מנהיגים, אַראָפּגעשיקט פון צענטער, ליטעראַרישע משפּטים. כ'געדענק דעם הייסן משפט איבער „פאַרברעכן און שטראָף" פון דאָסטאָיעווסקי. ס'איז געגאַנגען אַ הייסע פלוגתא צו באַרעכטיקן, אָדער צו באַשולדיקן דעם אָרעמען סטודענט ראַסקאָלניקאָוו פאַרן מאָרד איבער דער אַלטער פּראַצענטניצע. ס'איז געווען אַ פאַרטיידיקער, אַ פּראָקוראָר, עקספּערטן, עדות; בחורים מיט ווילדע שעוועליורעס, אין סאַטינענע העמדלעך מיט קוטאַסן; מיידלעך מיט הייס־פאַרפלאַמטע באַקן, מיט פינקלענדיקע פענסנע, לערער פון דער שול מיט ענג־פאַרשפיליעטע קעלנערלעך, קיינמאָל נישט געענדיקטע סטודענטקעס פון די רוסישע אוניווערסיטעטן; איינע מיט איינגעקוועטשטע צוויקערס, מיט אַ שוואַרץ שנירעלע אונטערן אויער. דער זאַל איז געווען פול באַזעצט ביז אַרויף. מען איז געשטאַנען אין די אָפענע טירן, קליינע אַרבעטער־מיידלעך, נייטאָרינס, לערן־יינגלעך, אַלע האָבן זיי געשלונגען די ווערטער פון די פאַרטיידיקער און באַשולדיקער. ס'האָט זיך געפילט אין זאַל ווי אויף דער באַשולדיקונג־באַנק וואָלט ווירקלעך געזעסן אַ מענטש צום פאַרמשפּטן, און זיין לעבן הענגט אויף אַ האָר...

דאָרט איז אויך געווען דאָס פרעמדע מיידל. מיט איר איז צוערשט עפּעס נישט אַזוי קלאָר געווען. אַ שלאַנק מיידל מיט שוואַרצע לאָקן און ברענענדיקע

אויגן. זי האָט ווירקלעך אויסגעזען צו אַריסטאָקראַטיש פֿאַר אַזאַ פּשוטן אַרבעטער־עולם און פֿאָלקס־אינטעליגענטן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געשיקט געוואָרן פֿון ערגעץ מיט וויכטיקע פֿאַרבינדונגען. פּאָליציי איז דערנאָך געקומען זי זוכן, אָבער זי איז באַצייטנס נעלם געוואָרן.

אַלץ אַרום איז געווען פֿול מיט געהיימענישן. אַן אומשולדיק פֿויערל אין אַ פּעלצל איז אויפֿן מאַרק אין יאַריד־טאָג געקומען נאָכפֿרעגן זיך צום סטעלמאַך אויפֿן ברעג. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן — מיט וויכטיקע פֿאַרבינדונגען פֿון „יענער זייט". ס׳איז, זעט אויס, ערגעץ ווו געווען פֿאַרשטעקט געווער אויך. צווישן די אַרבעטסלאָזע איז אַרומגעגאַנגען אַ מיידל און געקליבן ביי יעדן איינעם אַ פּאָר גראָשן פֿאַרן „מאָפּר", אַריינצושיקן פּעקלעך אין די תּפֿיסות, צו דינגען אַן אַדוואָקאַט צום פּראָצעס. יעדער איינער האָט אַוועקגעגעבן די פּאָר גראָשן, אָפּגעריסן פֿונם מויל, פֿאַר אַזאַ הייליקער זאַך.

ס׳איז אין יענעם יאָר געווען ערב די וואַלן צום מאַגיסטראַט. יידן האָבן פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַ היפּשן פּראָצענט פֿון די ווילער. די אָרעמע יידישע שול האָט פֿאַרלאַנגט אַ סובסידיע און די פּוילישע אַנטיסעמיטישע ראַטמענער האָבן עס אָפּגעוואָרפֿן. ס׳איז געווען נאָך דער שטורמישער זיצונג פֿון דער געמיינזאַמער שול־אָרגאַניזאַציע. אויסער די ציוניסטן פֿון אַלע שאַטירונגען, מיט זייערע תּרבות־ און מזרחי־שולן, האָבן די דריי פּאַרטייען באַהערשט די „יידישע גאַס". אַלע האָבן זיי אויפֿגעהאַלטן יידיש־וועלטלעכע פֿאָלקס־שולן. די בונדישע י. ל. פּרץ־שול מיט איר עקסטרעמען יידישיזם, די לינקע פּועלי ציון באַראָכאָוו־שול מיטן סאָציאַליסטישן פּראָ־ארץ־ישׂראל־פּראָגראַם; די רעכטע פּועלי ציון, עקסטרעם־נאַציאָנאַליסטיש. אויף די שטורמישע זיצונגען פֿון דער פֿאַראייניקטער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע האָבן די איינציקע, די עקסטרעמע קאָמוניסטן, געמאַכט יעדעס מאָל סקאַנדאַלן, אַז די שול איז נאַציאָנאַליסטיש, יידישיסטיש. אַרבעטער, אַרבעטער־אינטעליגענטן, און זיי האָבן זיך אַליין נישט געכאַפּט, אַז אין זייער קאַמף קעגן דער יידישער שול גראָבן זיי אונטער די פֿונדאַמענטן פֿון אונזער גאַנצער קולטור־ירושה. זיי האָבן עס פֿאַרשטאַנען אַ סך שפּעטער, ווען אין רוסלאַנד האָבן זיי דאָרט ליקווידירט אונזער קולטור צוזאַמען מיט אונזערע קולטור־שעפֿער.

די וועלט פֿון די ביכער איז געווען פֿאַר אונז מער רעאַלער, ווי די וועלט, וואָס האָט אונז אַרומגערינגלט. אָבער אין אונזערע ערשטע שרייבערישע פּרווון איז פֿאַרט געקומען צום אויסדרוק די טראַגישע וואָר. עפּעס האָט מיר אונטערגעזאָגט די יוגנטלעכע פֿערזן צו פֿאַרוואַרפֿן. „צו די בלויע ווייטן", אַזוי האָב איך אָנגערופֿן איינע פֿון די ערשטע „גרינע" דערציילונגען מיינע, וואָס כ׳האָב פֿאַרפֿלאַמט אָנגעשריבן אין שילערישן העפֿט; עפּעס וועגן יונגע מענטשן, וואָס לאָזן זיך אַוועק איבער ווייטע ימען, צו ווייטע קאָנטינענטן. דער גרויער, האַרטער רעאַליזם איז, זעט אויס, מיר פֿאַראויסגעלאָפֿן. מסתּמא אויך האָט שוין דעמאָלט, אַ ייִנגל נאָך, געלעבט אין מיר דער אינסטינקט צו אַנטלויפֿן פֿון מיין היים, פֿון פּוילן, ווי פֿון אַ ברענענדיק הויז, אין דער וועלט אַריין. נאָכן פֿאַרענדיקן די אָרעמע יידישע שול, זענען מיר שטיינגעבליבן נאַקעט, אָן שום אויסזיכטן. די שול איז געווען — אונזער וועג אין

לעבן. געלערנט אין חדר אביסל חומש, תנ״ך, גמרא, האָבן זיך איינמאָל אומגעריכט געעפנט פאַר מיר די ליכטיקע טירן פון דער יידישער פאָלקס־שול. ס׳איז געווען אונזער מיטל־שול, אונזער ישיבה, אונזער אוניווערזיטעט. וואָס פאַראַ גרויסע, רייכע וועלט פאַרן אָרעמען יידישן קינד די יידישע שול אין פוילן האָט אויפגע־מאַכט! מיר זענען אַוועק פון דער שול־באַנק, אָנגעלאָדן מיט גרויסע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידייען, דורשטיקע נאָך וויסן, צו דערקענען די וועלט, די גרויזאַמע וועלט אַרום אונז. כ׳בין לאַנג אַרומגעגאַנגען מיט אַ צעהיצטן מוח איבער די שיינע האַרבסטיקע סקווערן, אין בלעטער־פאַל. ס׳האָט מיך געצויגן צו דער ווייט־לעכער צפון־שטאָט, קיין ווילנע, צו דער שטאָט פון גייסט און וויסן.

ס׳איז געווען באַלד נאָכן רעפעראַט פון משה קולבאַק, וועלכער איז אַראָפּגע־קומען צו אונז. ער האָט גערעדט וועגן „עקספּרעסיאָניזם און אימפּרעסיאָניזם אין דער יידישער ליטעראַטור״. כ׳האָב זיך פאַרפלאַמט צוגעהערט צו זיינע אויסגע־האַמערטע פערזן. כ׳האָב זיך דערנאָך שפּעט אין אָוונט אומגעקערט צום ייִנגלשן געלעגער, אין פיבערן. ס׳איז לאַנג צו מיר קיין שלאָף נישט געקומען. אומבאַקאַנטע וועלטן האָבן אין מיר געזונגען.

ווילנע... כ׳האָב זיך אויסגעמאָלט די שטאָט דורכן קליינעם וויניעט אויף די ביכער פון קלעצקין־פאַרלאַג — די טויערן פון אַלטן יידישן קוואַרטאַל אַרום גאונס קלויז. דער 1־טער סעפּטעמבער האָט זיך דערנענטערט. מ׳האָט זיך באַ־דאַרפט נעמען קלייבן אין וועג אַריין. אין דער איינלאַדונג איז בפירוש געווען געשריבן, אַז איך ווער צוגעלאָזן צום עקזאַמען אין יידישן לערער־סעמינאַר. דאָס האַרץ איז מיר אויסגעגאַנגען פון בענקעניש. די מאַמע האָט נישט געקענט צוזען מיין צער, ווי כ׳דריי זיך אַרום מיט אַ שטומען בליק. דער טאַטע האָט גאָרנישט געוואָלט הערן דערפון. אַן איינגעשרומפּענער, דעם קאָפּ אין די אַקסלען, האָט ער געהאַט בילכערע דאגות. ער האָט גאָר געהאַפט, אַז כ׳וועל אים בייהילפיק זיין אין רימער־וואַרשטאַטל. די מאַמע איז דעם גאַנצן טאָג געזעסן אויפן בענקעלע פון פאַרנט. אַ פּראָווינצער ייד איז געקומען, האָט עפּעס דאָרט איינגעקויפט, האָט זי גענומען די פאָר זלאָטעס און מיך אָפּגעשטעקט. איך האָב שנעל גענומען איינפּאַקן דאָס הילצערנע קופערטל. אין אָוונט איז אָפּגעגאַנגען די באַן. צוזאַמען מיט מיר זענען געפאָרן נאָך צוויי שול־חברטעס. באַגינען זענען מיר אָפּגעשטיגן אין ביאַ־ליסטאָק. אויף די סטאַציעס האָבן זיך אַראָפּגעיאָוועט נאָך עטלעכע ייִנגלעך און מייד־לעך. אויך זיי האָבן געצויגן קיין ווילנע, אין סעמינאַר, אין דער יידישער גימנאַזיע. אַ ייִנגל פון פּרוזשענע, אַ מיידל פון סקידל, צוויי בחורימלעך פון ביאַלאָווזש.

אין ווילנע בין איך דאָס ערשטע מאָל, מיט ציטער, אַרויף די טרעפּ פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק, לעבן גאונס קלויז. אַ גרויס דרך ארץ האָט מיך אַרומגענו־מען, שטיינבלייבנדיק אין לענגלעכן, ציכטיקן זאַל, אַרומגעשטעלט מיט ספרים־שרענק. כ׳האָב זיך דערפילט ווי אין אַ מקום קדוש. אין אַ זייט, אויף אַ קליינער בימה, איז געזעסן דער אַלטער ביבליאָגראַף סטראַשון, אַ ייד אַן הדרת פּנים, מיט אַ זילבערן בערדל, אין אַ ריינלעכן ליפּאַגענעם כאַלאַט, מיט אַ גאָלדענער בריל. ער איז אַרויף אויפן לייטערל, אַראָפּצונעמען דאָ און דאָרט אַ ספר, אַ בוך, וואָס

עמעצער האָט פאַרלאַנגט. אַ שטילקייט. עס זענען געזעסן חשובע יידן, יונגעלייט, מיידלעך, שילערינס פון גימנאַזיע, פון סעמינאַר, ביי לאַנגע טישן, ערנסט פאַרטון אין די ביכער. זיי האָבן געאַרבעט, פאַרצייכנט עפּעס אין זייערע העפטן. כ׳האָב אויך דערקענט ביים טיש, אין אַ ווינקל, דעם אַלטיטשקן ש. ל. ציטראָן, דעם קול־טור־היסטאָריקער, וועלכער האָט אויף א בעלעטריזירטן אופן געשריבן וועגן אַ דור רוסיש־יידישע אינטעליגענץ, אַפילו משומדים, וואָס זענען דאָך געווען פאַרבונדן מיט יידישער גייסטיקייט.

אין אָוונט האָט מיר מיין חבר אברהם לעוו, אַ יונגער דיכטער, אַ באַלמאַלאָכע אין אַ מעטאַל־פאַבריק, געפירט אויף גלעזער־גאַס, ערגעץ אין אַ הויף. דאָרט זענען געווען פאַרזאַמלט אַ פּאָר יונגעלייט מיט אויפגעבראַוזטע טשופּרינעס, פריי־לעכע, אויפגעהייטערטע אין זייערע דיסקוסיעס וועגן ליטעראַטור, צווישן זיי — שלמהקע בייליס, אלחנן וואָגלער, און נאָך עטלעכע, וואָס כ׳געדענק נישט זייערע נעמען, פון די שפּעטערדיקע „יונג ווילנער״. בערגעלסאָן איז דעמאָלט געווען אונ־זער אַלעמענס באַליבטער מייסטער, ווי משה קולבאַק ברענגט עס אַרויס אין זיין פּאָעמע „ווילנע״ : „דער בלויער תלמיד ביי דעם גרויען בערגעלסאָן״. ער איז דע־מאָלט אַרומגעגאַנגען ווי אַ נסתר, דער יונגער דיכטער אלחנן וואָגלער, ווי מ׳האָט אים היימיש גערופן, כאָנקע.

משה קולבאַק האָט זיך נאָך דעם סוף זומער אַרומגעדרייט אין ווילנע, אָבער מ׳האָט שוין געוווסט, אַז ער גרייט זיך אָפּצופאָרן קיין מינסק, אויף דער סאָוויעטי־שער זייט. ווי ווייט איז דען מינסק פון ווילנע ? פונדעסטוועגן — ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו פאָרן צו אַ ווייטן קאָנטינענט. כ׳האָב אים געזען אַריינקומען אין סעמי־נאַר, אויף אָזשעשקאָ־פּלעצל, נומער 7. אַלעמענס בליקן פון די שילער האָבן זיך אויף אים אָנגעהאַנגען פאַרגאַפט. די גאַנצע ווילנער יוגנט האָט רעציטירט פון אויסנווייניק זיינע אויסגעהאַמערטע פערזן פון זיין פּאָעמע „רייסן״, פון זיין פּאָעמע „ווילנע״, פון זיין פּאָעמע „בערע און בוניע אויפן טראַקט״. ער האָט אונז אָנגעקוקט שווייגנדיק, מיט זיין קלוגן, פייערדיקן בליק. זיינע פערזן האָבן אויסגעדריקט דעם שטורמישן גאַנג פון דער עפּאָכע, דעם גרויסן איבערגאַנג, וואָס האָט געמאַכט גע־שיכטע און האָט זיך באַלד דערנאָך אַזוי טרויעריק־קורץ פאַרענדיקט.

אין שאַרפן, ביטערן ווינטער, סוף 1928, איז דאָס יידישע ווילנע געקומען געזעגענען משה קולבאַק, ערב זיין אָפּפאָרן קיין מינסק. מיר, די יונגע, הונגעריקע חברה פון סעמינאַר, זענען אַוועק צופוס צום אַלטן יידישן טעאַטער, אויף לודווי־סאַרסקע גאַס, צו פאַרפולן די גאַלעריעס. ס׳איז געווען אַ פראַסטיקער דעצעמבער־אָוונט. ס׳איז אונז אָבער וואַרעם געווען. דער זאַל, די גאַלעריעס האָבן זיך גע־בראָכן פון עולם. ס׳איז געקומען דער גאַנצער אינטערנאַט שילער אויף דער פּאָר־שטאָט סובאָטש. אויף דער בינע זענען אַרום משה קולבאַק געזעסן : זלמן רייזען, מאַקס עריק, דער דיכטער בער האָראָוויץ, און אַלע וויכטיקע פערזענלעכקייטן פון יידישן ווילנע. אַלע האָבן זיי באַדויערט, וואָס קולבאַק פאַרלאָזט ווילנע. און קולבאַק אַליין האָט צולעצט געלייענט, מיט זיין פלאַמיק וואָרט, פון זיין ראָמאַן „מאָנטיק״ :

איך שטיי מיט אַ מעסער אין האַנט,
דו שטייסט מיט אַ מעסער אין האַנט...

עפּעס סימבאָלישס, וואָס האָט זיך דערנאָך אַזוי טראַגיש אויסגעלאָזן.

לאַנג האָט דער שיינער חלום ווילנע סיי ווי נישט געדויערט. געהונגערט אין די קאַלטע צימערן פון שילער־אינטערנאַט אויף סובאַטש, אין דעם ביטערן ווינ־טער, האָב איך זיך לסוף, אַ קראַנקער, דערשלעפּט צוריק אַהיים. אין דעם יאָר איז שוין די עקזיסטענץ פון לערער־סעמינאַר סיי ווי געהאַנגען אויף אַ האָר. די רשעות־דיקע פּוילישע שול־מאַכט האָט דעם סעמינאַר געשלאָסן צוליב די „סובווערסיווע" אידייען, און די יוגנט איז, אַן אויסזיכטלאָזע, צוריק צעפאָרן זיך אין זייערע היימען.

אין בריסק, ביים טאַטן אין פאַרפּאַטשקעטן רימער־געוועלבל אויפן מאַרק, בין איך לאַנג נאָכן אומקערן זיך פון ווילנע אויך נישט פאַרבליבן. ס'האָט מיך שוין געטראָגן אין דער וועלט אַריין. זיי האָבן אַלץ געהאָפט, ס'אַלטוואַרג, אַז כ'וועל בלייבן אַרבעטן, אַרויסהעלפן זיי אין דער ביטערער אויסקומעניש. כ'האָב געצויגן די דראַטווע מיט צוויי נאָדלען, געהאָלפן ביים אויספּאַרטיקן די פערדישע געשפּאַ־נען פאַר די פּאָליעסער פּויערימלעך. ס'האָט מיך אָבער מיט אַ גרויסער בענקשאַפט, מיט עפּעס אַן אינסטינקט, אַז אַלץ גייט דאָ סיי ווי אונטער, געצויגן צו אַנטלויפן. די יוגנט האָט מיך באַצייטנס פאַרכאַפּט, מיטן העראָאיזם, מיט די שיינע אידעאַלן פון די „זינגענדיקע מאָרגנס", און כ'בין טאַקע אינגיכן אַריינגעפאַלן אין די לאַפּעס פון דער מערדערישער פּוילישער פּאָליציי, פאַרזוכט קלעפּ אין דער דעפענסיווע. אין אונזערע געגנטן, אויף די קרעסן, איז דער פּויליש־פאַשיסטישער רעזשים געווען באַזונדערס פאַרשאַרפט. ווען כ'בין אַרויס פון זייערע לאַפּעס, האָב איך זיך אַליין איינמאָל אַ זאָג געטון: אָפּטראָגן זיך פון דאַנען! ווי שלעכט ס'זאָל מיר נישט זיין אין דער פרעמד, וועט מיר אַלץ בעסער זיין ווי אין דער אומעטיקער, פּוסט־געוואָ־רענער היים.

„איבער די הילכיקע ברוקן"

ביז כ'האָב זיך אין אַ נאָך־סוכות אויפגעכאַפּט און איבערגעלאָזן אַלע מייניקע, צווישן די שאַרפע צוגווינטן פון יענע ערב־יאָרן. ס'האָט מיר געטראָגן אין דער וועלט אַריין, אויפן הפקר. ס'ברענט נאָך עד היום אין מיין געמיט דער אומעטיק־פאַרטראָגענער בליק פון קליינעם, פרי גרוי געוואָרענעם טאַטן. עפּעס האָט ער אָוודאי בחוש דערפילט, אַז כ'דאַרף פאַרשווינדן, ווייל קיין שום גוטס האָבן מיר דאָ נישט צו דערוואַרטן, און — אַז מ'זעט זיך אפשר צום לעצטן מאָל. מיט אַזאַ פאַרביסענעם באַשלוס האָב איך זיך לאַנג אַרומגעטראָגן, אין דערשטיקטן, אוממעכ־טיקן צאָרן אויף זיך אַליין. איך האָב צום לעצטן מאָל איבערגעלאָזן די צערודערטע, הפקרע היים, פאַרברענט אַלע בריקן הינטער זיך, קיינמאָל מער נישט אומצוקערן אַהין. אַלץ, וואָס דאָרט איז פאַרבליבן הינטער מיר, האָב איך דערפילט, איז — אונטערגאַנג.

אין רעגנדיקן נאָך־סוכות, אין יאָר 1931, האָב איך צום לעצטן מאָל אַ נעם געטון דאָס צעשטויסענע וואַליזקעלע מיט די פּאָר העמדער און געלאָזן זיך אויף גאָטס באַראָט, צום כרך וואַרשע. ס׳האָט געברענט אין מיר אַן אומבאַוווּסט הייליק פייער. די פּאָר צעשאָטענע כתבים זענען געלעגן אויפן דעק פון מיין קויבערל. כ׳האָב אָבער געפילט, אַז ס׳איז נאָך נישט דאָס, וואָס כ׳וויל אויסשרייען פון זיך; אַז ווייט פון דער היים, וועל איך אפשר בעסער דערזען און דערפילן דאָס אַלץ, וואָס ברענט אין מיין געמיט. אַ גאַנצע נאַכט געשאָקלט זיך פאַרביי יידישע שטעטלעך, אויף יענער זייט בוג, איז דער גרויער אויטאָבוס פאַרטאָג געקומען אָנצופאָרן אין אַ גרויסן, טומלדיקן אכסניה־הויף, ערגעץ אויף באַניפראַטן, אַרום מוראַנאָוו. אין איינציקן אַדרעס האָב איך פאַרמאָגט: טלאָמאַצקע 13, און דאָרט — מיין לאַנדסמאַן, דער יונגער דיכטער יצחק פערלאָוו. ער איז שוין דאָרט געווען אַ שטיקל תושב, פאַרעפנטלעכט זיינע לירישע לידער פון אויסוועגלאָזיקייט און אומעט, שטאָלץ געהונגערט און שטאָלץ געטראָגן זיין לייבן־שעוועליורע, ס׳פייקעלע צווישן די ליפּן.

ס׳איז אַרום געווען דעקאַדענץ און — אויפבראַז, קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ און פאַר אַ ניי לעבן, עקאָנאָמישער אונטערגאַנג. קיין שום אויסוועג איז נישט גע־ווען צו זען. און איך בין אַוועק, צוזאַמען מיט אַלע פון מיין דור, „איבער די היל־כיקע ברוקן״, צו די געדיכטע יידישע אַרבעטער־בערזעס, צו די פראָפ. פאַראיינען, וווּ מ׳האָט געזוכט אַ טאָג אַרבעט, צו די אומלעגאַלע אויסגאַבן, אויף די געהיימע צוזאַמענטרעפן, ערגעץ וווּ אין אַ שטרענג אָפּגעשלאָסן הויז, אין אַ פּאַציאַטקע. יענער דור איז קנאַפּ אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין אונזער ליטעראַטור, אין טרויעריקן גאַנג פון פּוילישן יידנטום. די עפּאָכע ברענט מיט אַ הייליק פייער אין אונזער גע־דעכעניש. איך ווייס נישט, צי אַלע יזכור־ביכער וועלן אויפשטעלן דאָס עקזאַקטע בילד פון יענעם דור — דאָס שווערע געמיט, די בלענדיקע פאַרבן, די איידעלע אַראָמאַטן, דעם העראָאיזם פון די, וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען און אומגעקו־מען אין אַלע שלאַכטן. אַלע יוגנט־פריידן זענען זיי פאַרווערט געווען. שוואַרצע, געקרייזלטע קעפּ, ווילדע שעוועליורעס, פאַרטייעטע בליקן, שאַרפע, הונגעריקע קינען.

אין ליטעראַטן־פאַראיין, אויף טלאָמאַצקע 13, האָבן מיר זיך, די טראַציקע חברה, אַ רעוואָלטירטע, געשאַרט אין די ווינקעלעך, פאַרקליבן זיך אין זייטיקע, האַלב־פינצטערן צימער. דאָרט האָט מען געלייענט איינער פאַרן אַנדערן פון די צעשאָטענע בלעטלעך, אַריינגעטייטשט אין אַ ליד, אין אַ דערציילונג, אין אַן אַר־טיקל, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער האַלב־לעגאַלער „ליטעראַרישע טריבונע״. אַ פלעיאַדע יונגע שרייבער, צווישן זיי — קלמן ליס, בינעם העלער, משה שולשטיין, משה קנאַפּהייס, דוד מיצמאַכער, הערץ בערגנער, כלאַוונע קאַגאַן, דוד ספאַרד, בערל מאַרק, שמואל זאַראַמב. מ׳האָט זיך געטיילט מיט אַ סיגאַרעטל, מיט אַ פּאָר צי, הונגעריק איינגעשלונגען דעם רויך. אַלע האָבן זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך מיט זייער ניי, שטורעמדיק וואָרט פאַר דער דזשיקע גאַס, פאַרן מוראַנאָווער ראַ־יאָן, דעם באַרימטן „מורדזשיעל״. דער מאַסן־לייענער, דער צוהערער אונזערער איז

געווען אַ יונגער, אַן ענטוזיאַסטישער. ער האָט געפּאַדערט עפּעס נייס פון דער ליטעראַטור. אַט די פּאַראויסלויפּערישקייט אונזערע איז דערנאָך פאַרשריגן גע־וואָרן אומגערעכט. משה שולשטיינס באַרימט ליד „צוגן" האָט אויפגעשטורעמט אַ יונגן דור צו טאַט, געמאַכט געשיכטע.

ווייל אויך דער גאַנצער צווישן־מלחמהדיקער דור יידישע שרייבער אין פּוילן איז, דירעקט, אָדער אומדירעקט, געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון די הייסע רעוואָלוציע־ווינטן, פונקט ווי פון די פרילינג־ווינטן פון אונזער יידיש־וועלטלעכן רענעסאַנס. ס'איז געווען די קורצע איבערגאַנג־עפּאָכע פון גרויסע אידייען און פון טיפן יערן אין אַלטן, פּאַטריאַרכאַל־צעטרייסלטן יידישן לעבנס־שטייגער. נישט לאַנג האָט עס געדויערט, ביז דער דור איז טרויעריק פאַרשניטן געוואָרן, ער האָט אָבער געלאָזן טיפע שפּורן אין אונזער גייסטיקן שאַפן.

אין אַזאַ צייט איז די גרופּע שרייבער געקומען, אָנגעלאָדן מיטן מעכטיקן רעוואָלוציאָנערן צייט־גייסט. דער שרייבער מיט געוויסן האָט געפילט פאַר זיין חוב אַרויסצופירן די קלאַסן־קאָנפליקטן. פאַרשטייט זיך, אַז זייער אידעאָלאָגישער קער איז צוערשט געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון אימפּעטיקן גאַנג פון דער יידיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור. די יונגע יידישע דיכטונג אין פּוילן, אַזוי אויך די פּראָזע, האָט זיך אָנגעגורט מיט סאָציאַלער צילגעווענדטקייט, אָבער גלייכצייטיק מיט נייער, הויכער קינסטלערישער געשטאַלטונג. זייער אויסגעשריי פון סאָציאַלן יושר, איז געקומען וואָרענען און וועקן. זיי זענען געקומען מיט זייער ניי וואָרט אין די האַלב־לעגאַלע צייטשריפטן: „ליטעראַרישע טריבונע", „שריפטן", „דער פריינד"; אויסגאַבן, וואָס האָבן אָפט געטוישט די נעמען, ווייל זיי זענען אָפט קאָנ־פיסקירט געוואָרן.

אין דעם בוך „קשיענגאַ ווספּאָמניען" (בוך פון זכרונות), דערשינען אין פאַר־לאַג „טשיטעלניק", אין פּויליש, וואַרשע 1960, שרייבט דער פרי־פאַרשטאָרבענער היסטאָריקער און ליטעראַטור־פאָרשער בערל מאַרק:

„אונזער גרופּע, וואָס האָט וואָס אַמאָל מער אויסגעברייטערט אירע רייען און איז באַקאַנט געוואָרן ווי די גרופּע רעוואָלוציאָנערע שרייבער, האָט זיך געהאַלטן אין די יאָרן 1931־1934 אַרום דעם ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל „ליטעראַרישע טריבונע", וועלכע האָט געשפּילט אַן ערנסטע ראָל אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור אין פּוילן אין די 20 יאָר צווישן ביידע וועלט־מלחמות. די „ליטע־ראַרישע טריבונע" איז געווען דער אָרגאַן פון דער גרופּע רעוואָלוציאָנערע יידישע שרייבער. דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע איז געווען איזאַק דייטשער. נאָך דעם ווי דייטשער האָט זיך פאַרבונדן מיטן טראָצקיזם, איז ער באַזייטיקט געוואָרן. ביי די טישלעך אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13 פלעגט מען אַרומרעדן פּראָבלעמען פון ליטעראַטור, מען פלעגט לייענען נייע ווערק. צווישן די פּראָזאַאיקער פון אונזער גרופּע האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, פון דער ערשטער מינוט, ווען ער האָט זיך באַוויזן אין וואַרשע, דער יונגער בנימין שלעווין פון בריסק. ער האָט אין דער הויפּט־שטאָט געפירט אַן אומלעגאַל לעבן, זיך אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי, וואָס האָט אים פאַרפאָלגט. מערקווירדיק איז

קודם כל געווען דער פאַקט, אַז דער שוואַך־געבויטער, דעליקאַטער יונגער מענטש, אַ וויניק־באַרעדעוודיקער, רואיקער און גלייכוווערטיקער, האָט געהאַט היגטער זיך ביטערע, שטורמישע איבערלעבונגען. ער איז געווען אַ לעבעדיקער עכאָ פון פויערי־שע אויפשטאַנדן, פאַציפיקאַציעס און פאָגראָמען אויף די קרעסן.

„נאָך זיינע ביכער דערציילונגען „צווישן ווענט", „גרויע פּראָפּילן", האָט דער ערשטער ראָמאַן שלעווינס, „דער מאַרש אויף בריסק", געוועבט אויפן פאָן פון די קאַמפן אין פּאָלעסיע אין די סוף־צוואַנציקער יאָרן, אונז אַלע פאַרכאַפּט מיט די אויסערגעוויינלעכע פּלאַסטיש געצייכנטע, פּסיכאָלאָגישע בילדער און העלדן, פול מיט קרעפטיקע באַשרייבונגען פון געזעלשאַפטלעכע קאַמפן. אויך אין דעם ראָמאַן, ווי אין די נאָוועלן פון זיין וואַרשעווער פעריאָד, האָט שלעווין זיך אַרויסגעוויזן מיט דעם עכטן אויפכאַפּן די שטימונג פון דער צעפאַלנדיקער קאַפּיטאַליסטישער סביבה און פון נייע עלעמענטן, וואָס ווערן געבוירן אין ווייטיקן און ראַנגלענישן. שלעווינס ווערק, מיט אַ שטאַרקן אַקצענט פון טראַגיזם, זענען געווען אַ קאָנטראַסט מיט אַנדערע פּראָזע־שרייבער פון דער גרופּע. מיר האָבן זיך אָפט געקריגט מיט שלעווינען, אים פירגעוואָרפן נאַטוראַליזם, און אַ טענדענץ צו פאַרצייכענען פּרטים, וואָס זענען נישט שטענדיק כאַראַקטעריסטיש. די שמועסן פלעגן זיך אָפט פאַר־וואַנדלען אין ערנסטע דיסקוסיעס איבערן תוך פון נאַטוראַליזם".

ווען ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע מאָגערע ביכלעך אונזערע, ווען ס'איז דערשינען דער יובל־נומער פון דער „ליטעראַרישע טריבונע" איז אַרום ניי־יאָר, געדענק איך, געפּראַוועט געוואָרן אַ געהיימע ליאַמע אין אַן אַפּגעשלאָסענער דירה, ערגעץ אין אַ הויף אויף דער נאָוואָליפּקי. ס'איז געווען אַן אַטמאָספער פון הויכן ענטוזיאַזם. צווישן ענג־באַזעצטן עולם שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן דער פּראָפיל פון בערל מאַרק. זיין שעוועליורע, דער טיפער שטערן, איז שוין געווען טיף איינ־געביסן. די בלאָנדלעכע האָר — פאַרוואָרפן אין אַ זייט. אין זיינע רייד וועגן די דערשינענע ביכער איז געווען נישט בלויז טיפער אַנאַליז פון דעמאָלט שאַרף־אויס־געשריגענעם „סאָציאַליסטישן רעאַליזם", נאָר אויך צער פון דער יידישער רעאַלי־טעט, וואָס דאַרף אָפּגעשפּיגלט ווערן אין אונזער שאַפן; ווייל מיר האָבן נאָך דע־מאָלט היפּש געבלאָנדזשעט. אין דער דיכטונג איז עס געווען אַ כּך לייכטער. דעם מוסטער פון דער סאָוויעטיש־יידישער דיכטונג איז לייכט געווען איבערצוטראָגן אויף אונזער ווירקלעכקייט אין פּוילן; דעם האַסטיקן ריטם פון דעמאָנסטראַציעס, פון לאָזונגען. ווי האָט זיך דאָרט איינער, אַ שטיקל ציניקער, דעמאָלט געהאַט אויסגעדריקט : „מיט איין וואָרט, מען שעלט דער בורזשואַזיע, דעם פאַשיזם — אין גראַמען"... אין דער פּראָזע איז עס געווען אַביסל שווערלעכער. מ'האָט באַ־דאַרפט אַוועק פון דעם פאַרשריגענעם „בירגערלעכן" נוסח, אויסטרעטן נייע וועגן צום נייעם טיפּאַזש, צו די נייע פּראָבלעמען, זוכן נייע אויסדרוק־מיטלען.

און מאָדנע, כ'בין מיט יאָרן שפּעטער געקומען צו כּמעט ענלעכע אויספירן, ווי דעמאָלט. ווייל מיר האָבן היינט דאָס שווערע געפיל, אַז אַלץ ביי אונז איז דער־פירט געוואָרן ביז — אַבסורד. און דאָך ברענט אין אונז אַ הייסער פאַרלאַנג צו שרייבן קלוגע פּראָזע, מיט אַ שיין פון פאָלקישן הומאָר, מיט אויסגעאיידלטן פּעסי־

מיזם. אַלטע ליטעראַרישע פאָרמען לעבן זיך אויך איבער. זיי זענען אויפגעקומען אין אַנדערע דורות, צוגעפּאַסט צו זייער דעמלטיקן לאַנגזאַמען לעבנס־ריטם. קינסטלעך־אויפגעבויטע און צוגעשניטענע ראָמאַן־סיוזשעטן זענען, אַז מען טראַכט זיי גוט אַדורך, ווייניקער לאָגיש, ווי אַפּט, דוכט זיך, אָפּגעריסענע פאַקטן, שאַרפע שאַטירונגען, מאָמענטאַלע מענטשלעכע איבערלעבענישן, פאַרצייכנט בליצאַרטיק; זיי האָבן אָבער אַ טיפערע אינערלעכע שייכות. אין דער אַטמאָספער, קלימאַט, אידייע. אונזער וועלט איז היינט פאַרפלייצט פון אַ מבול סתם ראָמאַנען, מיט אויס־געקליגלטע סיוזשעטן, אָנצוציען די נערוון פון לייענער. מען לייענט זיי און מען פאַרגעסט זיי שנעל. אין דער עקספּערימענטאַלער עפּאָכע, פול מיט אומגעדולד, בפרט פון אונזער יידישער צייט, מוז מען אפשר רעדן גיכער מיט בלויז סימבאָלן. מיר דוכט זיך, אַז מען קען נישט מער שרייבן מיט דער אָפּטימיסטישער זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט, ווי מען האָט געשריבן ביז איצט. איך עקספּערימענטיר מיט פאָרמען. אין אַנבליק פון אונזער קורץ־אָטעמדיק יידיש לעבן, אָפּעליר איך נישט בלויז מיטן אָפּגעזעצטן לעבנס־שטייגער, וואָס איז צערונען פאַר אונזערע אויגן, נאָר מיט אַן אַקטועלן שטאָף, וואָס בריט ממש די פינגער. ס׳איז נישט סתם פעסי־מיזם, אומגלויבן אין אונזער עקזיסטענץ, אין אונזער גייסטיקן שאַפן, וואָס איז אייביק, נאָר אַ רעאַלער בליק אויף אונזער מערכה, אין קעגנזאַץ צו אַ געוויסן הורא־אָפּטימיזם.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ דור פריער זענען געווען יידישע שרייבער, וואָס אויך זיי האָבן אָפּערירט מיטן הייסן שטאָף, וואָס איז נאָך נישט געווען אָפּגעזעצט. מאָדנע, די צייט האָט זיי גאָרנישט פאַרעלטערט. לאָמעד שאַפּיראָ געהער אָן שום ספק צו די בלייבנדיקע אין אונזער ליטעראַטור. אַזאַ פּרעציזער, זינגענדיקער סטיל, אַזאַ מאָנומענטאַל אויסהאַמערן און דורכלויכטן דעם מענטש, אַזאַ צמצום. געליי־טערטער פעסימיזם און — הויכע אמונה. הינטער די שורות קוקט אַרויס אַ חכם. אָט שרייבט ער אין זיינע אָנגעוואָרפענע נאָטיצן: „ער פליסט זיך אָנצוכאַפּן די קעגנוואָרט ביי די האָר. מיר האָבן שוין געַנוג געהאַט אין דער פאַרגאַנגענהייט פון דער „אָפּגעזעצטקייט”; פאַקט דעם איצט, ווי אין ליכט פון אַ בליץ”.

אויפפאַסן די ווירקלעכקייט, אין דער צייט, ווען מיר לעבן „אויפן שאַרף פון אַ מעסער” — דאָס איז אונזער פּראָבלעם. ד. ה. אָפּערירן מיט הייסן שטאָף, וואָס איז נאָך נישט אָפּגעזעצט. אָבער ווי אַזוי פאָרמירן עס אין אַ קינסטלעריש־געליי־טערטער פאָרם? איך בייס זיך אָפּ די פינגער מיטן הייסן חומר, וואָס שטורעמט אַרום אונז. פיקסירן דעם היינט, איז די פּאָעזיע פון גרויען אינדערוואָכן, פון דעם גרויען מאַנטיק אין דער פרי. מען שרייבט ביי אונז מיט עפּעס אַ פאַרעלטערטער אינערציע, וואָס האָט מער קיין שייכות נישט מיט דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט. איך פיל אָבער, אַז די דראַמע פון אונזער היינט דאַרף שוין, באַלד פיקסירט ווערן. אַ לעבעדיקע ליטעראַטור רעאַגירט אויף די לעבעדיקע פּראָבלעמען פון פאָלק. אָבער עס פעלט דער וואַרעמער שווונג פון פאָלק, וואָס זאָל אויפנעמען און צוהערן זיך צו אונזער וואָרט. דאָס מאַכט אונז איינזאַם. און אפשר איז אונזער וואָרט גע־

װענדעט צו די, װאָס זענען נאָך נישט געבוירן געװאָרן ? אין דעם גופא ליגט אונזער נישט־געשטילטער אָפּטימיזם.

כ'האָב שוין אין יענע יאָרן געהאַט דאָס שאַרפע געפיל פון איילִיקייט, װי נישט צו פאַרשפּעטיקן. איך האָב זיך שטאַרק געמאַטערט, געשניצט, געפיילט יעדעס װאָרט, יעדע פראַזע. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט, אַז װאָס ס'געשעט ביי אונז נעכטן, רינט באַלד אויס. אָבער װי אַזוי פאַרמירן הייסע לאַװע אין גזעצטע, סאָלידע באַ־שטענדיקע באַשרייבערישע פראַזע ? ס'האָט זיך געפאָדערט האַרעװאַניע, ס'זאָל פאַרשװינדן דער סימן פון כראָניק. ביזן היינטיקן טאָג פאַרפּאַטשקע איך יעדעס בלעטל מיט אָנמערקונגען, מאָך עטלעכע װאַריאַנטן, ביז עס הייבט מיר אַליין אָן קוים צו געפעלן. נאָר צומאַרגנס פאַרפּאַטשקע איך װידער דעם לעצטן װאַריאַנט און בלייב אומצופרידן. כ'װאָלט נאָך היינט אַלץ איבערגעאַרבעט דאָס אָנגעשריבענע מיט יאָרן צוריק.

אין זייטיקן, פינצטערלעכן צימער פון ליטעראַטן־פאַראיין בין איך אָפּגעלעגן אין די באַגינענס, װען קיינער איז נאָך נישט געװען. דאָרט איז געװען מיין אַרבעט־װאַרשטאַט. דאָרט האָב איך געפּלאָטערט מיטן רוח הקודש. דאָרט האָט מיר איינמאָל, אַ פאַרבלענדטער איבער די בלעטלעך, געפונען דער דיכטער ישראל אַשענדאָרף, װען ער האָט זיך אַמאָל אַראָפּגעכאַפּט פון לעמבערג קיין װאַרשע. ער האָט באַטראַכט מיין בלייכקייט, מיין אָפּגעלאָזענעם הולך. ער איז אַװעק און איז צוריקגעקומען מיט אַ קליין פּעקעלע אונטערן אָרעם, און האָט עס מיר דערלאַנגט. ס'איז געװען אַ פאַר־לאַטעט, אָבער אַ ריין העמד, װאָס די מאַמע זיינע האָט אים מסתמא מיטגעגעבן. ער האָט מיר דאָס העמד געשענקט מיט אַזאַ האַרציקייט, אַז טרערן זענען מיר געשטאַנען אין די אויגן.

איך האָב זיך אַרויסגעריסן פון פינצטערן חדרל און בין געלאָפן צו דער פרילינגדיקער גאַס. די יונגע פּיס האָבן מיך געטראָגן, פריי און הפקר. מ'האָט זיך געװאַלגערט אויף די אָפּגעדונגענע בעטלעך, אין אַ קיך, ביים זלעװ, אויף דער דזשיקע, אויף מילע, אויפן מוראַנאָװ. כ'האָב אָפילו נישט איין מאָל גענעכטיקט אויף די האַרטע שטולן אין ליטעראַטן־פאַראיין, פאַרשטעקט אין אַ װינקל, װען ז. סעגאַלאָװיטש, דר. גאָטליב און הערשל הימלפאַרב האָבן דאָרט ביז שפּעט גע־שפּילט אין קאָרטן, געקאָכט זיך ביי אַ פאַרטיע שאָך, אָדער אין הייסע דיסקוסיעס. אין די הייסע, מיט־זומערדיקע טעג זענען מיר אָפּגעלעגן אויף דער װילדער פּלאַזשע, ביי די זאַמדיקע װייסל־ברעגן, הונגעריקע, אָבער מיט אַ יונגן געלעכטער.

כ'האָב געזען אין אַ פרײען באַגינען, װי אונזער גרויסער נעאָ־קלאַסיקער י. מ. װייסענבערג האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן לאַנגן, פּוסטן זאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין, אַ פאַרמוחטער. ער איז געװען ריינלעך אָנגעטון, כאָטש אין אַן אויסגע־גלאַנצטן שװאַרצן אָנצוג, מיט אַ שלייפעלע ביים האַלדז, אַ װייס שאַליקל. ער איז זייער פרי אַרויפגעקומען, צוגעזעצט זיך איינער אַליין ביי אַ װייט טישל, אַן איינ־זאַמער; אויפגעװיקלט פון אַ פּאַפּיר אַרויס אַ שטיקל שװאַרץ ברויט און אַ שטיקל װורשט. זיינע שאַרפע קינען, האָב איך געזען, האָבן זיך באַװעגט ביים קייען דאָס האַרטע, שװאַרצע ברויט. ער האָט עס געשניטן, װי אַ פּויער, מיט אַ טאַשן־מעסערל.

ער האָט מיר איינמאָל געבראַכט די בלעטלעך פון זיין פאַרלוירן געוואָרן בוך „אין דער טיפער אייביקייט", כ'זאָל עס איבערשרייבן אויף אַ מאַשין. כ'האָב עס געטון מיט אַ הייליקן ציטער.

ס'האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט דער דיכטער און גייסטרייכער עסייאיסט ישראל שטערן, אַן אַפּגעלאָזענער, אַ נישט־געגאָלטער, אין צעדרייטע שיך, און גע־שלונגען מיט הונגעריקע אויגן די געשמאַקע מאכלים, וואָס זענען געלעגן אונטער גלאָז אין בופעט. לעאָ פינקלשטיין, דער ערנסטער ליטעראַטור־קריטיקער און עסיי־איסט, אַן אָנגעשטעלטער אין דער וואַרשעווער גמינע, האָט שטילערהייט, ממש פּאַטערלעך, געזאָרגט פאַר די הונגעריקע שרייבער. פון דער וואַרשעווער קהילה זע־נען צוגעטיילט געוואָרן באַנעס אויף מיטאָגן אין דער קהילה־קיך אויף לעשנע 70. שמעון האָראָנטשיק איז, ווי אַ ייד פון דער טיפער פּראָווינץ, אַרויפגעקומען אין פאַראיין מיט אַ קויבערל אין האַנט. סיי זיין לשון, סיי זיינע ביכער, זענען געווען — אונזער געדיכטע, פאָלקסטימלעכע יידישע פּראָווינץ. דער פּיקח אין די גלאַנציקע שטיוועלעך, מיט אַ רויטן שאַרף פאַרוואָרפן אַרום האַלדז, אפרים קאַגאַנאָווסקי, האָט דאָרט וועגן אים אַ זאָג געטון : „אַ ליטעראַטור באַדאַרף צו האָבן אַזעלכע פאָלקסטימלעכע שרייבער, ווי האָראָנטשיק".

עפּעס אויסשרייען פון זיך — דאָס איז געווען דער אינסטינקט, וואָס האָט בלינד געפירט אונזער פעדער. מיר האָבן זיך דעמאָלט מאָדנע געוווּנדערט — מיט וואָס פאַר פּראָבלעמען פאַרנעמען זיך די שרייבער ביי די אומות העולם ? ליבע... סתם בענקשאַפט... ווייל אונזער יוגנטלעכע ליבע איז געווען „אויפן הפקר פון ווינט", ווי בינעם העלער האָט עס אַזוי שיין, פול מיט וויטיק אויסגעזונגען אין זיין פּאָעמע. ס'איז געווען אַזאַ גרויס, הייליק געפיל, אַ שיכרות, וואָס האָט אונז אַלעמען געטראָגן. אין זעלטענע מינוטן, ווען ס'קומט צוריק עפּעס פון יענעם אַראָמאַט, פיל איך אַט דעם פליגל־געפאָך איבער מיר.

אַט זיצן מיר, הונגעריקע, פאַרוואָקסענע, אין קלוב ביי אַ טישל. אַ פּאַפּיראָס גייט פון מויל צו מויל. עפּעס שותפותדיקס, אַ געמיינזאַמער גורל און גלויבן. דער שאָטן פון פּרצן האָט נאָך דאָ ערגעץ געהויערט אַרום אונז. ס'איז געווען אַ גליק־לעכער געמיש פון שוואַרץ ברויט מיט קאַרטאָפל, מיט הויכער יידישער גייסטי־קייט. ס'איז געווען אַלץ פאַר אַמאָל — די רעליגיעזע פּשטות אין דער אמונה פון יידישן פאַכטער, פון תהילים־ייד, צוזאַמען מיטן ייד, וואָס האָט אויפגעהויבן די פאָן פון פרייהייט, געקעמפט אויף אַלע באַריקאַדן. אַש, אַפּאַטאָשו, פּערלע, זינגער, באַ־שעוויס און ישראל שטערן — אַלע זענען זיי געקומען פון דער גרויסער אָרעמקייט און הויכער גייסטיקייט, פול מיט פאַרבאָרגענע זאַפטן.

דער פּילגרימען־מאַרש

די קליינע פּראָווינצער מיידלעך מיט די צעשטאָכענע פינגער ביי דער בייערי אין די שניידער־וואַרשטאַטן, מיט די איידל־געצייכנטע ליפּן, מיט דער יונגער

ברוסט, צווישן קינד און פרוי; זייער גלעקלדיק לאַכן הילכט נאָך דאָ ערגעצווו, ווי פון זייער ווייט. ס׳איז געווען אַזאַ איידעלער טוי אין פאַרשעמטן, שמייכלענדיקן בליק זייערן. איך פיל נאָך אַרום האַלדז אירע דינע, וואַרעמע הענטלעך און איך שפיר נאָך דעם זיסן אַראָמאַט פון אירע קרויזיקע האָר. מ׳האָט זיך אין די פאַר־נאַכטן געפירט איבער די וואַרשעווער גאַסן, פאַר די הענט, ווי די קינדער. מיר האָבן געזוכט ערגעץ ווו צו אַנטרינען אין אַ שטיל ווינקל, אויסער דער שטאָט. ווייל די וועלט אַרום אונז איז געווען אַ פיינטלעכע, אַ דראָענדיקע, פול מיט געפאַרן. זי האָט אונז נישט פאַרגינען דאָס ביסעלע ערדישע גליק. זי האָט אונזער יונגשאַפט אויסגעלאַכט, פאַרשפּאָט. מיר האָבן נישט קיין רעכט געהאַט יונג צו זיין, נישט צו אָטעמען דעם פרישן פרילינג־ווינט, נישט צו פאַרדינען דאָס אָרעמע שטיקל ברויט.

מיר זענען אַוועק דורך די קרומע הינטערגאַסן, צו די פרייע, הפקרדיקע פאַרשטאָט־פּלאַנטן, נאָנט ביים הויכן אַראָפּגאַנג צו דער ווייסל. דאָרט האָט מען גע־קענט געפינען אַן אָפּגעפוילטע באַנק צווישן קוסטן. עס זענען געשוווּמען פאַרטראָ־גענע רויכן פון די הינטערשטאָטישע באַנען. ס׳האָבן זיך אַרומגעיאָגט הינט און בלאָנדע, בלוי־אויגיקע יינגלעך, זאַמד־שקאָצים. איך האָב פעסטער געדריקט איר קליין, וואַרעם הענטל. אַפילו אין דער שרעק, זענען מיר געווען קינדעריש־איניק, אומגליקלעך.

דאָס אַלץ שווימט אַרויס ווי פון אַן אַנדער רעאַליטעט, וואָס האָט אפשר קיינ־מאָל נישט עקזיסטירט. דער פייערלעכער „פּילגרימען־מאַרש״ פון „טאַנהויזער״ איז מיר לאַנג נאָכגעגאַנגען, אין יענעם זיסן פלאַטער, צווישן שטילן, פאַרכטיקן רויש פון די סאָסנע־קרוינען אין די פרילינגדיקע אָטוואָצקער וועלדער. כ׳האָב זיך איינמאָל, ווען די אויפגעוואַכטע נאַטור האָט אַ רוף געטון, געהאַט אַראָפּגעכאַפּט זיך אויף דער „ליניע״. „קום — האָט מיר ס׳קליינע, זיסע מיידל אַ פליסטער־געטון, באַלד נאָכן קאָנצערט אין דער פילהאַרמאָניע — כ׳וועל וואַרטן אויף דיר״... די פאַררויכערטע קאַלייקע האָט מיר געבראַכט צום קליינעם וואָקזאַל. דער פרילינג־דיקער ווינט האָט מיר דורכגענומען, האָט אין מיינע אויערן אַנגעווייעט די ווייטע מעלאָדיע, דעם „פּילגרימען־מאַרש״, פון די צפונדיקע וויקינגען, און האָט זיך איבערגעגעבן אין שטילן רויש פון ווינט צווישן די ביימער־שפּיצן. מיט אַ פאַר־שטאַרבן האַרץ האָב איך לאַנג געוואַרט, ביז דאָס קליינע מיידל מיט דער קראַנקער ראָזיקייט אין די באַקן, איז אַרונטערגעקומען פון דער הילצערנע שטיג אין גאָרנ־דיקן הייזל. זי איז דאָרט געווען אין אַ סאַנאַטאָריע. די קליינע איז שוין אַוודאי גע־ווען פאַרמשפּט. זי איז אַ ווײלע שטיינגעבליבן ביים גאָרטן־טירל, איינגעוויקלט אינם שאַלעכל, אַרומגעקוקט זיך, ווי אַ דערשראָקן העזל; ביז זי האָט אַ לויף גע־געבן צו מיר.

מיט דער ביימערדיקער גאַס זענען מיר אַוועק מיט דער אויסגעטראָ־טענער סטעזשקע, אַרויף, צו די פרייערע וואַלדיקע שטחים. כ׳האָב לייכט אַרומ־גענומען איר דינע, איידעלע טאַליע און געפילט ווי ס׳גיט זיך מיר איבער אַ שטומער, זיסער פלאַטער. ערשט דערנאָך זענען מיר צוגעפאַלן צו איינאַנדער. כ׳האָב געקושט אירע פולע, וואַרעמע ליפּן.

כ׳בין אין יענעם פרילינג פאַרליבט געווען אין אַלע קליינע מיידלעך פון דער דזשיקע גאַס. דער „פּילגרימען־מאַרש״... „פּער גינט״... „לאָהענגרין״... און כ׳האָב זיך נאָך אַמאָל דערמאָנט, ווי מיר זענען געזעסן צוזאַמען מיט דער מוטיקער, ראָמאַנטיש־פאַרדבקהטער חברה אויף דער פול־געפּאַקטער גאַלעריע, אויף די זונטיקדיקע פרימאָרגן־קאָנצערטן אין דער פילהאַמאָניע, פאַר די אָפּגעשפּאָרטע 50 גראָשן. מיר זענען ווייט געווען פון יידישן תחום. מיר האָבן פאַרגאַפט אַרונטערגעקוקט צום האַלב־רונדן היכל. דער זאַל איז באַזעצט געווען מיט אַ ים קעפּ, אין עפּעס אַ מין קלויסטער־שטילקייט; ביז די קורטינע האָט זיך געשפּאָלטן, ביז די זיסע מעלאָדיעס פון אָרקעסטער האָבן, צוערשט מיט אַ ברומען, גענומען אַרויסכישופן די טענער פון „פּילגרימען־מאַרש״.

ס׳איז געווען די ווייטע, זיסע יוגנט־צייט, ווען מ׳איז געשוווּמען אין הוילער פּאָעזיע. ס׳האָבן „געדרוישט די סאָסנעס אויף די בערג־שפּיצן״ פון „האַלקאַ״, פון מאָניושקאָ. ס׳האָט זיך געצויגן די פּראָצעסיע, דער לאַנגזאַמער, פייערלעכער פּילגרימען־מאַרש פון וואַגנער. סלאַווישע, גערמאַנישע, אייראָפּעאישע קולטור... דאָס איז געווען דער הויכער באַגריף אין יענע נאַיווע יאָרן. מיר האָבן אַלע געלעבט דאָס לעצטע פערטל שעה פון פּוילישן יידנטום, אונטער די שיינע, בלויע, אומברחמנותדיקע הימלען פונם לאַנד, וואָס מיר האָבן געמיינט, אַז ס׳איז אונזער היים. דאָס האַרץ האָט מיטגעפלאַטערט. ס׳איז לייכט געווען צו שפּרייזן און צו שפּאַנען איבער די האַרטע ברוק־שטיינער, ווען מ׳האָט זיך צוריקגעקערט צו די פאַרחושכטע יידישע גאַסן און געסלעך, צווישן די געדיכטע פאַראיין־בערזעס אויף די ראָגן, צו די פּלוצים־אויסגעוואַקסענע מאַסוווקעס, מיט דער רויטער פאָן אין היילקן פלאַטער אויף די טעלעגראַפן־דראָטן, איידער, ס׳איז, ווי אַ ווינט, אָנגעפלויגן די רייטער־פּאָליציי.

שפּעטלעך האָט מען געווייַנלעך געקלונגען אין נידעריקן טויער אויף דער מילע־גאַס. אין צווייטן הויף, אויפן הויכן גאָרן, האָבן מיר אין אַ פינצטער קיךווינקל געהאַט אָפּגעדונגען אַן אויפלייג־בעטל איבערצונעכטיקן. כ׳בין לאַנג אָפּגעלעגן אין דער פינצטער מיט אָפענע אויגן. „דער „פּילגרימען־מאַרש״ האָט נאָך לאַנג געקלונגען אין מיינע אויערן, אויסגעמישט מיטן פרילינגדיקן רויש פון די סאָסנעס אין די אָטוואָצקער וועלדער.

אין שיינעם חודש מאַי איז צווישן די ענגע מויערן געהאַט אָנגעפאַלן אַ חמימה; ערגעץ האָבן שוין געהאַט אויפגעשאָסן די בעז־הענגלעך. ס׳האָבן אויפגעפלאַמט די קנאָספּן אין אַ פוכיקן גרינעם צוויט; אָבער די וועלט פון לעבעדיקן גרינס, הויכע, פרייע רוימען איז געווען ווייט אַראָפּ, הינטערן ציטאַדעל, אויף די ווילדע פלאַנטן פון טראַוגוטאַ־פּאַרק. דאָרט האָט באַלד אין דער נידער אַ שיין געטון דער בלויער פאַס פון דער ווייסל. אויף יענער זייט ווייסל איז מען אין די מיט־זומערדיקע טעג אָפּגעלעגן אויף די זאַמדן פון דער „ווילדער״ פּלאַזשע. ס׳האָבן אין אַ ווייטן עכאָ געהילכט די שיינע, פאַרבענקטע לידער:

שיין איז דער ווייסל־ברעג.
אַ מיידל און אַ שטיקל הימל...

פאַרנאַכט האָט מען זיך צוריקגעקערט צו דער „היים", צום ליטעראַטן־פאַראיין. דאָס געדיכטע יידישע פאָלק איז דאָ פאַרביי און אַרויפגעקוקט צו דער שורה פענצטער אויפן ערשטן שטאָק ביים דורכפאָר צום פּשעיאַזד, מיט גרויס דרך ארץ און מיט אַן אומבאַשטימטער האָפענונג. דאָ, האָבן זיי געוווּסט, איז דער גייס־טיקער צענטער פון יידן אין פּוילן. דאָ איז דער צענטער פון דער פאַרצווייגטער יידישער פּרעסע, יידישע ליטעראַטור, יידישע קונסט, יידיש טעאַטער. אָבער אָנהייב דרייסיקער יאָרן האָט מען שוין גענומען פילן דעם פאַרסמטן ווינט פון האַרבסט אין אונזער צעטומלט יידיש לעבן. אָבער מאָדנע, די לופט אַרום אונז איז נאָך אַלץ געווען אָנגעפילט מיט פאַרפלאָמטער שעפערישער וויזיע, מיט גרויסע פאַרמעסטן. דאָס אילוזאָרישע „יידישלאַנד" איז געווען אונזער אויסגעדאַכטע טעריטאָריע. ס'איז שוין אָבער באַלד געווען דער סוף פונם האַסטיקן, קורצן קולטור־רענעסאַנס פון אונזער גרויסן, טראַגישן דור.

אין די נאָכמיטאָג־שעהן, אין שפּעטן שקיעה פון פאַרנאַכט, וואָס האָט זיך גע־לייגט אויף די גאָבעלינען פונם לאַנגן זאַל אין ליטעראַטן־פאַראיין, האָבן זיך גע־זאַמלט גרופּקעס, באַזעצט די טישלעך, אין הייסע רעדערייען — דיכטער, דער־ציילער, מאָלער, שוישפּילער, באַרימטע פּובליציסטן, פּאָליטיקער פון אַלערליי שיטות. ס'איז געווען אַ קליין אינזעלע, אַ שיף, וואָס איז געשווומען אויף ברויזנדי־קע, צעשטורעמטע וואַסערן, און ס'האָט זיך נישט געזען קיין רואיקער ברעג צו פאַראַנקערן. אויף וואָס האָבן דען די אַלע געהאָפט, לעבנדיק אין אַ פאַרמאַכט געטאָ־ווערטל, אַרומגערינגלט מיט ביטול און האַס פון די שכנים אונזערע, די פּאָליאַקן? דאָס זענען געווען קראַנקע טרוימער, אין דער מיט פון אַ ברוטאַלער וועלט, וואָס האָט שוין אין דער טיף געגורטעוועט מיט רציחה, אונז אַלעמען אויסצורייסן מיטן וואָרצל. מיר האָבן נאָך דעמאָלט טיף געגלויבט, אַז נאָר פון מזרח, ווו עס גייט אויף זון פון סאָציאַליזם, וועט קומען אונזער הילף.

דאָס הונגעריקע יונגוואַרג, וואָס האָט זיך געקליבן פאַרטייעט אין די ווינקע־לעך, האָט געשטורעמט מיט נייע אידייען און לאָזונגען, געשריבן פלאַקאַטן־לידער פאַר די יאַטן פון דער דזשיקע גאַס. זיי האָבן שטאָלץ געהונגערט, אויסגעבעטן איי־נער ביים אַנדערן אַ פּאָר צי פון אַ פּאַפּיראָסל. די אַלע שרייבער, וואָס האָבן געאַרבעט רעגולער אין דער פּרעסע, זענען געזעסן אַרום די טישלעך ביי אַ זעטיקן מאָלצייט. שפּעטלעך האָט בערלינסקי, דער לאָדזשער בעלעטריסט, געבעטן זיך מ'זאָל אים כאָטש שאַפן 10 גראַשן פאַרן טויער. אפרים קאַגאַנאָווסקי איז געקומען אַריינצושפּאַנען אין זיינע גלאַנציקע שטיוועלעך, דעם רויטן שאַרף אַרום האַלדז. ער האָט זיך געקליידט ווי אַ באַהעם, האָט אַלעמאָל געהאַלטן אין מיטן דערציילן עפּעס פון זיינע קאָמישע געשיכטעס פון אָדעס, ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן מלחמה־און רעוואָלוציע־צייט. יצחק באַשעוויס האָט ביי אַ טישל, צווישן דער באַנדע, גע־שאָטן מיט גלייכווערטלעך, אַריינזאָגעניש, נאָכגעמאַכט דעם און יענעם, מיט זיינע רייד און תנועות.ביידע האָבן זיי געהערט צו די סאָלידע שרייבער, רעאַליסטן־דערציילער. דאָס נאָסטאַלגישע, דאָס פאַרפירערישע אינם לעבן פון כמעט אַלע העלדן און פאַרשווינען קאַגאַנאָווסקי'ס שליסט זיך אָפּ ערגעץ אין דער נעפּלדיקער

ראָמאַנטיק פון „יענע יאָרן" אין אַמאָליקן וואַרשע. ער איז אַוודאי באַווירקט געװאָרן פון די פּוילישע און רוסישע קלאַסיקער, איבערהויפּט פון טשעכאָוון. פון דאָרט האָט ער געבּרענגט מוסטערן, צו מאָדעלירן כאַראַקטערן, דער עיקר פונם יורדישן יידישן מיטלבירגער. ער האָט שוין דעמאָלט שאַרף דערזען די צעפאַלונג פון אַלטן יידישן שטייגער. אַפילו דאָס סטאַוקי־געסל, וואָס ער האָט אַזוי שיין און ליריש־אינטים באַזונגען, האָט ער שוין דערזען — אין אָפּגאַנג.

אין דער צייט, ווען יצחק באַשעוויס איז צוריקגעגאַנגען אין זיין שאַרפן, אַפילו צינישן רעאַליזם, צו עפּעס אַ מיסטיציזם פון די דעגענערירטע רבנישע היף און באַדנלאָזע אינטעליגענטן. ער האָט געזען בלויז קרענקלעכע, פאַרקריפּלטע מענטשן, אין אַ זייט פון לעבן. אין דער צייט, ווען מיר האָבן זיך געהאַלטן פעסט, איבערצייגט ביים הילכיק־אויסגעשריגענעם „סאָציאַליסטישן רעאַליזם", אָבער איך האָב עס אויף מיין אופן פשוט פאַרשטאַנען — דעם קריטישן רעאַליזם פון אונזער דערשטיקט לעבן אין פּוילן. די אַזוי גערופענע בירגערלעכע שרייבער האָבן עס גאָרנישט געוואָלט דערזען. מיר, מיר זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הונגע־ריקער, באַגייסטערטער יוגנט פון דער דזשיקע גאַס. אין אונזער הפקרדיק לעבן איז נאָך גאָרנישט געווען אָפּגעזעצט, גאָרנישט סטאַביל, כדי צו דערזען דאָס עכטע אין דער ליטעראַטור.

מיר זענען געזעסן ביי אַ טישל אין פאַרנאַכט, צוזאַמען מיטן מייסטער אפרים קאַגאַנאָווסקי, מיטן הייס־בלוטיקן משה גראָסמאַן, מיטן דיכטער הורבאַניסט, יוסף רובינשטיין. ס'איז געווען די רייד וועגן מיין ערשט ביכל דערציילונגען, וועגן די נייע סאָציאַלע אידייען, וואָס מיר האָבן געבּרענגט צום אויסדרוק, כדי אויסצו־שרייען דעם אומרו פון דער צייט. קאַגאַנאָווסקי איז, ווי אַלעמאָל, געווען אַביסל סקעפּטיש — אידייען... מאַסע... ער איז געווען דער ניכטערער רעאַליסט. ער האָט געזען ניכטער ווי די רעוואָלוציע זעט אויס, אין איר כאַאָס, אין איר ווירקונג אויפן מענטש.

— איך פרעג — האָט ער זיך אָפּגערופן — צי איז גענוג מ'זאָל טאַלאַנט אַוועקגעבן פאַר עפּעס אידייען...

אין אַזאַ פאַרנאַכטיקער שעה האָט זיך טיילמאָל מלך ראַוויטש באַוויזן אין דער באַגלאָזטער טיר פון דער קאַנצעלאַריע. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ שטאָלטנער מאַן אין די מיטעלע יאָרן, מיט לאַנגע פאַוואָריטן. די עקסטראַוואַגאַנטע באָרד זיינע האָט ער שוין מער נישט געטראָגן. די צייט פון דער „כאַליאַסטרע" איז שוין לאַנג געווען פאַרביי. ער האָט זיך צוגעזעצט, און נאָך אַ ווײַלע איינהערן זיך אין די הייסע רייד, האָט ער זיך אָפּגערופן, זייער פאַרזאָרגט:

— קינדער, אַנטלויפט פון דאַנען... דאָ, אין פּוילן־לאַנד, האָבן מיר קיין שום גוטס נישט צו דערוואַרטן...

ער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון אַ וועלט־רייזע און ווידער זיך געקליבן ערגעץ אין דער וועלט אַריין; דאָסמאָל, אויף שטענדיק שוין, צו פאַרלאָזן פּוילן. אַזוי נביאותדיק זענען געווען זיינע רייד.

מיר זענען נאָך געווען התלהבותדיק־פאַרטראַגן. מ׳האָט נאָך דאָ ערגעצווו געפילט דעם לעבעדיקן גייסט פון פרצן. אַנטלויפן פון די באַריקאַדן, האָט אויס־געזען שיער נישט ווי דעזערציע. אָבער די רייד פון מלך ראַוויטש זענען מיר לאַנג נאָכגעגאַנגען. כ׳האָב געפילט אַז די ערד, אויף וועלכער מיר טרעטן, ברענט אונטער די פיס. מ׳האָט באַדאַרפט זיך געזעגענען מיטן אָרעמען, אָבער איינגעבאַקענעם יידישן וואַרשע. כ׳בין פאַרביי מיט פלאַטער יעדן פּאָליציאַנט אין גאַס, פאַר יעדן פאַרדעכטיקן ציווילן פאַרשוין. און דווקא דעמאָלט האָט דער פרילינג געזונגען אין אונזערע געבלוטן. די יוגנטלעכע וועלט איז אַזוי שיין געווען, און איבער אַלעמען, האָב איך געפילט, ווי דער שטריק אַרום האַלדז פאַרציט זיך וואָס אַמאָל ענגער; אַנט־לויפן פון דאַנען! לייכט אָפּצורעדן! די וועלט איז געשטאַנען פאַרהאַקט. ס׳האָט זיך אָבער פאָרט אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ קליינע שפּאַרע, דורכצורייסן זיך. מ׳האָט זיך שטיל איבערגעגעבן אויפן אויער, אַז פאַר אַ פּאָר הונדערט זלאָטעס קען מען, מיט אַ פאַלשן פּאַס, מיט פאַלשע וויזעס, אָפּטראָגן זיך פון דאַנען דורך דער דאַנציקער פרײשטאָט.

אין אַ טונקעלער, אַנגערויכערטער קנייפּע, אויף דער דזשיקע גאַס, איז גע־זעסן אַ ייד מיט אַ קרום וואָנסעלע. מ׳האָט אים גערופן הערשל „ראַנטשקע". אָט דעם חשודיקן ייד האָט מען געקענט טרעפן אין די פאַרנאַכטיקע שעהן אין האַלב־פינצטערן הינטער־שטיבל פון דער קנייפּע. ער איז געזעסן ביי אַ טישל, גע־פּיפּקעט אַ דין ציגאַרל. דער מעלאַניק איז אים קרום געזעסן איבערן שטערן.

— ס׳דאַרף קאָסטן פינף בלעטלעך... — האָט זיך דאָס דינע וואָנסעלע נאָכמער אויסגעקרומט ביי אים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, און מיט זיין הענטל אַ מאַך געטון ביים מויל — ס׳זאָל זיין שטיל־שאַ...

ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס דינגען זיך.

— אַזוי קאָסט עס...

ס׳איז נישט אַזוי לייכט געווען איינצושאַפן זיך די פּאָר זלאָטעס. כ׳בין אַרויס, אין פיבערן. די פאַרנאַכטיקע דזשיקע גאַס האָט זיך געדרייט פאַרן צעטומלטן בליק. מענטשן האָבן געאיילט אויף די טראָטואַרן, געלאָפן זוכן אַ גראָשן חיונה. ביי די טויערן האָבן אָפּגעשליסענע ייִנגלעך אויסגערופן: „דריי בייגל — אַ צענער!". אַ ייד מיט אַ קרוג געפּאַרבטע וואַסער האָט גערופן: „יידן, אַ קאַלטס און אַ גוטס!"... טרעגערס האָבן פון הויכע פּלאַטפאָרמעס אַראָפּגעטראָגן קאַסטנס צו די טיפע הייף אויף זייערע מעכטיקע פּלייצעס. דער טראַמוויי אין ראָג דזשעלנע האָט זיך פאַרקי־רעוועט מיט אַ וויסטער גרילצעניש איבער די שינעס. דער פאַרנאַכטיקער הימל איבער דער יידישער גאַס האָט געפלאַקערט ווי אַ שרפה. וווהין גייט מען? ווי אַזוי העלפט מען זיך?

אין אַ טריבן פאַרנאַכט פון 3־טן מאַי האָט מיך פון דאַנציקער וואָקזאַל אַן הינטערשטאָטישע, פאַררויכערטע קאַלייקע אַוועקגעפירט דורך די אָפּגעלעגענע פאַרשטעט, כמעט אַן באַגאַזש. הערשל „ראַנטשקע" איז געזעסן טיף פאַררוקט אין וואַגאָן, אין האַלבן טונקל, ווי נישט אים מיינט מען. דאָס רונדע קאַפּעלושל, דער מעלאַניק, אַנגערוקט אויף אַ זייט אויער. ער האָט כלומרשט אונטערגעדרעמלט.

איידער וואָס־ווען, איז צוגעפאַלן דער אָוונט. די באַן איז געלאָפן איבער דער ערד פון מאַזאָוויע, אין דער ריכטונג פון די צפונדיקע פּראָווינצן, פון פּאָמערן. אינמיטן נאַכט זענען מיר נאָך אָפּגעשטיגן, אָפּצוּוואַרטן אַן אַנדערן צוג. ס׳איז געווען דער 3־טער מאַי, דער נאַציאָנאַלער פּוילישער „יום־טוב פון דער קאָנסטיטוציע״. די באַנען און וואָקזאַלן זענען ווייניקער באַוואַכט געווען פון די חשודיקע ציווילע פּאַר־שוינען. באַגינען זענען מיר בשלום אַריבער די גרענעץ. פון דאַנציק האָט שוין די באַן געפירט ביז בערלין, דערנאָך איבער בריסל, ביז קיין פּאַריז. אויף אַלע געביי־דעס אין דייטשלאַנד האָבן שוין געפלאַטערט די טריפהנע פענער מיטן האַקנקרייץ. צעוואָקסענע שטורמיסטן מיט אַרעמבענדער האָבן אויף אַלע אָפּשטעלן אָפּגעמאָסטן די מענטשן אין וואַגאָן, אַז ס׳איז געוואָרן אומהיימלעך. מ׳האָט געפילט, אַז אויף דער דער דייטשער ערד גייט אויף די גרויסע געפאַר פאַר אייראָפּע. מ׳האָט באַצייטנס דערפילט די שרעק, וואָס הענגט איבער אונז, יידן. וווהין לויף איך, וווהין אנטלויף איך פון מיינע ברידער און שוועסטער ?

מיט אַזאַ שווער געמיט, בין איך אין אַ גרויען פרימאָרגן שטיינגעבליבן אויפן פּאַריזער וואָקזאַל „גאַר די נאָר״, אין אַ פרעמדער שטאָט, אַ שטומער, אָן לשון, אָן אַ גראָשן אין קעשענע, אַפילו אָן אַן אַדרעס וווהין צו פאַרפאָרן.

„פּאַריז, מיין בלאָנדע״

איבערגעשלאָפן די ערשטע נאַכט אויפן זעקסטן שטאָק פונם אַלטן האָטעל אויפן בעלוויל, זאַלבעדריט, אין אַ ברייט בעט, בין איך אין דער פרי אַרונטער די שמאָלע שטיגן צו דער גאַס. דער בולוואַר, ווי אַ פאַרביק־רוישיקער אַרענטאַלישער מאַרק, האָט זיך אויסגעשפּרייט ביז אַראָפּ. אין די געסעלעך קעגנאיבער, רי ראַמ־פּאָנאָ, רי פאַלי־קאָאַ, ביז אַרויף צו די הויכקייטן, זענען די אַלטע שמוציקע האָ־טעלעכלעך מיט די פינטלענדיקע שילדן ביים אַרויפגאַנג, כמעט דורכאויס באַזעצט געווען פון די אַנגעלאָפענע יידישע עמיגראַנטן, ס׳רוב אומלעגאַלע. זיי האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן צו דריי־פיר אין אַ צימערל. זיי זענען אַנטלאָפן פון דער פּאָ־ליציי אין פּוילן, פון פּראָצעסן, תפיסות, אַרבעטסלאָזיקייט. די סוף־צוואַנציקער יאָרן פון גרויסן קריזיס, האָבן דאָ געלאָזן אַ היימישן אַרבעטער־קלוב, אַ היימישע אכסניה. מ׳האָט דאָרט פאַר אַן אַרעמע פאַר סו אויסגעטיילט די אַרבעטסלאָזע אַ טעלער זופּ, אַ שטיקל ברויט. מ׳האָט דאָ אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג, אין אַ ביכל. די יידישע געוועלבלעך פון דער געגנט, די בעקערס, די קצבים, האָבן אַרויסגע־האָלפן מיט אַביסל פּראָדוקטן. ס׳איז געווען אַ ביטערע צייט, אָבער מ׳האָט געלאַכט מיט יונגע, הונגעריקע ציינער. דער בעלווילער קלוב אין ענגן פּאַסאַזש האָט דעם גאַנצן טאָג, ביז שפּעט אין אָוונט, געררוישט מיט זיצונגען, פאַרזאַמלונגען. מ׳האָט די אַרומגעריסנע ווענט דעקאָרירט מיט פאַרביקע פּאַפּיר־קרענץ, מיט פּאָרטרעטן פון די אַרבעטער־פירער, און ס׳איז געווען אַ שטיקל וואַרעמע היים אין דער

פרעמד. אַ בעסאַראַבער מיידל מיט ראָזע באַקן, האָט מיט פאַרקאַשערטע הענט געשיילט קאַרטאָפל און דערביי געזונגען דאָס אַלטע ליד פון דער סיבירער קאַטאָרגע:

די זון גייט אויף און גייט אונטער,
און פינצטער איז אין מיין טורמע־קאַמער...

פון דאַנען איז מען אַוועק אויף די פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, אויף די מיטינגען, אויף די דעמאָנסטראַציעס קעגן די פאַשיסטן. די פרעסע־אַקטיוויסטן האָבן געבראַכט אַהער די פריש־געדרוקטע אַרבעטער־צייטונג, מיט פריידיקע ידיעות וועגן לאַנד פון סאָציאַליזם, וועגן שטרייקן און קריזיסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די צייטונג האָט אין יענעם יאָר אָנגעהויבן צו דערשיינען טעגלעך, מיט דער הילף פון די אָרעמע אַרבעטער־גראָשנס. דער חבר מלך, אַ פלינקער זשורנאַליסט, אַריבערגעקומען נישט לאַנג פון דער היימישער דזשיקע גאַס, איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער ביים אַרויסגעבן די ערשטע זייט פון דער צייטונג. די דרוקערײַ האָט זיך געפונען אין סינדיקאַטן־הויז, אויף גראַנזש־אָ־בעל, וואָס איז אַלעמאָל געווען אַרומגעשטעלט מיט פּאָליציי. מ'האָט דאָ צוריק דערפילט עפּעס ענלעכס פון דער וואַרשעווער אַטמאָספער, צווישן די יאַטן און יאַטעכעס פון דער דזשיקע גאַס.

מיר זענען נאָך דעמאָלט אַלע געווען יונגעלייט, מיט צעברויזטע, צעשטורעמטע געמיטער און פלאַמיקע טשופרינעס. ס'איז געווען ערב די קאַמפן אין שפּאַניע, ערב דעם פאָלקס־פראָנט. מיר האָבן סיי ווי אומעטום געלעבט פאַרטייעט, אין אַ זייט פון אַ פאָליציייאיש אויג, אין די זייטיקע האָטעלעכלעך פון בעלוויל. „אַ פרעמד לעבן”, ווי מיין חבר יאָסל צוקער האָט זייער טרעפלעך באַצייכנט דעמאָלט איינע פון זיינע דערציילונגען. הפקר, אָן אַ שטיקל דאָקומענט, אָן אַרבעט, אָן אַ פראַנק אין קעשענע. אַלע אונזערע גייסטיקע פעדעם זענען נאָך פאַרקניפּט געווען מיט דער אַלטער היים, כאָטש דאָס ליכטיקע פּאַריז פון רויטן וויין, פון ווייסן ברויט, פון דער פאַריזער קאָמונע, האָט געלאָקט און געשראָקן מיט דער מיסטעריע פון אַ ניי־אַנטדעקטער וועלט.

מיין חבר יאָסל צוקער, וואָס האָט שוין דאָ געלעבט אַ שטיקל צייט, האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט און מיך געפירט. ס'איז געווען אַ וואַרעמע, חברישע האַנט. ער האָט צו מיר גערעדט טריסט־ווערטער. ער אַליין איז שוין געווען אַביסל אויסגעגרינט, האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון לאָמפּן, געלערנט אין אַן אָוונט־שול, שוין געלייענט אין אָריגינאַל מאָפּאַסאַן, פלאָבער, באַלזאַק, זאָלאַ. זיין יונג, וואַכזאַם אויג, זיין פאַרשאַרפטער בליק האָט פלייסיק נאָכגעפאָרשט די טראַגי־קאָמישע קאָנטראַסטן אין אויסגעוואָרצלטן לעבן פון דער אָנפליסנדיקער, צעטומלטער יידישער עמיגראַציע. מיר האָבן זיך נאָך דעמאָלט געראַנגלט נישט בלויז פאַר דער נאַקעטער עקזיסטענץ; מיר האָבן זיך דער עיקר געראַנגלט און געזוכט די פאָרם, דעם אויסדרוק פון דער צעשטורעמטער אינערלעכער וועלט. גיין אויף אויסגעטרעטענע וועגן איז נישט געווען אין אונזער אַמביציע. זענען מיר דאָך אַלע געווען אַ פּראָדוקט פון אויפגעשטורעמטן און צעטרייסלטן יידישן לעבן אין פּוילן, אין אַ וועלט, וואָס ענדערט זיך יעדן טאָג.

די געדיכטע ידישע עמיגראַציע, אין וועלכער מיר זענען אַריינגעשליידערט געוואָרן, איז געווען עפּעס נייס, אַנוואַקסנדיקס, נאָך פּנימלאָז, אָבער אין דער טיף האָבן שוין געציערט נייע פאַרמען, אין אַנבליק פון אונזער טרויעריקער ידישער צעשפּרייטקייט. ווייל דאָמינירט האָט נאָר דאָס ידישע אין אונז, כאָטש מ׳האָט גע־ליאַרעמט וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם. ס׳איז אָנגעוואַקסן און ביסלעכווייז זיך אָפּ־געזעצט אַ נייער טיפּישער פאָלקלאָר, אַ מין שטייגערלאָזער שטייגער, געבוירן פון דער טראַגי־קאָמישערווירקלעכקייט. מען האָט באַדאַרפט צו זוכן די נייע פאָרמען, עס צו געשטאַלטיקן, איידער עס רינט אויס. מ׳האָט באַדאַרפט צו געפינען דעם סינטעז צווישן נוסח אין דער ליטעראַטור פון דער אַלטער היים־בענקשאַפט, מיטן פרעמדן, פאַרכאַפּנדיקן אַראָמאַט פון דער גרויסער פראַנצויזישער און וועלט־גייסטיקייט, וואָס האָט אונז אַרומגערינגלט, געכישופט מיט אַלע חנען פון עקזאָטיק. כאָטש מער ווי טראַגיק האָבן מיר נישט געפונען אין אונזער איינגעבאַקענעם שטיי־גער, וואָס ווערט דאָ טראַנספאָרמירט; אין דער איינציקער ווייטער האָפענונג, מיר זאָלן זיך ווען עס איז צוריק אומקערן צו אונזערע אַלטע היימען, ווו ס׳איז געגאַנגען דער גרויסער געראַנגל.

דאָס אַרומדרייען זיך אָן אַ שטיקל דאָקומענט האָט עפּעס גאָרנישט אָפּגע־שראָקן, ווייניקער אָפּגעשראָקן ווי זייענדיק אַ בירגער אין פוילן. מ׳איז טיילמאָל שפּעט ביינאַכט,ביים דורכגנבענען זיך די פּוסטע גאַסן צום האָטעל אויפן בעלוויל, פאַרהאַלטן געוואָרן פון דער ראָווערן־פּאָליציי. זיי זענען אָנגעפאָרן אין דער גאַנ־צער ברייט גאַס מיט זייערע קורצע פעלערינעס, געפרעגט אויף „פּאַפּירן". אַז זיי האָבן פאַרהאַלטן איינעם, איז מען אַוועק זיצן אויף אַ וואָך־צוויי; צוגעשטעלט צו דער בעלגישער גרענעץ, איז מען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער ווידער אַרומגעגאַנגען איבערן בולוואַר בעלוויל. ס׳איז געווען אין דער לופט דער דעמאָקראַטישער גייסט פון פאָלק, וואָס אין זיינע אָדערן אין גערונען דאָס הייסע בלוט פון זייערע אָבות, וועלכע האָבן געשטורעמט די באַסטיליע, דאָס הייסע בלוט פון די פּאַריזער קאָמור־נאַרן. דעם 14־טן יולי איז מען אַרויס טאַנצן אין אַלע געדיכטע אַרבעטער־ און פאָלקס־קוואַרטאַלן, באַגלייט פון האַרמאָניקע־מוזיק. מיר האָבן מיטגעזונגען די „קאַרמאַניאָלע" און אַלע שיינע פראַנצויזישע פאָלקס־לידער. מ׳האָט זיך אויס־געמישט מיטן פאָלק אין די געסלעך, ביז שפּעט. אויף די טראָטואַרן, אויפן מיטן ברוק זענען געווען צעהאָנגען אַרום די ביסטראָס און קאַפייען פאַרביקע פּאַפּיר־קרענץ, אילומינאַציעס, פייערווערק. מיר האָבן עס אַמאָל פאַרפלאַמט געלייענט אין די ביכלעך אין דער שטעטלשער ביבליאָטעק — וועגן די לעצטע פאַרצווייפלטע קאַמפן פון די פּאַריזער קאָמונאַרן. אויסגעמישט צווישן די אַרבעטס־לייט אין די בלויע אַרבעטס־קאָמביניזאָנען, די מיידלעך מיט די רויטע פּאַפּירענע פריג־מיצ־לעך אויף די שיינע בלאָנדע און שוואַרצע קעפּ; צווישן פאָלק פון פּאַריז פלאָנ־טערן מיר זיך, פאַרבלאָנדזשעטע ידישע יונגעלייט און מיידלעך פון פוילן, פון בעסאַראַביע, פון ליטע. מיר טראָגן זייערע אידייען פון פרייהייט און רעוואָלט. מיר זינגען זייערע לידער און וואַלגערן זיך אין די פאַרשטעקטע האָטעלן, אין די

געסלעך פון בעלוויל. מיט אַזאַ אויפגעשטורעמט געמיט, פאַרבלאָנדזשעטע, האָבן מיר זיך אין באַגינען צוריקגעשלייכט צו די פאַרשטעקטע האָטעלן.

מיר האָבן זיך אַביסל דערפילט ווי די פאַרגייער אונזערע, די פּראָלעטאַרישע עמיגראַנטן־שרייבער און פּאָעטן, וואָס האָבן סוף פאַריקן יאָרהונדערט, מיטן שטראָם מעבר לים, קיין אַמעריקע, דורך פּאַריז, דורך לאָנדאָן, זיך אָפּגעזעצט צייטווייליק, אונטערוועגנס, אין געדיכטן לאָנדאָנער ווייטשעפּל. דאָרט איז אויך אויפגעקומען אַ יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. דאָרט האָט מאָריס ווינטשעווסקי אַ זינג געטון : „וויקלט פאַנאַנדער די פאָנען די רויטע״. ס׳איז געווען אַ יידישער פּראָלעטאַריאַט פון נאָדל־פאָך, אַ יידישע אַרבעטער־פּרעסע. אין אונזערע אויערן האָבן נאָך געקלונגען די פייערלעכע, הייליקע אַרבעטער־לידער פון דוד עדעלשטאַט, מאָריס ראָזענפעלד, אברהם רייזען. מ׳האָט זיי אַמאָל געזונגען אויף די געהיימע, קאָנספּיראַטיווע ליאַמעס. אַ פאָלק איז דאָ פאַרביי, אין וואַנדער, צו די ווייטע ברעגן פון אַמעריקע.

אין יענע יאָרן האָבן יידן אויך דאָ, אין פּאַריז, זיך פאַראַנקערט, אַנטוויקלט דאָס קאַסקעטער־פאַך, שטריקעריי, מאַראָקינערי, די קאָנפעקציע. פיל פון זיי זענען אין 1914 פרייוויליק אַוועק אויף די פראָנטן. ערשט נאָך 1918 איז אָנגעלאָפן אַהער אַ נייער עמיגראַנטישער שטראָם. מען איז געלאָפן פון דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה. די עמיגראַציע פון די לעצטע יאָרן איז אָבער דער עיקר געווען אַ פּאָליטישע. זי איז נאָך יונג געווען, די עמיגראַציע. זי האָט נאָך אַריבערגעברענגט אַהער די גאַנצע יוגנטלעכע פרישקייט פון יידישן שטייגער־לעבן אין די שטעט און שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע, מיטן זאַפטיקן יידישן לשון אין זייער מויל. די קינדער, וואָס זענען שוין דאָ געבוירן געוואָרן, זענען נאָך צוביסלעך געווען צוגעבונדן צום גייסט פון זייערע עלטערן. ס׳איז אָבער געווען אַן אילוזיע. מ׳האָט שוין דעמאָלט געזען די שפּורן פון אַוועקגאַנג. ווי נאָר זיי זענען אונטערגעוואַקסן, האָט זיי די „פראַנצויזישע גאַס״ פאַרשלונגען. „די יידישע גאַס״ האָט זיך ביסלעכווייז אויפגעלייזט צווישן אַ פרעמדער קולטור־וועלט. יאַסל צוקער האָט — שוין דעמאָלט — זייער טרעפלעך אויפגעכאַפּט דעם טיפן ריס צווישן עלטערן און קינדער. דאָ, אין דער וועלט־שטאָט פון ליכט, גייסט, האָט ער שוין דעמאָלט דערזען די שאָטנס פון אונזער יידישער אינטעליגענץ, וואָס וועגעטירט אין די באָהעמע־קאַפייען און וואַלגערט זיך אין די ביליקע האָטעלן.

די ביראָבידזשאַנער אילוזיע

צווישן אַלערליי קאָמיסיעס אין אַרבעטער־קלוב, איז אויך געווען אַ קאָמיטעט פון „געזערד״, צוהילף דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אין ביראָבידזשאַן. ס׳זענען געווען פאַרזאַמלונגען, זיצונגען. ס׳איז דערשינען אַ ביולעטין מיט אַרטיקלען, מיט פּאַטאָס, מיט וויכטיקע נייעסן וועגן הילכיקן גאַנג פון דער בויאונג אין דער

יידישער אויטאָנאָמער געגנט, וואָס וועט אינגיכן פּראָקלאַמירט ווערן ווי אַ יידישע סאָוויעטישע רעפּובליק.

כ'האָב נישט געזען קיין תכלית פון מיין אַרומוואַלגערן זיך אין די פאַר־שטעקטע פּאַריזער האָטעלן פון בעלוויל, אומלעגאַל, אָן פּאַפּירן, אָן אַ פּאַס, בין איך איבערגעשלאָפן דאָ און דאָרט אַ נאַכט. מיין הייסער פאַרלאַנג איז געווען — איבער־לאָזן פּאַריז, מיט אַלע גליקן, און פאָרן אין ווייטן ביראָבידזשאַן, אונטערשטעלן אַ יונגע פּלייצע, אַרבעטן פיזיש, ווי כ'בין עס געווינט געווען ביי מיין טאַטן אין רימער־געוועלבל אין דער מיטעלער פּראָווינץ־שטאָט אויפן בוג, פון וואַנען כ'האָב געמוזט עוקר זיין. מיין גאַנצע באַגייסטערונג פאַרן ראַטנפאַרבאַנד, ווי ביי פיל פאַרבלאָנדזשעטע אויפן הפקר, ווי איך, איז פאַקטיש געווען בלויז — די יידישע לייזונג פון פּראָדוקטיוויזירטע יידישע מאַסן. די אַלגעמיינע פּראָזעאָלאָגיע האָט מיך עפּעס נישט געוואָרעמט. כ'האָב געבענקט נאָך אַ יידיש לעבן, בפרט נאָך אין אַ יידיש־סאָציאַליסטישער רעפּובליק. אין די פּלאַמיקע רעדעס, אַרטיקלען און לידער, וואָס זענען געקומען פון דאָרט, האָב איך עפּעס נישט דערפילט דעם אינערלעכן פייער. אָבער ביראָבידזשאַן האָט מיר אויסגעזען דאָס איינציק רעאַלע. מיר האָבן זיך נישט געהאַט ווו אַהינצוטון. אַלע טירן פון אַלע לענדער זענען פאַר אונז גע־שטאַנען פאַרהאַקט. בין איך דאָך נאָר וואָס געהאַט אַוועק פון דער רוישיקער, היימיש־איינגעבאַקענער דזשיקע גאַס אין וואַרשע, ווען ס'איז דאָרט איבער נאַכט ממש אויסגעוואַקסן אַ באַוועגונג פון יונגע אַרבעטסלאָזע יידן אַרום דעם "אַגראַיד", ווען ס'האָט אויפגעלויכטן די האָפענונג צו פאָרן אַהין, צו די ווייטע ברעגן פון אַמור, צו בויען אַ יידישע היים. אין פוילן האָבן זיך שוין געהאַט פאַרשריבן טויזנטער, צו אַנטלויפן פון דער ביטערער אַרבעטסלאָזיקייט, פון דער אויסזיכטלאָזיקייט. אַזאַ ליכטיקע האָפענונג האָט אויפגעשיינט און — איז שנעל צערונען געוואָרן.

מיט אַ שטיקל צייט פריער איז שוין די ערשטע גרופּע איבערוואַנדערער גע־האָט אָפּגעפאָרן פון פּאַריז, נאָך אַ פייערלעכן אָפּשייד־באַנקעט, מיט פלאַמיקע רע־דעס. ס'איז צווישן די פּשוטע יידן, דער עיקר סטאָלער־באַלמעלאָכעס אויפן סענט־אַנטואַן, געזאַמלט געוואָרן געצייג, מכשירים פאַר די אָפּפאָרנדיקע. מ'האָט דאָרט נאָר גערעכנט אויף פּראָדוקטיווע עלעמענטן, נישט דווקא די אויסגעווייקטע יידישע שניידערס. מ'האָט דאָרט באַדאַרפט יידן מיט מוסקולן, צו קענען אויפהייבן אַ האַמער, פירן אַ טראַקטאָר, אויסקאָרטשעווען וועלדער.

מיטאָג־צייט האָבן זיך די גרויסע צימערן פון אַרבעטער־קלוב אין פּאַסאַזש געוויגט אין אַ שיטערלעכן נעפּל, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון די פאַרעדיקע טעלער געקעכטס, פון קיכל דערלעבן, פון סיגאַרעטן־רויך. פון די אַרומיקע פאַרשטעקטע שניידער־אַטעליעס און האָטעלן, זענען געקומען אַהער די פּרעסער, די מאַשינער, די האַנט־נייערינס. דער אַקטיוויסט אַלבערט, מיטן סיגאַרעטל, פאַרשטעקט אונ־טערן אויער, אין אַ נישט־איבעריק ריינעם פאַרטוך, איז אַרומגעגאַנגען און סער־ווירט ביי די טישלעך. מ'האָט נאָר געהערט פון אַלע זייטן:

—אַלבערט, אַ געהאַקטעס, מיט אַ „פּאַם” אין דער מיט...

— אַ בויאָן לאָקשן־באַנען...

דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט די קאָמיסיעס פון די סינדיקאַטן, פון דער רויטער־הילף, פרעסע־קאָמיסיע, קולטור־קאָמיסיע און „געזערד". דער סעקרעטאַר פון „געזערד", חבר אַרטור, אַ סטאָלער־אַרבעטער מיט אַ האַרטן נאַקן, האָט דאָרט געהאַלטן אין אַרומגריזשען אַ ביין, און מיך אַ רוף געטון צו זיין טישל:

— קום נאַר... — האָט ער מיך גערופן.

איך האָב אַלע מיינע האָפענונגען אָנגעבונדן אין חבר אַרטור. ס'איז געווען באַלד נאָך דער פייערלעכער פּראָקלאַמירונג פון קאַלינינען, אין מאָסקווע, פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אין ביראָבידזשאַן, אַז זי וועט ראַטעווען „די יידישע נאַציאָנאַלע אייגנאַרט, וואָס ווערט אין די גרויסע שטעט פאַרלוירן"... כמעט ציוניזם... פון פּאַריז האָט זיך אין דעם זומער געגרייט אָפּצופאָרן אַ דעלעגאַציע צום אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר אין ביראָבידזשאַן. דער חבר אַרטור איז, פאַרשטייט זיך, געווען אין דער דעלעגאַציע. ער האָט געהאַט אַ געשליפן מויל צו נעמען אַ וואָרט אויף די פאַרזאַמלונגען. ער איז אויך נישט לאַנג צוריק געקומען פון פּוילן, מיט אַ סטאַזש פון עטלעכע יאָר תּפיסה. ווי געוויינלעך, אַ פּראָווינצער יונגערמאַן, אַ שטיקל אויטאָדידאַקט, אַליין אויסגעלערנט זיך עפּעס אָנצושרייבן, אַריינגעקוקט אין אַ ביכל פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע. צו רעדאַגירן זיינע, אַביסל שטומפּיקע, אַרטיקלען אין דער „געזערד"־טריבונע", האָט ער מיך צוגעצויגן, און איך האָב גערן מיטגעאַרבעט פאַר אַזאַ הייליקן ציל. ס'האָט זיך אומגעריכט געעפנט פאַר מיר אַ פּערספּעקטיוו, אַ ציל אין מיין הפקרן אַרומוואָגלען. אין געדאַנק, האָבן איך שוין געלעבט אין אַ פרייער מדינה, אָן פּאָליציי, וואָס פאַרפאָלגט מיר. די פאַנטאַזיע האָט מיך ווייט פאַרפירט.

שטילע, טייערע מיידלעך האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט אין אַרבעטער־קלוב, אַנטרונענע, ווי מיר אַלע, פון תּפיסות, פייניקונגען, פּאָליציי. מען האָט שוין באַצייטנס געוווסט אין קלוב, אַז איך קלייב זיך צו פאָרן קיין ביראָבידזשאַן; און איינע, אַ סימפּאַטיש מיידל, האָט מיר פאַרגעלייגט כ'זאָל זי מיטנעמען. כ'האָב זיך אַביסל געריוועלט. כ'האָב קיין שום אחריות אויף זיך נישט געקענט נעמען. ווי אַזוי? אָן אַ פאַך, אָן שום מעגלעכקייטן פון אַרבעט, פון בויען אַ שטילע היים־נעסט. און ס'זענען געווען די יוגנטלעכע יאָרן, ווען ס'וועקן זיך אַזעלכע שטילע, אינטימע פאַרלאַנגען פון אַן אייגענער, שטילער היים, לערנען, אַרבעטן איבער זיך.

חבר אַרטור האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט דאָרט אַ רעד טון וועגן מיר. ס'איז געווען נאָך דער לעצטער פאַרזאַמלונג, איידער די דעלעגאַציע איז אָפּגעפאָרן; ווען ער האָט פאַר אַ פול געפּאַקטן זאַל גערעדט וועגן אַן אייגענער יידישער היים, וואָס בויט זיך אויפן ווייטן מזרח, ביי די ברעגן פון טייך אַמור. צווישן עולם האָט עמיץ אַ מורמל געטון:

— ער רעדט, אויף מיין וואָרט, ווי אַן אמתער ציוניסט...

חבר אַרטור איז אינגיכן אָפּגעפאָרן און איך האָב ממש געציילט די טעג און די וואָכן פון זיין צוריקקערן זיך. מ'האָט געגרייט אַ יום־טובדיקן נומער „געזערד־טריבונע". מאַטעריאַלן זענען אָנגעקומען פון מאָסקווער „געזערד", ווי אויך שיינע פאָטאָס, ווי אַזוי געזונטע יידן קאָרטשעווען אויס די טייגע, טרייבן פליטן אויף די

טייכן, כאַפּן פולע קוישן פיש אין דער בירע, אין אָמור; ווי עס בויען זיך הייזער, שאָסייען, די שלום־עליכם־גאַס. איך האָב אָנגעשריבן אַן איבערזיכט וועגן די שאַפונגען פון יידישע שרייבער אין ביראָבידזשאַן. איך האָב אויך אָפּגעדרוקט אַ ליד פון דער באַרימטער דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, וועלכע איז אין יענע יאָרן אויך פול געווען מיט באַגייסטערונג פאַרן יידישן אויפבוי אין ביראָבידזשאַן:

בײ מיר אין האַנט צוויי פעדערן פון אַ פאַזאַן,
ס'האָט גינאַ מעדעס מיר געבראַכט פון ביראָבידזשאַן.

גינאַ מעדעס האָבן מיר אין יענע טעג אויפגענומען אין פאַריז, נאָך איר אומקערן זיך פון ווייטן מזרח. זי האָט גערעדט פאַר פול־געפּאַקטע זאַלן, מיט אירע פאַטעטישע שילדערונגען וועגן די געזונטע יידן, וואָס האָבן אַוועקגעוואָרפן די אויסגעליידיקטע שטעטלעך אין אַמאָליקן תחום־המשוב, זענען געפאָרן בויען זייער אייגענע סאָציאַליסטישע היים. זי איז געווען אַ פאַטעטישע רעדנערין, האָט מיטגעריסן דעם עולם צוהערער. מיר האָבן באַגייסטערט געזונגען דאָס ליד וועגן יידישער פּראָדוקטיוויזאַציע:

אויס מנחם־מענדל, אויס מיטן נעפּ,
ברויט, ברויט, ברויט גיט אונז דער סטעפּ.
איז כל־כל־כל־טוב פאַראַן
אין בירא־בירא־ביראָבידזשאַן...

דעם זאַל האָבן אָנגעפילט ס'רוב פּראָסטלעכע יידן פון דער מעבל־בראַנזשע אַרום סענט־אַנטואַן; יידן מיט געזונטע מוסקולן, פאַרפּאַפטע פינגער פון קליי און געפּלאַצטע נעגל. ס'האָט געשמעקט פון זיי מיט געזונטע האָלץ־ריחות. זיי האָבן זיך געפילט זייער נאָענט צום גאַנצן ענין ביראָבידזשאַן. אַזעלכע באַדאַרף מען דאָרט. זיי קענען האַלטן אַ האַק, אַ זעג, אַ הובל אין דער האַנט. ס'וועט אפשר קומען דער מאָמענט און זיי וועלן אַלע אַריבערפאָרן אַהין.

כ'האָב געשלונגען די פלאַמיקע רייד פון גינאַ מעדעס. די דאָזיקע פּרוי איז אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן ווי די העלדישע פרויען־געשטאַלטן פון דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט. חוץ דעם, וואָס זי איז אַמאָל געווען די פרוי פון וולאַדימיר מעדעס, איז געווען אין נאָענטן קרייז פון לענינען אין די רוישיקע שווייצער „טאָווערנעס" אין יענע ערב־רעוואָלוציע־יאָרן.

דער אַקטיוויסט מולקע, אַ פעסטער יאַט מיט אַ לאַק איבערן שטערן, אין אַ לעדערנער וועסט, מיט איינגעצויגענע גאַלף־הויזן ביים רעדלען אויפן וועלאָ, אַלעמאָל מיטן אַ סיגאַרעטל צווישן די ליפּן, אונטערן וואָנסעלע, איז דאָ געווען דער גאַנצער באַלעבאָס; געשלעפּט בענק, שטולן, אויפגעהאָנגען אַפּישן, מעלדונגען, געשטאַנען ביי דער טיר. ער האָט מיר אויך געקלאַפּט איבער דער פּלייצע:

— מירן זיך אינגיכן אַריבערכאַפּן אַהין, האַ? וואָס זאָגסטו? ...

כ'האָב זיך אפילו איין מאָל אָנגענומען מיט מוט און אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיין באַליבטן יידיש־סאָוועטישן דיכטער איזי כאַריק. פון זיין דיכטונג האָט געאָטעמט מיט ליבע צו באַפרייטער ערד, צו יידישער פּראָדוקטיוויזאַציע. אַפילו זיין אויסגעשריי: „שטעטעלע, פאַרשווינד!" האָבן מיר דעמאָלט אויפגענומען ווי אַ

פּאָזיציע און קער די אומפּראָדוקטיווע שטעטלדיקע יידן, די כּלי קודש, די בטלנות־דיקע בית־מדרש־יידן, צו באַזעצן אויף ערד. מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט געאַנט, אַז מיטן געשריי „שטעטעלע, פאַרשווינד״, וועט פאַרשווינדן דער גאַנצער יידישער דורותדיקער שטייגער־לעבן. איך האָב כּאַריקן געשריבן וועגן מיין הייסן פאַרלאַנג צו פאַרן אונטערשטעלן אַ פּלייצע דער יונגער אויטאָנאָמער יידישער געגנט, גע־בעטן ער זאָל זיך דאָרט באַמיען פאַר מיר. ער האָט מיר טאַקע אינגיכן געענטפערט, מיט גרויס דערמוטיקונג, ליבשאַפט. דער בריוו האָט זיך ביז היינט, דורך אַלערליי נסים, אויפגעהיט ביי מיר. מיר האָבן נאָך אוודאי דעמאָלט נישט געוווסט, אַז איבער אים אַליין הענגט שוין די אַנטיסעמיטישע האַק פון סטאַלינישן מערדער. איך האָב אויך דערנאָך באַקומען אַ בריוו פון פאַרזיצער פון אויספיר־קאָמיטעט אין ביראָ־בידזשאַן, פּראָפעסאָר ליבערבערג אַליין, מיט צוזאָג, אַז מיין ענין וועט דערליי־דיקט ווערן. און היינט, ווען איך טראַכט, אַז ביידע גרויסע יידישע קעפּ זענען מיט אַ קורצער צייט שפּעטער געפאַלן די ערשטע קרבנות, פרעג איך מיט גרויס ווייטיק — פאַרוואָס ?

אינגיכן, נאָך חבר אַרטורס צוריקקערן זיך פון דאָרט, בין איך צוגעפאַלן צו אים מיט גרויס נייגער. ער האָט מיך צוערשט אַוועקגענומען אין אַ זייט, און כ׳האָב באַלד באַמערקט, אַז עפּעס שטיקט אים אין דער קעל. ער וויל מיר עפּעס זאָגן און האַלט זיך אָפּ. און כאָטש ער האָט אויף די פאַרזאַמלונגען אָפּגעגעבן אַ באַגייסטערטן גרוס וועגן יידישן אויפבוי אין ביראָבידזשאַן, האָב איך באַלד דערפילט, אַז עפּעס דערזאָגט ער נישט. נעמט ער מיר איינמאָל אַוועק אין אַ ווינקל און זאָגט מיר :

— פאָלג מיר, זע זיך דאָ דערוויייל איינצואָרדענען... וועסט דאָרט גאָרנישט פאַרשפּעטיקן...

— און די בריוו פון כּאַריקן, פון ליבערבערגן... זיי האָבן מיר צוגעזאָגט...

— איך קען דיר נישט אַלץ דערציילן. ס׳איז דאָרט נישט אַלץ אַזוי פּשוט, ווי מען שרייבט און ווי מען דערציילט...

כ׳בין אַוועק פון אים מיט אַ צעבראָכן געמיט. אַלע מיינע האָפענונגען זענען צערונען. און נאָך היינט, ווען איך דערמאָן עס פאַר עמיצן, לאַכט מען :

— האָסט נאָך גוט אָפּגעשניטן... ס׳וואָלט שוין לאַנג פון דיר קיין זכר נישט פאַרבליבן...

אַזאַ טרויעריקן גרוס האָב איך מיט יאָרן שפּעטער, שוין נאָך דער מלחמה, אָפּגענומען פון מיין חבר, דעם פּאָעט ישראל עמיאָט. ער האָט דאָרט „פאַרבראַכט״ עטלעכע יאָר אין סיבירער קאַטאָרגע, און דאָ, אויפן וועג קיין אַמעריקע, האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין פּאַריז. ער איז אַרויס פון דאָרט קוים אַ לעבעדיקער, און דאָס האָט אים אוודאי פאַרקירצט די יאָרן. כ׳האָב אים געפרעגט :

— דוד בערגעלסאָן האָט דאָך מיט אַזאַ קינסטלערישער קראַפט געשריבן וועגן ביראָבידזשאַן...

— ס׳איז שיין — האָט ער לאַכנדיק געזאָגט — אָבער ליגן...

עפּעס האָבן מיר אין יענע אַלע יאָרן ווי פאַרבייגעלאָזן דורכן אויער די טרוי־עריקע מאָסקווער פּראָצעסן, דאָס פאַטאַלע יאָר 1937. די פּראָ־ביראָבידזשאַנער

פראָפּאַגאַנדע האָט נאָך אָנגעהאַלטן אַ שטיקל צייט, ביז ס׳האָבן זיך אַריינגעריסן די געשעעענישן וועגן שפּאַנישן בירגער־קריג. נישט ווייניק יונגע יידישע מענטשן זענען אַוועק אַהין און דאָרט געלייגט זייערע קעפּ אין קאַמף קעגן אַנקומענדיקן פאַשיזם.

ס׳הייסט, אַז אַלץ אין אונזער גאַנצן שטורעמען האָט זיך געדרייט אַרום אי־לוזיעס. מיר האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט ווי די „שאָטנס פון מאָנפּאַרנאַס״. כ׳בין אָפט געווען אַן איינגייער אין די באַרימטע קאַפייען „דאָם״, „קופּאָל״ „ראָטאָנד״. דאָרט זענען געקומען אַוועקזעצן זיך ביי אַ טעפּעלע שוואַרצע קאַפע יידישע שרייבער, יידישע קינסטלער; שלום אַש, זלמן שניאור, דוד איינהאָרן, מאַרק שאַגאַל, חיים סוטין, מאַנע קאַץ, קיסלינג, קרעמען, מענקעס, די סקולפּטאָרן לוטשאַנסקי, חנה אָרלאָף, זשאַק ליפּשיץ. דאָ זענען געזעסן קונסט־הענדלער, קורטיזאַנעס און די פּאָ־פּולערע געשטאַלטן: שאַרל ראַפּאַפּאָרט, איליאַ ערענבורג. צווישן זיי — עוזר וואַר־שאַווסקי, אַ מאַגערער, מיט אַ בלייך, אַסקעטיש געזיכט; אַ באַהעם צווישן די האַלב־הונגעריקע באַהעמען. פּאַרטון אין דיסקוסיעס איבער קונסט־פּראָבלעמען. ס׳איז דאָרט אויסגעקומען צו דיסקוטירן וועגן די דייטש־יידישע שריפטשטעלער, יאַקוב וואַסערמאַן, פראַנץ ווערפל, סטעפאַן צווייג, ליאָן פויכטוואַנגער. וואַרשאַווסקי האָט געזען אין זיי צעריסענע נשמות, האַלב־יידן, האַלב־דייטשן. זייערע געשטאַלטן — ליטעראַריש־אויסגעקינצלטע. ער האָט עס אַליין טיף איבערגעלעבט, האָט מען געזען; ווייל ער אַליין האָט דורכגעמאַכט אַ נשמה־ראַנגלעניש, פאַרלוירן אויפן פּאַ־ריזער קאָסמאָפּאָליטישן וועלט־יאַריד, אָפּגעריסן פון אַן אוממיטלבאַרער יידישער סביבה.

דער מאָנפּאַרנאַס איז אויך אין יענע נאָך־מלחמה־יאָרן געשטאַנען אין דער מיט פון אַלע פּאָליטישע און אינטעלעקטועלע צוגווינטן, נייע פאָרם־זוכענישן אין דער קונסט — פוטוריזם, דאַדאַאיזם, סיר־רעאַליזם. עוזר וואַרשאַווסקי האָט זעלטן־ווען אַריינגעשטעלט אַ וואָרט. מ׳האָט אַרויסגעפילט פון זיין פיבערדיקן בליק עפּעס אַ מין נאָסטאַלגיע. מסתמא דערפאַר, ווייל אויך ער אַליין האָט שאַרף איבערגע־לעבט דעם קריזיס פון זוכענישן. ער האָט ווייניק פאַרעפנטלעכט. ער האָט נאָכאַנאַנד עקספּערימענטירט, געזוכט דאָס אַדעקוואַטע וואָרט, וואָס זאָל אויסדריקן די צע־רודערטע עפּאָכע, ערב אַלע אונזערע אומגליקן. ער האָט זיך דערזען מיטאַמאָל ווי איינער פון אָט די באַדנלאָזע וועלט־בירגער.

אין די פאַרבליבענע כתבים, וואָס זיין פרוי האָט אָפּגעראַטעוועט, געפינען מיר בולטע שפּורן, אָנווורפן פון אָט דעם כאַראַקטעריסטישן מאָנפּאַרנאַס־טיפּאַזש. עס דרינגט אַרויס פון די אָנגעוואָרפענע בלעטלעך די יידישע צעטומלטקייט אויף די וועלט־געמאַרקן; שאַרפע כאַראַקטער־סקיצירונגען, עקספּרעסיוו.

אין דער צייט, ווען שלום אַש און זלמן שניאור זענען געזעסן אין זייערע העל־פאַנטביין־טורעמס און באַשריבן דעם עבר פון אַ ווייטער געדעכעניש. מיר האָבן געלעבט צווישן זיי, אָבער גאָר אַן אַנדער ברויז האָט אונז געטראָגן. אין יענעם יאָר בין איך געווען אַ בן־בית ביי זלמן שניאור. ער האָט דעמאָלט רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן זיין פיל־בענדיק ווערק „קיסר און רבי״. מיטן מייסטער זלמן

שניאור פֿאַרבינדן מיך אומפּאַרגעסלעכע מאָמענטן. ער איז געווען אַ יושב־אוהל, האָט געווױנט אין פּאַנטענעי־סו־בואַ, אַ מינוט 15 פֿון דער מעטראָ װענסען. ער האָט שטרענג אָפּגעהיט זײַן אַרבעט־צײַט, זײַן רו, צו שלײַפֿן זײַנע גרױסע מײַסטער־װערק. מיר איז אױסגעקומען אָפֿט צו שפּאַנען דורכן װענסענער װאַלד צו זײַן שטיל הױז אין אַ בײמערדיק געסל. איך בין דעמאָלט געװען זײַן סעקרעטאַר, איך האָב אים געהאָלפֿן אָרדענען און דורכקוקן די קאַפּיטלען פֿון זײַן „קיסר און רבי", װאָס איז געװען אױף זײַן אַרבעט־װאַרשטאַט. ער האָט מיך, אַ יונגן שרײַבער, שטאַרק מקרב געװען, געהאָלפֿן מיך בײַם אַרױסגעבן מײַן ערשטן ראָמאַן „דער מאַרש אױף בריסק"; האָט מיך געשאַפֿן אַ דרוקער, אַ מעצענאַט און איז אַ׳ײַן געקומען באַשײַנען מײַן שמחה, װען דאָס בוך איז דערשינען.

ער פֿלעגט מיר געװײנלעך אױפֿנעמען אַרום 4 אַזײגער, צו „קאַטרער". ער איז אַראָפּגעקומען פֿון זײַן אַרבעט־צימער מיט דער שמאָלער שטיג, אין אונטער־שטן סאַלאָן. די דינסט האָט דערלאַנגט טײ מיט מילך, ברױט מיט קאָנפֿיטור. „עסט, עסט — האָט ער מיך געמונטערט — איר זעט אױס בלײך". אים האָבן שטאַרק אינטערעסירט די לאָקאַליזמען און שפּראַך־פֿאָרמען פֿון מײַן געגנט אין פּאָלעסיע; װײַל דער זאַפּטיקער ייִדיש אין זײַן קאַנט, אין װײַסרוסלאַנד, מאָהילעװער געגנט, בײַם דניעפּר, האָט אין זײַן לשון־זאַפּטיקײט אין אורשפּרונג, געהאַט עפּעס גע־מײנזאַמס מיט אונזער דיאַלעקט. נאָכן אונטערלערנען דאָס הארץ, האָט ער מיך מיט־גערופֿן און מיר האָבן אַװעקגעשפּאַנט איבער די שטילע אַלײען פֿון װענסענער װאַלד, בײַ דער אַזיערע מיט די שטאָלץ־אַרומשװימענדיקע שװאַנען, מיט דער קלײַ־נער קאַפֿײ בײַם װאַסערל, אַ שטיל װינקל אָפּצורוען דעם בליק, דאָס געמיט.

ס׳איז אײנמאָל אױך בײַגעװען מיט אונז דער קרעפּטיקער פּראָזע־שרײַבער א. מ. פֿוקס. ער איז נאָר װאָס געהאַט אַנטרונען פֿון װין, אָקופּירט דורך די נאַציס. פֿוקס, װידער, האָט געשטאַמט פֿון אַן אַנדער זאַפּטיק־ייִדישער געדיכטעניש, פֿון מזרח־גאַליציע. װי אַן אַלטער װינער, איז אין זײַן שפּראַך־אוצר געװען אָפּגעזעצט די געדיכט־געמאָלענע נאַטוראַליסטישע פּראָזע. געװען צװישן אונז דרײַ אַ מין פֿאַרמעסט, אַ געבליץ פֿון ייִדישער שפּראַך־עשירות. דרײַ דורות, װײַל איך האָב זיך דערפֿילט צװישן די בײדע באַרימטע שרײַבער װי אַן אײניקל.

ס׳װאָלט געװען אינטערעסאַנט צו דערצײלן װעגן די שיחת חולין, װעגן דער תורה שבעל פּה פֿון אַזאַ מעכטיקן שרײַבער װי זלמן שניאור. מ׳האָט געזאָגט װעגן אים, אַז ער איז אַ פֿאַרביטערטער, אַ כעסן. אָבער איך קען עס נישט זאָגן, פֿאַרקערט, ער האָט מיר אַרױסגעװיזן אַ סך װאַרעמקײט.

עטלעכע יאָר האָב איך שװער געאַרבעט, איבערגעאַרבעט, געשלײַפֿט דעם מאַנוסקריפּט פֿון מײַן ערשטן ראָמאַן „דער מאַרש אױף בריסק". איך האָב דאָרט אידעאַליזירט די ייִדישע באַדנלאָזע, קעמפֿערישע יוגנט אונזערע אין מײַנע פּאָליע־סער מקומות, און נאָכמער אפֿשר — די אָרעמע װײַסרוסישע, אוקראַאינישע דאָרפֿס־מענטשן, אין קאַמף קעגן פּױלישן אָקופּאַנט; די זעלבע, װאָס האָבן דערנאָך גע־האָלפֿן די דײַטשן אומברענגען די ייִדישע געטאָס; און דאָס טוט מיר ביזן הײַנטיקן טאָג װײ.

אין די זומערדיקע אָונטן איז מען נאָך אַלץ געזעסן אויף די טעראַסן פון דער קאַפע „טענען“ אויפן רעפובליק. דאָ איז געווען אונזער אָפּצווייג פון מאָנפּאַרנאַס, נאָנט צו די געדיכטע־באַזעצטע קוואַרטאַלן פון יידן, שניידערס. די קאָפע „טענען“ איז באַזעצט געווען פון יידישע אַקטיאָרן, יידישע שרייבער. אין יענעם זומער איז מאָריס שוואַרץ מיט זיין טרופּע אַראָפּגעקומען קיין פּאַריז גאַסטראָלירן מיט זיינע באַרימטע קרעאַציעס „יאָשע קאַלב“, „די ברידער אשכנזי“ פון י. י. זינגער. נאָכן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס מיט אַ יאָר פריער, ווען מיר האָבן דאָ געזען די פּני פון אונזער יידישער ליטעראַטור, האָט עס אַ רגע אויסגעזען, ווי דאָ, אויפן פּאַריזער ברוק, וואָלט אַ שיין געטון די זון פון אונזערע גייסטיקע צענטערן, כאָטש אויך דאָס איז געווען נישט מער ווי אַן אילוזיע.

אויף דער טעראַסע פון קאַפע „טענען“ איז יעדן נאָכמיטאָג געזעסן דער פּאַריזער שרייבער וו. וועווויאָרקע מיט זיין ווייב גיטעלע, אַ טייערע נשמה, אַ שרה בת טובים. זי האָט געפלעגט אין אַ קוישל מיטברענגען סענדוויטשן, און זיי בשתיקה אָפּשטעקן די אויסגעהונגערטע יונגעלייט. אויך איציק מאַנגער האָט זיך אין יענעם יאָר אַריבערגעכאַפּט קיין פּאַריז. די גאַרסאָנען האָבן שוין אָבער מאַנגערן גוט געקענט. ער האָט באַשטעלט ביי זיי נאָר שאַרפּע געטראַנקען. איינער פון זיי האָט זיך שטאַרק געווונדערט : „דער מעסיע רופט זיך מאַנגער (אין פראַנצויזיש קלינגט עס : מאַנזשעי, ד. ה. עסן) און... טרינקט כסדר“... מיר זענען געווען אַ סך יונגער פון מאַנגערן, און האָבן זיך ערשט פאַרמאָסטן צום גרויסן פלי. שולשטיין האָט דער עיקר געזונגען צו דער האַרטער פויסט פון וועלט־פראָלעטאַריאַט, פונקט ווי פון די יידן, וואָס שטייען אין ביטערן קאַמף קעגן פאַשיזם אויף די שפּאַנישע שלאַכטפעלדער. איך האָב אין מיין מאַנסאַרדע אויפן 6־טן שטאָק געמאַכט די ערשטע אָנוואורפן צו מיין עמיגראַציע־ראָמאַן „די יידן פון בעלוויל“, מיט דער גאַנצער טראַגיק פון אויסגעוואָרצלטקייט. און מאַנגער האָט געקוקט אויף אונז מיט אַ קלוגן אומעט. מ׳האָט געפילט, אַז עפּעס גריזשעט אים אינעווייניק. דעם שוואַרצן קאַפּעלוש פאַררוקט טיף איבערן שטערן, שיקלדיק אַביסל מיטן אויג, אַ לאַנגער, אַ דאַרער, האָט ער געשפּאַנט איבערן בולוואַר, ווי אין טראַנס. ער האָט שוין זיין גרויס באַלאַדעסק פאָלקס־ליד, זיינע גראָטעסק־טראַגישע חומש־ און מגילה־לידער, געהאַט הינטער זיך. ער האָט שוין אפשר געפילט, אַז די קוואַלן, פון וועלכע ער האָט געשעפּט, דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום, איז אים אויסגערונען אויף אייביק, אַז ער וועט זיך שוין מער קיינמאָל אַהין נישט אומקערן.

ס׳איז געווען די געבויגענע מאַנסאַרדע, אויפן זעקסטן שטאָק, אונטערן סאַמע דאַך, מיט אַן אויסבליק דורכן דאַך־שייבל אויף די פאַרקאָפּטשעטע קוימענס און טויבן־נעסטן, איבער די אַלטע דעכער פון פּאַריז, ווו כ׳האָב זיך אויפגעהאַלטן. דער גערויש פון דער שטאָט איז דערגאַנגען ווי פון וויט, צוגעדושעט, מיט אַ פאַרשטיקטן אָפּהילך פון די געדיכטע אַרטעריעס. ערגעץ אונטן האָבן געהילכט די ברוקן, וואָס האָבן געפירט צו די נאָנטע וואָקזאַלן. אונטער די דעמפּיקע דעכער פון פּאַריז האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן אין די הייסע זומערן, הונגעריקע, געפרוירן אין

די פייכטע פֿאַריזער ווינטערן און געחלומט פֿון וועלט־דערליידזונג, כּדי נאָך אַמאָל אומצוקערן זיך צום היימישן ברעג.

אין דער מאַנסאַרדע אונטערן דאַך האָבן פֿאַרבלאַנדזשעט די קליינע, בלייכע מיידלעך פֿון די פֿאַרשטעקטע שניידער־אַטעליעס, מיט צעשטאָכענע פֿינגער פֿון געניי, אָבער מיט אַ יונגן געלעכטער; די מיידלעך פֿון בעלווילער אַרבעטער־קלוב. צווישן טאָג און נאַכט האָבן זיי שטיל אַ קלאַפּ געטון אין דער טיר און כ׳בין מיט פֿלאַטער זיי געלאָפֿן אויפֿמאַכן. ס׳איז געווען צווישן אונז ווי אַ וואָרקעריי פֿון טויבן. ס׳איז מיטאַמאָל ליכטיק און היימלעך געוואָרן אין דער איינזאַמער, פֿאַרלוירענער נעסט. אויפֿן טיש — דאָס אָרעמע מאָלצייט, אַ שטיקל ברויט, אַ פּאָר טאָמאַטן, פּאַרטרונקען מיט אַ גלאָז קאַלט וואַסער פֿון קראַן, האָבן מיר מיט הונגעריקע ציי־נער און לאַכן, פֿאַרצערט.

כ׳האָב זיך אויפֿגעכאַפּט מיט טאָג־צוגלייך, אַוועקצוזעצן זיך צום טיש מיט די אָנגעוואָרפֿענע כתבים, צו פֿאַרצייכענען פֿון שווערן, איבערגעלאָדענעם געמיט. כ׳האָב טיילמאָל דערבליקט די פֿאַרגעסענע פּיזשאַמע אויפֿן שטול־אָנלען, אויפֿן טשוואָק, מיידלשע שטוב־לעטשלעך ביים בעט, און ס׳איז וואַרעם געוואָרן אויף דער נשמה. מ׳האָט נאָך דאָ ערגעץ געפֿילט אומשוועבן דעם זיסלעכן מיידלשן אַראָמאַט. אַ בלויער הימל איז אין יענעם לעצטן פֿרי־האַרבסט געהאָנגען איבער די דעכער און פֿאַרקאָפּטשעטע קוימענדלעך. פֿאַרנאַכט־צייט בין איך מיט אַ פֿלינקן, יינגלשן טראָט אַרונטער צו דער טעראַסע פֿון קאַפֿע „טענען״. דאָרט איז שוין געווען פֿול באַזעצט מיט אַ היימישן עולם. די יידישע לופֿט איז נאָך דעמאָלט געווען געשפּאַנט מיט שעפֿערישן שווונג. דאָ איז געזעסן דער טעאַטער־דירעקטאָר, דער באַרימטער לאַקטיגער, מיט דער פֿייקע פֿאַרשטעקט צווישן די דיקלעכע ליפּן; ער האָט גע־קלאַפּט מיט די פֿאַלשע ציינער און גערעדט צו די אַקטיאָרן: „ווער צאָלט גאַזשע, ווער, איך, צי שעקספּיר ?״... דער שרייבער וועוויאָרקע איז ווייט געווען פֿון אונ־זערע דעמאָלטיקע אידעאַלן, איז נישט מיטגעריסן געוואָרן מיטן „סאָציאַליסטישן רעאַליזם״. פֿונדעסטוועגן האָט ער אין יענע טעג פֿון פֿאָלקס־פֿראָנט מיטגעשפּאַנט מיט אונז אויף די הילכיקע ברוקן. די מאַסן האָבן געהויבן די פֿויסטן, סקאַנדירט: „לע סאָוויעט פּאַרטו !״ (די סאָוויעטן — אומעטום). און ער, דער קליינער ייד מיטן אַסירישן בערדל, האָט סקאַנדירט: „זאָל גאָט אָפּהיטן !״... מיר האָבן געלאַכט. אפֿשר איז ער שוין דעמאָלט קלוגער געווען פֿון אונז.

מיר האָבן איבערגעלעבט דעם ערב אונטערגאַנג פֿון אונזער יידישער וועלט, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געברויזט מיט גרויסע אידייען. מיר האָבן נאָך אַלע דעמאָלט געגלויבט, אַז פֿון „לאַנד פֿון סאָציאַליזם״ וועט אויפֿגיין די גרויסע האָפֿענונג. ס׳איז אָבער געווען נישט מער ווי אַ שפּיל פֿון וועלט־מערדער, און אונזער גורל — אויפֿן הפקר.

אין יענעם סוף־זומער זענען געשטאַנען אַזעלכע מילדע טעג. אויף דער געדיכט־באַזעצטער טעראַסע פֿון „טענען״ האָבן זיך אומגעריכט באַוויזן נייע מענטשן. זיי האָבן אָנגעזאָגט דעם שטורעם. פּונקט נאָר וואָס באַזעצטן ווין דורך די היטלער־באַנ־דעס, איז אין יענעם זומער געקומען אַנטלויפֿן אַהער דער קרעמפּער, שטאָמי־

קער פראַזע־מייסטער א. מ. פוקס. פון אונטער זיינע געדיכטע ברעמען־בערשטלעך און פאַרוואַקסענע פיאות אין די מאָגערע באַקן, האָט אַראָפּגעקוקט מידקייט און אַנגסט. ער אַליין האָט טאַקע אויסגעזען ווי איינער פון זיינע געזונטע דאָרפס־יידן, וואָס ער האָט זיי אַזוי פּלאַסטיש אָפּגעמאָלט אין זיינע דערציילונגען „ווינטער" און „אויפן בערגל". ער האָט געשטאָלפּערט מיטן שטעקן אין טראָטואַר און שווער אַראָפּגעלאָזן זיך אויף אַ שטול.

— ביטער... ביטער... — האָט ער יידישלעך געקרעכצט — געדענקט, יידן, די נאַצישע עפּידעמיע קען זיך אַהער אויך דערקייקלען. גוואַלד יידן, וווהין אַנט־לויפט מען ?

איציק מאַנגער, וועלכער האָט זיך דאָ געוואַלגערט אין אַ זייטיק האָטעלעכל, האָט דעם שוואַרצן ברייטלעכן קאַפּעלוש פאַררוקט איבערן טיפן געוועלבטן שטערן, האָט אַ זופּ געגעבן פונם גלעזל, אַ שיקל געטון מיטן לינקן אויג :

— ווי דו זעסט, ברודער, פאַרגיסט מען דעם וואָרעם מיט אַ גלעזל יי"ש. אייערע פּאָליאַקן... כ'האָב פון וואַרשע אויך געמוזט עוקר זיין. עפּעס פּוילט דאָרט אינם דענישן קעניגרייך... ס'איז מיר נאָר אַ רחמנות אויף מיינע טייערע יידן...

נאָך מינכען איז אויך דאָ אויף אַלעמען העגנען געבליבן אַ שוואַרצער וואָלקן. אַפילו דער אַריסטאָקראַט זלמן שניאור, וועלכער האָט זיך זעלטן באַוויזן צווישן עמך־יידן, האָט זיך אויך איינמאָל דאָ באַוויזן. ער האָט נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט זיין פיל־בענדיקע עפּאָפּייע „קיסר און רבי", וועגן דער שטורמישער נאַפּאָלעאָנישער עפּאָכע. ס'האָט זיך שוין געפילט ביי אים אַ מין גייסטיקע מידקייט. ער האָט זיך דאָ באַוויזן אין אַ פאַרנאַכט, מיט זיין שלאַנקער געשטאַלט פון אַ פּרינץ, דאָס גרוי־ווערנדיקע בערדל אַביסל צעשויבערט. מ'האָט דערפילט, אַז ס'איז עפּעס אומגע־ווינלעך. ער איז אַרויף מיט די זייטיקע טרעפּלעך אויפן ערשטן שטאָק. דאָרט האָט שניאור געקיניגט. מאַנגער איז געקומען אַראָפּלאָזן זיך דערלעבן. און א. מ. פוקס האָט געלאָזן הערן זיין ברייטן גאַליציאַנער לשון :

— יידן, עך וויל אייך נישט אַזויפיל שווער מאַכן ס'געמיט...

— טאָ ווו זאָלן מיר לויפן ? — האָט שניאור געפרעגט.

ס'האָט געקענט אויסזען, אַז אויף מאַנגערן מאַכן די אַלע רייד נישט קיין איינדרוק. ער האָט זיך פאַרוויקלט אין סיגאַרעטן־רויך, אַנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל פון דער פלאַש. אַביסל שגצעוואַטע, האָט ער פאַר שניאורן פאָרט געהאַט אַביסל דרך ארץ. אויך שניאור איז דאָסמאָל נישט געווען אַזוי פאַרריסן. ס'איז געווען צער און געבראָכנקייט אין זיינע באַדאַכטע רייד. דער שיינער מאַנספאַרשוין, וואָס האָט פאַרכאַפּט ס'אויג מיט זיין קעניגלעכער געשטאַלט, האָבן זיך אין גאַנג זיינע אַקסלען יידישלעך אַראָפּגעזונקען. ווי ער וואָלט דערפילט, אַז מען זעט זיך אפשר צום לעצטן מאָל.

וויל אינגיכן איז די טעראַסע געבליבן ליידיקלעך. כמעט אַלע זענען פאַר־שווונדן, זיך צעפאָרן, זיך צעלאָפן וווהין ווער ס'האָט געקענט. א. מ. פוקס האָט זיך אַריבערגעכאַפּט צום פאַרנעפּלטן לאָנדאָן, ווו ער איז שוין פאַרבליבן איבערוויג־טערן, ווי אַ בער אין דער נאָרע, ווי אַ פּליט, ביז איבער דער מלחמה. איבער פּאַריז

איז געהאָנגען אַ דינער, פּרי־האַרבסטיקער נעפּל. אַ קילע זון האָט אָפּגעגאָסן אַ העלפט מויערן פון מאַסיוון בלאָק הייזער פון „האָטעל מאָדערן". אויף די גאַסן זענען אין די אָונטן געגאַנגען פּאָליציי־אַבלאַוועס. מ'האָט שטרענג לעגיטימירט. ס'איז אויך שוין געווען אַ שטילע בהלה אין די קאַפּייען, ווו יידן האָבן זיך געוויינלעך גע־קליבן אויף די טעראַסן.

צום לעצטן מאָל האָב איך דעם מייסטער זלמן שניאור געזען אין די ערב־מלחמה־טעג אויף דער טעראַסע פון קאַפע „טענען". אין זיין צערודערטן בליק האָב איך מיטאַמאָל דערפילט, ווי אַ גאַנצע תקופה אין יידישן לעבן שליסט זיך אָפּ. ער האָט אָבער מיט זיין שאַרפן חוש נאָך פריער פאָראויסגעפילט וווהין מיר גייען. ער האָט נאָך מיט יאָרן פריער פאַרעפנטלעכט זיין פּאָעמע אין העברעאיש „ימי הבניים", „די טעג פון מיטלאַלטער", ווו ער האָט געוואָרנט, אַז מיר גייען צוריק צו פינצטערע צייטן; ער האָט בחוש געזען די פלאַמען פון אינקוויזיציע־שייטער־הויפנס. כ'האָב דעמאָלט געטראַכט — ווער ווייסט ווען מיר וועלן זיך נאָך זען? כ'האָב אים צוריקגעזען מיט יאָרן שפּעטער אין תל אביב. איך האָב אים באַגריסט אויף דער טריבונע פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין, בעת דער פייערונג לכבוד זיינע 70 יאָר, ביי דער זייט פון זרובבל און גראָס־צימערמאַן. איך האָב אים דערמאָנט די יאָרן אין פּאַריז. ער האָט מיר האַרציק געדריקט די האַנט, אויסגעפרעגט זיך, דערציילט. ס'איז געווען בענקשאַפט אין זיין בליק, אין זיינע רייד. דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל.

מאַנגערן האָב איך אויף דער לייִדיק־געוואָרענער טעראַסע פון „טענען" געטראָפן זיצן איינער אַליין. וואָס האָט ער געזען פאַר זיין קלוגן, פאַרגייסטיקטן בליק? אפשר דעם אונטערגאַנג פון זיין יידישער וועלט, דורות־אַלט, אַריינגע־וואַקסן אין די הויכע גראָזן און סטעפּעס פון זיין וואַלאַכיע, בוקאָווינע, מאָלדאַוויע, צי בעסאַראַביע. ר'האָט שוין אפשר געזען די פּוילישע יידן, וואָס פאַרשווינדן פון דער סלאַווישער לאַנדשאַפט. יעדער איינער פון די גרויסע שעפער פון אונזער דור האָט געטראָגן אין דעם סוף־זומער אויף זיינע מידע, געבויגענע אַקסלען דאָס נישט־דערזונגענע ליד, די נישט־אויסגעלעבטע בענקשאַפטן פון זייער אַלטער, אוראַלטער יידישער וועלט.

אויפן הויכן גאָרן פונם אַלטן הויז, ווו כ'האָב זיך אויפגעהאַלטן, בין איך לאַנג שטיינגעבליבן ביים אויפגעשפּאַרטן דאַך־שייבל צווישן די פאַררויכערטע קוימענס, און האָב איינגעזאַפּט אין זיך דעם מילדן אָוונט־ווינט. דער הימל איבער מיר האָט רויט געברענט אין שפּעטן זון־פאַרגאַנג. דער קאָפּ איז מיר געווען אין פלאַמען. איך האָב געזוכט דורכצודרינגען דעם נעפּל, וואָס איז פּלוצים אַנגעפאַלן אויף אונזער יידישער וועלט, פול מיט שעפערישע פּאָטענצן, וואָס האָבן זיך דווקא דעמאָלט אַזוי שיין צעבליט.

די וועגן האָבן יעדן איינעם פון אונז דערנאָך שוין געפירט לויט זיין גורל. די מלחמה האָט איבערגעשטראָכן אַלע אונזערע טרוימען און וויזיעס. מיר זענען פּלוצים שטיינגעבליבן אין אַ וועלט פון וועלף. נישט דווקא די שטאַרקערע האָבן איבערגעהאַלטן. דער נאַטירלעכער אָפּקלייב האָט דאָ נישט געגאָלטן, נאָר עפּעס אַ

בלינדער גורל האָט בלויז אַ קליינעם טייל פון אונז געלאָזן ביים לעבן. ער האָט אונז געלאָזן אפשר דערפאַר, כדי צו פאַרצייכענען דעם גאַנג פון אונזער טראַגישן דור. איך האָב צוערשט געמיינט, אַז איך בין אַ פאַרלוירענער און פאַרגעסענער אין מיין דאַך־שטיבל, אָבער אויך צו מיר האָט זיך אינגיכן דערקליבן דער שטורעם.

אַגינסקי׳ס פאַלאַנעז — „געזעגענונג מיטן פאַטערלאַנד״

אין אָקטאָבער 1939 בין איך איינער פון די ערשטע, צוזאַמען מיט אַלע מיינע יידן פון בעלוויל, אַוועק, ווי אַ פרייוויליקער, אין דער מלחמה קעגן נאַצי; געקעמפט אויפן צפון־פראָנט, אַריינגעפאַלן אויף 5 יאָר אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. 5 יאָר צייט האָב איך געלעבט אין גרויס בענקשאַפט נאָכן יידישן אות. אַ סך אידייאישע איינשטעלונגען זענען פאַר דער מוראדיקער צייט צעטרייסלט געוואָרן, און כ׳האָב גאָר אַנדערש דערזען — דעם יידישן גורל. צווישן די שטעכל־דראָטן אין בייערן, אין דער אָבערפאַלץ, האָב איך שוין נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן נאָך אַמאָל פריי ווערן. מיר האָבן געזען אַרום זיך דעם יידישן אומקום, אַ טריט פון גיהנום דאַכאַו.

אין יענעם ביטערן ווינטער, סוף 1940, בין איך, ווי אַ זעמדל אין שטורעם־ווינט, צוזאַמען מיט טויזנטער פראַנצויזישע סאָלדאַטן, פאַרטראָגן געוואָרן אין געפאַנגען־לאַגער מאַסבורג, צווישן די געדיכטע בייערישע סאָסנע־וועלדער; דער־נאָך — אין בערגיקן געביט פון דער אָבערפאַלץ, אויפן וועג צום טיראָל. די באַראַקן אין מאַסבורג האָט שוין דעמאָלט אָנגעפילט אַ גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל פון די צעקלאַפּטע אַרמייען — פּאָליאַקן, פראַנצויזן, בעלגיער, האָלענדער, שפּאַניער. צי האָט מען דען געקענט אויסבאַהאַלטן די יידישקייט אין סאַמע פּיסק פון נאַצישן וואָלף ? ס׳איז אָבער, פאַרקערט, אויפגעשטיגן אין אונז אַ געפיל פון שטאָלצער יידישקייט. נאָר אונזער ריי צו די קרעמאַטאָריעס איז נאָך, זעט אויס, נישט געקו־מען. בעלווילער יידן, די מערסטע שניידערס, האָבן זיך געטוליעט בייזאַמען, זיך געשפּייזט מיט ברעקלעך אילוזיעס וועגן אַ גאָר גיכער הילף, וואָס וועט קומען, מ׳ווייס נישט פון וואַנען. ס׳איז געווען טיפער ווינטער אויף דער וועלט. דער נאַצי־שער שטיוול האָט געשפּאַנט פון לאַנד צו לאַנד.

ס׳איז זייער מאָדנע אַ טראַכט צו טון, אַז ביז סעפּטעמבער 1939 איז נאָך ביי אונז אַלעמען דער בליק אויף אונזער יידישער טראַגיק געווען, אייגנטלעך, אַזוי אומבאַשטימט, צעשוומען, ממש נאַיוו. מיר האָבן עפּעס געדענקט אין גאַנץ אַנדערע קאַטעגאָריעס, זיך פאַרוויגט אין שיינע, נישט קאָנטראָלירטע פראַזן, אילוזיעס, אַז — דער סאָציאַליזם וועט שוין אַלץ לייזן. ביראָבידזשאַן... קרים... מיט איין וואָרט. ארץ ישראל איז נאָך אַלץ געווען אַ ווייטע אוטאָפּיע אין אונזער באַוווסט־זיין. מיר האָבן אַפילו נישט באַלד באַנומען, אַז מיטן סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך איז, אייגנטלעך, אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ טויט־אורטייל אויף אונז. ערשט אין די יאָרן פון געפאַנגענשאַפט האָב איך צייט געהאַט נאָכצוטראַכטן, נאָכצוקאָנטראָלירן, אין דער גרויזאַמערווירקלעכקייט אַרום מיר.

די שלאַכטן פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, פון די פרייוויליקע רעגימענטן אין דער סאָם־געגנט, צפונדיק פון פּאַריז, האָבן זיך קורץ פאַרענדיקט. מיר זענען געווען אויסגעליפערט, אַרומגערינגלט. מער ווי אַ ביקס אויף אַ שטריקל האָבן מיר נישט פאַרמאָגט צו קעמפן קעגן שווער־־באַוואָפנטן שונא. צוזאַמען מיט די צוויי מיליאָן פראַנצויזן, זענען די פּאָר טויזנט יידישע סאָלדאַטן געפירט געוואָרן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, צו די שטעכל־דראָט־לאַגערן אויף דער אומפריינטלעכער דייטשער ערד. כ׳האָב דאָ געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען נישט בלויז דעם פשוטן פראַנצויז, דעם אינטעליגענט, דעם באַאַמטן, דעם קליינבירגער, דעם פּויער, דעם פּראָפעסיאָנעלן סאָלדאַט, נאָר אויך צו באַקענען יידן, יידישע שבטים פון אַלע לענדער, מיט זייער קולטור, מענטאַליטעט, מיט זייער בליק אויף אונזערע יידישע פּראָבלעמען; יידן פון רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע, ליטע, יוגאָסלאַוויע, גריכנלאַנד, טערקיי, דייטשע און עלזאַסער יידן. פּלוצים האָבן מיר זיך אַלע דערפילט אונטער דער האַק פון געמיינזאַמען גורל. מיר זענען אָפּגעטיילט געוואָרן אין באַזונדערע באַראַקן, אין אַ באַזונדער לאַגער, צוזאַמען מיט „אַוואַנטוריסטן״, „שלעכטע פראַנ־צויזן״ און יידן. אין איינעם אַ טאָג האָט מען אונז אַפילו גערופן צו רעגיסטרירן אַלע יידן. אַ ציווילער, זייער אַ העפלעכער מאַן, האָט אין אַ ספּעציעלער ביורא די יידן אויסגעפרעגט, פאַרצייכנט. דאָס איז געווען אַ מאַן פון דער געסטאַפּאָ. עס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז מ׳וועט אונז איינגיכן אַוועקשיקן פון דאַנען ערגעצוווּ.

פונדעסטוועגן האָט עס אַ פאַרבלאָנדזשעטן ייד פון פּוילן מאָדנע אַ ציי געטון צו די באַראַקן פון די פּוילישע געפאַנגענע. אין דער פרעמד, צווישן די דייטשע שטעכל־דראָטן, האָבן זיי זיך אַפילו מיט אַ ייד פון פּוילן אויך דערפרייט. פּאָרט לאַנדסלייט! כאָטש ס׳איז געווען אַ מין שפּיציק געלעכטערל אויף זייערע רויע פּנימער, אין זייערע וואַסערדיק־בלויע אויגן. זיי האָבן זיך געהאַלטן ריינלעך, ריי־נער ווי די פראַנצויזן. זייערע שטיוול האָבן געגלאַנצט, זייערע מונדירן זענען גע־לעגן אויף זיי נעט, געפּרעסט. דאָס פּוילישע אָדלערל האָט שטאָלץ אַראָפּגעקוקט פון זייערע פיר־שפּיציקע היטלען. אין זייער בליק — די אַלטע פּוסטע גאווה.

יעדער איינער האָט זיך געפּרעסן מיט זיין אייגענער בענקשאַפט. אונזער בענקשאַפט האָבן די פּאָליאַקן נישט געקענט, נישט געוואָלט קענען, אָבער מיר — זייער מאָדנע — מיר האָבן זיי געפילט, זייער פּוילישע, סלאַווישע בענקשאַפט. איז זי דאָך אַ טייל פון אונז, נאָר זיי ווייסן עס נישט און ווילן עס גאַרנישט אָנער־קענען. אָבער דאָ, צווישן די באַוואַכטע שטעכל־דראָט־צוימען, האָבן מיר עס גע־מיינזאַם דערפילט. זיי האָבן געהערט דאָס פּוילישע לשון אין אונזער יידיש מויל, און מ׳האָט זיך דערפילט אין דער געמיינזאַמער צרה. מ׳האָט זיך געטיילט מיט אַ פּאַפּיראָסל, אַפילו אַ שטיקל ברויט. כ׳בין אַריין נעמען אַ בוך אין זייער ביב־ליאָטעק. כ׳האָב נאָך אַמאָל איבערגעלייענט „מיט פייער און שווערד״ פון הענריק שענקעוויטש, „פּאַן טאַדעאוש״ פון מיצקעוויטש, און ס׳האָט אַ פאַרשמעק געטון מיט אַלטע, ליבע אַראָמאַטן. איין מאָל אין וואָך איז אין אָוונט פאַרגעקומען אין זייער באַראַק אַ קאָנצערט פון סימפאָנישן אָרקעסטער, אָנגעפירט דורכן דיריגענט פון לעמבערגער ראַדיאָ. ס׳האָבן פאַרוויגט די אַלטע, בענקענדיקע מעלאָדיעס —

שאַפּען, וויעניאַווסקי, אַגינסקי, מאַניושקאָ. מ׳איז געזעסן שטיל, מיט האַלב־פאַר־מאַכטע אויגן, מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, ווי ביי אַ תפילה. ביי אייניקע האָב איך אַפילו באַמערקט אַ טרער אין אויג, ווען מ׳האָט אויסגעפירט אַגינסקיס פּאָלאָנעז „געזע־געגונג מיטן פאָטערלאַנד" — דער וועג קיין סיביר פון פוילישע „פּאָווסטאַנצעס"; אָדער מאָניושקאָס „ס׳רוישן די יאָדלעס אויף די בערג־שפּיצן".

די פויערים פון נידער־בייערישן קאַנט, מיט די צעווינטיקטע פּנימער, מיט דער פאַרשטעקטער פּיפּ צווישן די ציינער, האָבן דאָ, אויפן מיטנוועג צווישן נירענבערג און רעגענסבורג, אויפגעאַקערט דעם פעלזיקן באָדן צווישן די שיפּע אַראָפּהאַנגען, באַדעקט מיט אַ רינג געדיכטע נאָדל־וועלדער. נאָכגייענדיק דעם אָקס אינם אַקער, האָבן זיי אויפגעקליבן די רעשטלעך פון פאַרגעסענע הונען־קברים, צעזייט אין די טאָלן פוןביידע זייטן דונאַי.

ווינטער, אין די מעטערדיקע שנייען, האָבן זיי די יידן־קאָמאַנדאָ געפּאַנגענע, מיט טאָג־גרויען, אַרויסגעטריבן צו די וועלדער, מיטן אויסגעטרעטענעם שטעג, באַרג־אַרויף, אונטערן באַיאָנעט, אונטער די פּילגאַרנדיקע קללות אינם בייערישן דיאַלעקט. ביז טונקל ווערן, האָבן די געפאַנגענע אונטערגעזעגט די שטאַמען, אַרומגעהאַקט, געשניטן, צוזאַמענגעשטעלט אין סטערטעס דאָס בוי־געהילץ, אַנגעלאָדן אויף אַ טראַקטאָר און געוואָרפן עס מיט שליטעס באַרג־אַרונטער, צום רוישיקן וואַסערל ביים טאַרטאַק פון אַלברעכט מייער, דעם פּאַרטיי־לייטער און בירגערמייסטער פון דיטלדאָרף. מיר האָבן זיך צוריקגעקערט, ווען אין טאָל האָבן אַ לויכט געטון די באַראַקן־שייבלעך, פאַרשפּינטע אין שטעכל־דראָט, און בלויע רויכן זענען אויפגעשטיגן פון די נידעריקע פּאַפּע־דעכלעך.

אין געלע שטיוול, מיטן גרין־בראָדירטן בייערישן וועסטל, מיט פעדערל אין גרינעם קאַפּעלושל, האָט דאָ אַלברעכט מייער יעדן אין דער פרי דורכגאַלאָפּירט אויפן גרוי־געפלעקטן רייט־פערד די וואַלד־סטעזשקעס, דעם פלאַץ, פאַרוואַלגערט מיט געהילץ. מיט די קליינע „פּירער"־וואָנסעלעך, האָט ער שנעל און וויכטיק אַלץ אַ באַקוק געטון. זיין אייגנס האָט ער איצט פאַרמאָגט אַ גרויסע פּערמע, אַ ביר־ברויעריי און דעם טאַרטאַק ביים רוישיקן באַרג־וואַסערל. ערב היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט ער זיך דאָ אַרומגעדרייט אין אַ פּאָר אויסגעריבענע הויזן פון אַ קאָוואַלעריסט, געוועזן יד־אחת מיט דער פּאָליציי, מיט די ס.ס.־שטורעם־פּירער. נאָך דער „מאַכט איבערנאַמע", איז ער גלייך באַשטימט געוואָרן בירגערמייסטער און פּאַרטיי־לייטער פון קאַנט אין דיטלדאָרף. די אַלע פאַרמעגנס, קאָנפיסקירט ביי קאָמוניסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, ווידערשפּעניקע קאַטאָליקן, וואָס זענען אַלע דורך זיין האַנט פאַרשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, זענען ביסלעכווייז אַריבער אונטער זיין אויפזיכט.

זיין הויכער גאַניק אין ברייטן, פעסט־געמויערטן הויז פון שטיינער, האָט אַראָפּגעקוקט פון דער סאַמע הויך פעלז צום יידן־לאַגער. די פויערים האָבן אים אין שפּאַס גערופן „הער באַראָן", און זיי האָבן מער אויס מורא, געצויגן פאַר אים דעם הוט, אַריינשלינגענדיק דעם „גריס גאָט". אָבער אויף אַלע שייד־וועגן אין די בערגיקע ישובים זענען געוועזן אָנגעשלאָגן שילדלעך: „אונזער גרוס איז — הייל

היטלער״. מיט די ערדלאָזע פויערים, אָרעמע טייוולאָנים אין דעם קאַנט, האָבן זיך די יידן שנעל פאַרשטענדיקט. פאַר אַ שטיקל חזיר־פעטס, האָבן די יידן ביי זיי פאַרהאַנדלט זייגערלעך, בראַסלעטן, פינגערלעך. געווען צווישן אונז איינער, גאָדל, אַ דרייסט יינגל פון מינסק־מאַזאָוויעצק; אַ געוועזענער לייטענאַנט אין דער אינ־טערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע, אַן איינשטעלער, האָט זיך פאַר גאַרנישט אָפּגעשראָקן, איז דריי מאָל געהאַט אַנטלאָפן, איבערגעטון פאַר אַ וואַלד־וועכטער, מיט אַ פעדערל פאַרשטעקט אין גרינעם הוט.

— האָסט גליק, יודע — האָט אים דער „באַראָן״, דער פאַרטיי־לייטער, גע־דראָט מיטן רעוואָלווער — ביי מיר וואָלט דאָס געריכט געווען קורץ : דערשאָסן ביים אַנטלויפן...

— איך בין שוין אַן איבערגעשראָקענער... — האָט גאָדל געלאַכט מיט אַלע זיינע געזונטע ציינער — און אַז ס׳וועט אויסקומען, וועט מען זיך איבערטון אין די קליידלעך פון פרוי אַלברעכט מייער און ווידער נעמען די לאַנד־שטראָסע...

אַזוי הפקר איז געווען דאָס לעבן אונזערס אין וויסטן האָהענפעלז, אין „ביי־ערישן סיביר״. איך האָב, אין באַראַטונג מיט פ. שראַגער, פאַרפאַסט דאָס ליד, וואָס איז אין לאַגער געזונגען געוואָרן מיט דער מעלאָדיע פון סאָוויעטישן פילם „פעטערבורגער נעכט״, וווּ מען ווייזט ווי מען פירט פון די צאַרישע תפיסות קאַ־טאָרזשניקעס אויף סיביר :

אין שטורעם, אין נאַכט, אין געוויטער,
מיר גייען. עס הילכן די טריט.
עס בלאַנקען די שאַרפן ביי שטאָלערנע היטער
און ס׳ציט זיך אַן אומעטיק ליד.
רעפריין :
מיר גייען געפאַנגען אין דער פרעמד.
די נאַכט האָט פאַרווישט אַלע וועגן,
ס׳פאַרגאָסענע בלוט — נישט געשטילט.
פאַרקויפטע, דעם טויט אין די אָרעמס אַנטקעגן,
מיר גייען דעם טויט אין די אָרעמס אַנטקעגן,
און דאָך איז די שלאַכט נישט פאַרשפּילט.
מיר פּיבערן אויס אויף דער נאַרע
אַ חלום אַז מיר זענען פריי
און שטרעקן די הענט אויס, די בלייכע, די דאַרע,
צו ברענגען די זון אויפדאַסניי.
דורך שטעכיקע דראָטן, אייראָפּע,
מיר זעען זיך מאָרגן באַפרייט.
געשטורעמט וועט ווערן די לעצטע אָקאָפּע
און הילכן וועט ס׳ליד אין דער ווייט :
רעפריין :
ס׳איז אונזער, ס׳איז אונזער דער זיג.

כ׳בין געשטאַנען אויף אַ וויסט, ווינטערדיק פעלד, צווישן סאָסנע־וועלדער און ווילדע באַרג־אַפּריסן, אַרומגערינגלט מיט וועכטער, די ביקסן אויסגעשטרעקט, ביי דער עבודת פּרך, און האָב זיך איינמאָל געזאָגט: אך, ווען מען לאָזט אונז איצט פריי, וואָלט איך צופוס אַוועק ביז עק וועלט, אויפצואַקערן אַ ווילדע ערד און לעבן דאָרט מיט אַן אייגן לעבן. פאַרפאַלן. די וועלט וויל אונז נישט. אָבער אין קיין נסים האָב איך נישט געגלויבט. אַלץ אַרום איז געווען רוי, ברוטאַל, פאַרסמט פון יידן־האַס. אין פוילישן בלעטל פאַר די געפאַנגענע האָב איך געלייענט אַ באַשריי־בונג פון וואַרשעווער געטאָ, פול מיט שנאה און שפּאָט. האָב איך פלוציט געהאַט אַזאַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו זיין כאָטש דאָרט, צוזאַמען מיט אַלע יידן אין געטאָ. צי קען מען זיך דען פאַרשטעלן אַזוי צו בענקען אין משך פון 5 לאַנגע יאָר נאָכן יידישן אות? כ׳האָב פון צייט צו צייט געפּרוּווט עפּעס צו פאַרצייכענען, צו דער־ציילן פון מיין גרויסער פאַרביטערונג, ווי אַזוי מיר זענען דערצו דערגאַנגען. אָבער ס׳איז תמיד געווען אַ געפאַר ס׳זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די דייטשן ביי די אָפטע רעוויזיעס אין באַראַק. האָב איך געשריבן און עס באַלד מיט האַרצ־ווייטיק צעריסן. כ׳האָב איינמאָל געבעטן ביי חברים אין פאַריז מיר צו שיקן אַ אַ קליין תנ״כל. כ׳האָב עס באַקומען אין אַ שפּייז־פּעקל, געשיקט דורכן רויטן קרייץ. כ׳האָב עס צערטלעך געהאַלטן אין דער האַנט, געגלעט דאָס דינע זיידענע פּאַפּיר. ס׳איז דערנאָך סיי ווי קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער לאַגער־צענזור.

ביי דער שווערער האָרעוואַניע — גראָבן קאַנאַלן, אַראָפּרוימען בערגלעך, אויפרייסן פעלזן מיט דינאַמיט, פאַרשיטן טיפע טאָלן, אויסגלייכן דעם באָדן, לייגן שאָסייען — איז געווען, בעת די אָפּרוען מיטאָג צייט, אַ געלעגנהייט צו דיסקוטירן, אויסטוישן אַ וואָרט, סיי מיט יידן, סיי מיט פראַנצויזן. כ׳האָב גערעדט, געדענק איך, מיט היץ צווישן אַ גרופּע פראַנצויזן, יונגע גלחים־סעמינאַריסטן, שול־לערער, פּראָפעסיאָנעלע אונטעראָפיצירן. איך האָב נישט געזוכט זיי צו געפעלן, אָדער איבערצייגן זיי אין אונזער אומשולד קעגן נאַצישן יידן־האַס. כ׳האָב נאָר דערמאָנט מאָמענטן פון אונזער געשיכטע צווישן די פעלקער, זייער אומטאָלעראַנץ, די שיי־טערהויפנס, די גירושים. כ׳האָב אויך ביטער געשפּאָט פון זייער אָנגעבלאָזענער פּאַטריאָטישקייט, און זיי געזאָגט אַז איין טרער פון אַ קינד וועגט מער אַריבער ווי אַלע זייערע קאָלאָניאַליסטישע צילן. ס׳האָט מיר ווי געטון זייער צינישער ביטול צו אונז. כ׳האָב מסתמא אַביסל איבערגעטריבן אויך. און איינער אַ גלח־סעמינאַריסט, אַ יעזואיט, האָט מיר צולעצט געזאָגט, אַז ווען אַזאַ איינער ווי איך בין ביי דער מאַכט, וואָלט איך אַוודאי געווען זייער געפערלעך. מער געצוווּנגען צו פאַרטראַכטן זיך האָט מיר דער זאָג פון איינעם אַן אונגאַרישן ייד, אַ גאַנץ אינטעליגענטער בחור: „ס׳קען אַמאָל געשען — האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט — אַז אויך די סאָוויעטן גופא זאָלן ווערן... אַנטיסעמיטן״... דאָס האָט דעמאָלט ווילד געקלונגען אין מיינע אויערן. אַזאַ וויסטע נביאות האָט אַ ייד אַמאָל אַ וואָרף געטון. און איך בין געווען אַזוי פאַרעקשנט, אַפילו ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען איין רוסישע שטאָט נאָך דער אַנדערער: „זיי וועלן אַלץ צוריקגעבן... — האָב איך געשריגן — אַפילו בערלין וועלן זיי צוריקגעבן״...

לעבן מיר אויף דער אויבערשטער נאַרע איז געשלאָפֿן דער קאָזאַק באָנדאַ־רענקאָ; אַ שטילער מענטש, אַ גלויביקער קריסט, פֿון דעניקינס צעקלאַפּטע אַר־מייען אין דרום־רוסלאַנד; געדינט דערנאָך אין פֿרעמדן־לעגיאָן. ער איז דאָ אַרומ־גאַנגען אַ פּינצטערער, ווען דער דייטש האָט געשפּאַרט אַלץ טיפֿער אין די רוסי־שע פּראָווינצן, ביז ראָסטאָוו, ביז קאַווקאַז. „ניין, סטאַלין האָט נישט באַשיצט דאָס מאַמעלע־רוסלאַנד"... — האָט ער זיך געקלאַפּט מיט דער פֿויסט אין האַרצן.

אונזער אַרבעטס־קאָמאַנדאָ איז אין באַגינען אַראָפּ מיטן אויסגעטרעטענעם שטעג צווישן די סאָסנע־וועלדער, צו לייגן דעם שאָסיי צווישן די ווילדע באַרג־אָפּריסן און תהומען. אונז אַנטקעגן זענען אָנגעקומען די רוסישע געפֿאַנגענע. זיי זענען געווען אומגליקלעכער פֿון אונז. ביי זיי אין לאַגער האָט געפֿאַנעוועט דער טיפֿוס. געשוואָלענע פֿון הונגער, זענען זיי געשטאָרבן מאַסנווייז. זיי האָבן אָנגעפֿילט די מאַסן־קברים הינטערן לאַגער. ביים צוזאַמענטרעפֿן זיך אויפֿן שאָסיי, האָט דער קאָזאַק זיינע פּאָר ציגאַרעטן אַריבערגעוואָרפֿן צו זיי. געוואָרפֿן זיי זיין שטיקל ברויט. די דייטשע פּאָסטנס, אָנגעגאָסן מיט רציחה, האָבן אים אָוועקגעשלעפּט צום לאַגער־קאָמענדאַנט, און באָנדאַרענקאָ האָט זיך געקלאַפּט מיט אַ פֿויסט אין האַרץ: „דאָס זענען מיינע ברידער!". כ'האָב אים נאָכדעם געפֿרעגט:

— דאָס זענען דאָך באָלשעוויקעס... ווי קומט עס ?...

— דאָס זענען מיינע ברידער — איז ער געווען איינגעשפּאַרט — רוסן... זיי פֿאַרטיידיקן דאָס מאַמעלע־רוסלאַנד. זיי וועלן סטאַלינען אויך איבערלעבן...

איך האָב דאָרט געהאַט די געלעגנהייט צו דערלערנען די נאַציאָנאַלע פֿראַגע ביי אַנדערע און — צו דערקענען אַביסל מער אויף אונזער אייגן אומגליק. עס זענען געווען יידן מכל המינים. די אונגאַרישע יידן, אַ צווייג פֿון יידיש־שטאַם, זענען שוין געווען אין צושטאַנד פֿון אָפּדאַרן, פֿאַרדייטשמערישט, פֿאַראונגאַרישט, פֿראַנצוזירט. זיי האָבן אַפֿילו נישט געוווּסט, אַז הערצל, מאַקס נאָרדוי, גרויסע, ווירדיקע יידן, קומען אַרויס פֿון זייער שטאַם. פֿון די טערקישע און סאַלאָניקער יידן האָבן מיר שוין געהערט דעם חוזק־אויסדרוק פֿאַר אונזער יידיש: „ווּס־ווּס" (וואָס־וואָס). זיי האָבן אונזער געשיכטע קנאַפּ־וואָס געקענט, אַפֿילו נישט די געשיכטע פֿון זייער ספֿרדישן צווייג, כאָטש זיי האָבן גערעדט צווישן זיך דעם לאַ־דינאָ־שפּאַניאָליש. כ'האָב זיי געפֿרעגט: גוט, איר זענט יידן, אָבער וואָס פֿאַראַ יידישע קולטור טראָגט איר מיט זיך ? ס'איז אויך געווען אַרויסצופֿילן ביי זיי אַ מין קנאה־געפֿיל לגבי אונז, פּוילישע יידן, מיט אַן אויטענטישער יידישער קולטור. עס טוט שטאַרק ווי דער ביטול צו אונזער יידיש־ציוויליזאַציע, וואָס האָט אויס־געחלומט אונזערע סאָציאַלע און נאַציאָנאַל לייזונגען, וואָס האָט אויסגעחלומט ישראל גופא.

מיר האָבן דורכגעשווידערט די לעצטע נעכט אין די קאַלטע באַראַקן, ביז אַ שטיק אין מערץ. מיר האָבן מער נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף דער וועלט, אָבער מ'האָט געפֿילט, אַז דער סוף דערנענטערט זיך.

עפּעס איז דאָ טאָקע נישט קלאָר געווען. אין די הייזער פֿון רויען שטיין, אין די אַלע פֿאַרשטעקטע דערפֿלעך אין די בערג, איז פּלוצים פֿול געווען מיט די ס.ס.־

באַנדעס. זיי האָבן צעשטעלט פּאַטרולן אין אַלע דורכגענג. פּעסטע ווייבער אין אוני־פאָרמען, האָבן געשריגן מיט רויע באַנומענע קולות. דאָס הויז פון אַלברעכט מייער, אויפן העכסטן פעלז, איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גאַרניזאָן.

— זיי ציען צוריק פון די פאַרלאָזענע שטעט... — האָבן די פּויערים ביי דער אַרבעט שטיל געלאָזן פאַלן.

אַלע וואַך־סאָלדאַטן, פאַרוווּנדעטע, זענען אָפּגערופן געוואָרן, צו שיקן זיי אויפן פראָנט. אַלברעכט מייער איז באַגינען אַליין אויסגעוואַקסן ביים טויערל און באַפוילן מער קיינעם נישט אַרויסצולאָזן. ס׳איז געווען אין די טעג, ווען נירענבערג איז שוין געלעגן אונטערן פייער פון דער אַמעריקאַנער שווערער אַרטילעריע; ווען די נעכט האָבן געפלאַקערט מיט לויכט־ראַקעטן, מיט שרפות. דורך דער געשפּאַל־טענער שויב האָבן מיר, ווי צום ערשטן מאָל, באַטראַכט דעם הויכן, זשאַווערדיקן שטעכל־דראָט־צוים, די ווערכטער מיט די אָנגעשטעקטע באַיאָנעטן אויף די לופּעס. אין דער פינצטערער אַפּריל־נאַכט האָבן מיר זיך דערקריגן צום קאַנאַל־אָפּלויף, מיט אַ בייס־צוואַנג איבערגעהאַקט דעם טאָפּלטן דראָטן־צוים. אויף די בייכער האָבן מיר זיך איינער הינטערן אַנדערן דערקריגן צום וואַלד־ראַנד.

מיר האָבן גוט געקענט די אָפּגעלעגענע שטעגן, די וואַלד־גראָטן צווישן די מאָכיקע פעלזן. העק און לאָמען זענען שוין דאָ פון לאַנג געווען פאַרשטעקט. די צוויי טעג אין באַהעלטעניש זענען געווען לאַנג, אָבער נאָך לענגער די נעכט. ס.ס.־טיילן האָבן פאַרבייגעצויגן, גענישטערט די אַנטרונענע פון די לאַגע, טרויעריקע קאָלאָנעס, וואָס האָבן אין יענע טעג פאַרשטאָפּט אַלע דורכגענג. אין דער נידער האָט עס כסדר אויפגעהילכט פון קורצע, טרוקענע שאָסן.

נאָכן מבול

דעם צעטומלטן ייִדישן מענטש נאָכן מבול האָב איך עפּעס מער נישט דער־קענט. פאַראורטיילט צום טויט, איז ער על פּי נס לעבן־געבליבן. ער איז געשטאָרבן אויף די באַריקאַדן אין וואַרשעווער געטאָ פאַרן ייִדישן כבוד, איז געבליבן איינער פון אַ משפּחה, פון אַ גאַנצן שטאָם; ער איז צוריקגעקומען פון גיהנום גופא, פון אוישוויץ; ער האָט זיך צוריקגעקערט, נאָך לאַנגע יאָרן נע ונד, פון די סיבירער טייגעס, פון די רוסישע רחבותן, ווי פון אַן אַנדערן פּלאַנעט.

כ׳האָב, מיט ביטול צו זיך אַליין, געבלעטערט מיינע אייגענע ביכער און כתבים פון פריער, און זיי באַלד אָוועקגעשמיסן. זיי האָבן מיט גאָרנישט מער אָנט־שפּראָכן דעם פאַרסמטן ווינט, וואָס מיר האָבן איינגעאָטעמט. די חורבן־ליטעראַטור — האָב איך זיך געזאָגט — ס׳איז אין דעם אַלעמען געווען עפּעס אַ נישט־ריכטי־קער, שרייענדיקער ביי־טאָן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מ׳דאַרף אַצינד רעדן שטי־לער, אַז נאָר דאָס שטילע וואָרט קען שפּאַלטן הימלען. פאַרבלייבן פון דעם אַלעמען וועט מסתמא נאָר יצחק קאַצענעלסאָנס „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק״, געשריבן מיט בלוט פון האַרצן, ממעמקים, פון דער טיפעניש פון לייבן־גרוב, ווי אַ

ניי קאַפּיטל צום ספר „איוב״; „לך לך״ פון שאַיעוויטש, דעם מאַרטירער פון לאָ־דזשער געטאָ.

דאָס גרויסע פּאַלקס־אומגליק האָבן מיר נאָך אַלץ נישט געהאַט רעאַליזירט מיטן באַוווסטזיין. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען ווי לונאַטיקער, ווי אבלים, אויפן עולם התוהו. אויב אַזוינס האָט געקענט פּאַסירן — ווער איז ער, אייגנטלעך, דער מין מענטש ? כ׳האָב נישט געקענט באַנעמען דאָס, וואָס מ׳האָט זיך אָנדערציילט פון ראַטנפאַרבאַנד. וואָס האָבן מיר, די נאַיווע, דען געוווסט ? דער מענטש, וואָס האָט אין די פּאָר ביטערע יאָר דורכגעטראָגן דאָס בינטל ביינער אין רוסלאַנד. ער האָט אָבער דאָרט געלערנט עפּעס תוכיקס : צופּאַסן זיך אומעטום, מיטשרייען, באַ־צייטנס דערשנאַפּן די נייע ווינטן, וואָס בלאָזן. געמאַכטער פּאַטאָס, אָבער טיף אין האַרצן האָט געפרעסן דער וואָרעם פון אומגלויבן.

כ׳האָב באַטראַכט אָפּצושליסן זיך אין די אייגענע ד׳ אמות. מיט אַזאַ געפיל האָב איך פאַרלאָזן די וועלט פון טאָג און איבערגעגעבן זיך דער נאַכט; דאָס הייסט, כ׳האָב געאַרבעט דורך די נעכט אין דער דרוקעריי און געשלאָפן בייטאָג. די וועלט איז פול געווען מיט סתירות און בויך־גרימענישן.

די שרייבער ביי די אומות העולם פאַרנעמען זיך, געוויינלעך, מיט די פּראָב־לעמען פון זייער עקזיסטענץ, שטייגער, ליבע. אָבער ביי אונז איז אַלץ אַנדערש. מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט פרעמדע, פאַרלוירענע. איך האָב מיין גאַנצע בענק־שאַפט געזוכט אַרויסצוברענגען אין מיינע אַנוורפן צום ראָמאַן „די יידן פון בעל־וויל״. כ׳האָב דאָ, אויפן פּאַריזער ברוק, געזוכט צו פאַרשרייבן דעם שטייגערלאָזן שטייגער, וואָס דאָס לעבן אַליין האָט באַשאַפן : די אומלעגאַלע עמיגראַנטן, פאַר־שטעקט אין די בילִיקע האָטעלן פון בעלוויל, די „פּאַפּירן״־פּראָבלעמען, וואָס האָבן באַשאַפן אַ סך טראַגי־קאָמישע סיטואַציעס, די אָפּפרעמדונג פון אונזער היימישער יידישקייט און די אָפּפרעמדונג פון אונזערע קינדער; דער עקספּלואַטירטער יידישער אַרבעטס־מענטש, וואָס האָט פאַרלוירן זיין היימישן באָדן; די פּלינקע, די כיטרע, וואָס האָבן נאָר געזוכט אַרויפצואַרבעטן זיך, דורך עקספּלואַטירן זייערע אייגענע חברים. די טראַנספאָרמאַציע פון אַרבעטער אין אַ קליינבירגער. ווייזן דעם יידישן אַרבעטער אין אַזאַ ליכט, האָט אַרויסגערופן די אומצופרידנקייט פון מיינע אידייאי־שע חברים. דאָס האָט איבערהויפּט דעמאָלט נישט געשטימט מיט דער „ליניע״. לויט זיי, האָב איך באַדאַרפט צו ווייזן דעם יידישן פּראָלעטאַריער מיט אָנגעצויגענע מוסקולן, מיט פאַלשע, אויפגעבלאָזענע פּראַזן אין זיין מויל. אין 1948, ווען דאָס בוך „די יידן פון בעלוויל״ איז דערשינען, בין איך געלויבט, אָבער אויך שאַרף קריטיקירט געוואָרן, אַז כ׳האָב נישט דערזען דעם יידישן אַרבעטער אין זיין פולן קלאַסן־באַוווסטזיין. איך האָב זיך, עפּעס מאָדנע עקשנותדיק, שוין דעמאָלט, קעגנ־געשטעלט און דערוויזן, אַז אין מיין רעאַליזם וועל איך בשום אופן נישט אַוועקגיין פונם אמת, ווי איך זע אים, און ווי איך זע די טראַנספאָרמאַציע פון יידישן אַר־בעטס־מענטש אויף דער עמיגראַציע. אין „אַ וואָרט צו מיינע קריטיקער״, האָב איך

געענטפערט אויף דער גרויסער פּאָלעמיק, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין דער „נייע פּרעסע״ :

„וואָס שייך די אָפּהאַנדלונגען איבער מיין בוך „די יידן פון בעלוויל״, האָב איך אַ פאַרלאַנג צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער פּראָבלעמאַטיק פון אונזער יידישן ישוב בכלל. דער שרייבער פילט זיך ווי אַ פאָרזעצער פון דעם, וואָס איז שוין ביז אים געזאָגט און געשריבן געוואָרן. אין יעדער ליטעראַטור קייטלען זיך די שרייבער־דורות. עס געשעט אָפט, אַז דער געדאַנקען־גאַנג, וואָס איז ביי די פאָר־גייער ערגעץ שטייגעבליבן נישט פאַרענדיקט, ווערט ווייטער געפירט דורך די יורשים אין דער ליטעראַטור. מיר אָבער גייען פון איין קאַטאַסטראָפע צו דער אַנ־דערער. פונקט ווי ס׳איז געשען די צו־ראַשע אַנטוויקלונג פון אונזער ליטעראַטור אין יידיש, שטייען מיר איצט ווידער אין אונזער געשיכטע פאַר נייע שפּרונגען, וואָס ס׳איז נאָך פאַר קיינעם נישט קלאָר, וווהין ס׳וועט אונז דערפירן.

„די יידישע פּראָזע איז פאַרבליבן עקסטעריטאָריאַל. זי קען נישט, ווי דאָס ליד, לעבן מיטן פלאַטער און מיט די ריטמען פון איין טאָג. אַלץ, וואָס איז אין אונזער ליטעראַטור קלאַסיש, איז טיף פאַרבונדן מיט אַ פעסטן באָדן אונטער די פיס, מיט אַ דורותדיקן שטייגער־לעבן. אויף אונזער דור איז אויסגעפאַלן די טרויעריקע מיסיע נאָכצוגיין דעם פאַנאַנדערפאַל, אָבער אויך די פּערספּעקטיוו פון אונזער ווייטערדיקן קיום. ס׳איז די געבראָכענע ליניע, וואָס צייכנט דעם וועג פון אונזער שאַפן. שטעטלדיקייט, צי נישט־שטעטלדיקייט, מיר זענען אויף די שליאַכן פון דער ברייטער וועלט. שוין די ערשטע וועלט־מלחמה האָט געבראָכן דעם טיפן איבערברוך אין אונזער אַמאָליק טראַדיציאָנעל שטעטל, איינגעוויגט אין אידיליע פון ראָמאַנטיזם. עוזר וואַרשאַווסקי, א. מ. פוקס, י. י. זינגער, ש. האָראָנטשיק, זע־נען געקומען מיט זייער שניידנדיקן, שיער נישט ברוטאַלן רעאַליזם, אַפילו נאַטוראַ־ליזם. צי איז זייער שאַרפער, קריטישער רעאַליזם דען נישט געווען קאָנסטרוקטיוו ?

„מיר לעבן אפשר בכלל אין אַן אומקינסטלערישער צייט. ביזן גרונט זענען צעטרייסלט געוואָרן אַ סך פון אונזערע שיינע האָפענונגען. לאָמיר דערזען דעם מענטש וואָס נענטער צו דער רעאַליטעט. ווי שאַרף, ווי קריטיש אונזערע פאָרגייער האָבן נישט געזען יידיש לעבן, איז עס נאָך אַלץ נישט געווען פאַנאַנדערפאַל, פיזי־שער און מאָראַלישער. זיי זענען נאָך געזעסן אויף אַ באָדן. אינערלעך גאַנצע, זענען זיי אַרומגעגאַנגען אויף דער ערד, געבויט מיט פרייד און געקעמפט מיט האַס. דער יונגער דור גייט אַוועק פון אונז. מיר זענען נישט מער ווי דאָס ליים, וואָס ווערט אַריינגעקנעטן אין די נאַציעס, צווישן וועלכע מיר לעבן. מיר פאַרלירן אונזער נאַציאָנאַלן אייגנאַרט און זענען ווי די בלעטער־פוילונג, וואָס באַפרוכפּערט נייע פלאַנצן. אויף אַזאַ שאַרפן רעאַליזם האָב איך נישט געקענט פאַרבייגיין. נישט מיט איראָניע האָב איך געשריבן, נאָר מיט ווייטיק. אונזער זיידע מענדעלע איז זיכער געווען אַ גרעסערער „אַנטיסעמיט״ ווי איך, אָבער אויך זיין שאַרפע סאַטירע איז געווען שעפעריש־קאָנסטרוקטיוו.

„דאָס שיינע און באַשטענדיקע אין יידישן אַרבעטער איז דאָס, וואָס ער האָט אויפגעהאַלטן זיינע נאַציאָנאַלע פאָרמען. דאָס כאַראַקטעריסטישע יידישע פאַך,

שניידעריי, מיטן גאַנצן פֿאָלקלאָר און פֿאָלקסטימלעכקייט אַרום אים. דערפֿאַר האָב איך דעם יידישן אַרבעטער נישט געוויזן ווי אַן הערקולעס, מיט אָנגעצויגענע מוס־קולן. דאָס וואָלט געווען מעאָלאָדראַמאַטיש, פֿאַלש".

דערמיט בין איך נאָך היינט אַ קליין ביסעלע שטאָלץ, וואָס דער געזונטער חוש האָט מיך דעמאָלט נישט פֿאַרפֿירט בלינד נאָכצוגיין דעם הויך־אויסגעשריגע־נעם „סאָציאַליסטישן רעאַליזם". די יידישע טראַגיק האָט איבערגעשריגן אַלע פּאַרטיק־צוגעשניטענע פֿאָרמולן און לאָזונגען.

אין פֿרילינג 1948 האָב איך זיך, מיט ציטער און פֿאַרכט, צורקגעקערט קיין וואַרשע, צו דער אַנטהילונג פֿון געטאָ־דענקמאָל. מיר זענען אין ווינטיקן אַפּריל־טאָג געגאַנגען שווייגנדיק, און דער הייליקער רויטער ציגל־שטויב האָט זיך אויפֿגעהויבן אין אַ וואָלקן און אונז פֿאַרוויקלט און פֿאַרשטעלט פֿאַר אונז די זון. איבער דער גרויסער ליידיקייט, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל געעפֿנט פֿאַרן בליק, האָט גע־הויערט אַ זוניקער טאָג. אין אַרומגעבראָכענעם קראַשינסקי־גאָרטן האָבן די נאַקע־טע קאַשטאַנען שוין געהאַט אַרויסגעשאָסן בלייכע קנאָספּן. ס'איז געווען מאָדנע צו זען, ווי צווישן די אומענדלעכע הויפֿנס ציגל און שטיקלעך אַרומגעסמאַליעטע ווענט, האָט ווידער אַרויסגעקוועלט פֿון דער ערד דאָס יונגע גרינס. אין אונזער דמיון האָט אַ רגע דער הימל ווידער זיך געשפּרייט איבערן געדיכטן פּלאָנטער פֿון די היימיש־איינגעבאַקענע, פֿון יידן שוואַרץ־באַפּינטלטע גאַסן און געסלעך אַרום מוראַנאָוו פֿון אַמאָל. אָבער דעם הימל האָט קיין שום מויער און קיין שום וואַנט נישט פֿאַרשטעלט. ס'איז מיטאַמאָל געווען אַרום אַזאַ בלענדיקע העלקייט.

קליין און פֿאַרלוירן, זענען מיר געשטאַנען ביי די שטויביקע רעשטלעך פֿון אַן אויסגעלאָשן לעבן, וואָס האָט דאָ אַמאָל, אין די טיפֿענישן געברויזט און געפּי־בערט; דאָס טויזנט־יאָריקע לעבן, וואָס האָט אויסגעפּיבערט אונזער פֿאָלקס־קול־טור, אונזער נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוווסטזיין, אונזערע שענסטע טרוימער. דאָ, איבער די אָרעמע יידישע גאַסן, האָט יצחק לייבוש פּרץ געטראָגן אין זיין גליען־דיקן בליק דעם חלום פֿון אַ שענער יידיש לעבן. ער האָט געמוטיקט : „האָף און גלויב, נישט ווייט איז שוין דער פֿרילינג". פֿון דאַנען האָט זיך פֿון די ענגע, פֿינצ־טערע וואַרשטאַטן אויפֿגעהויבן אַ פֿלאַמיקע יוגנט מיט הייליקע לאָזונגען, איז אַוועק אין אַלע תּפֿיסות פֿון לאַנד, אויף אַלע באַריקאַדן.

אויך איציק מאַנגער איז געקומען אויף קבר אבות צו זיין פּויליש יידנטום. ער האָט געזאָגט : געוויינלעך קומט דאָס פֿאָלק אויף קבר אבות צו זיינע שרייבער. דאָסמאָל זענען די שרייבער געקומען אויף קבר אבות צום פֿאָלק. כ'בין געשטאַנען ביי זיין זייט, ווען ס'האָבן געברענט די ליכט, ווען אין דער גאָרער ליידיקייט האָט געהילכט דער אל מלא רחמים, און כ'האָב געהערט ווי איציק מאַנגער האָט געהעשעט ווי אַ קינד.

כ'האָב נאָך אַזויפֿיל יאָרן צוריקגעזען מיינע אַמאָליקע חברים־שרייבער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין ראַטנפֿאַרבאַנד — קילע, אויסגעלאָשענע, אַן איבעריקע רייד. מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט אַלץ באַגריפֿן, נישט אַלץ דערפֿילט אין זייער שטומען בליק. זיי האָבן שוין מער פֿון אונז געוווסט וווהין עס פֿירט דאָרט. מיר

האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם שטילן אומעט, פאַרזיגלט אויף זייערע פאַרשלאָסענע ליפּן. זיי האָבן שוין דעם סוד געוווּסט, און פאַר אונז איז ער ערשט אַנטפּלעקט געוואָרן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. זיי זענען מיר אַלע זייער נאָענט געווען פון די יאָרן, ווען מיר האָבן זיך געוואָלגערט אין ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13. ישראל אַשענדאָרף — פון זיינע לידער וועגן זיין „מאַמעס וווּנדערלעכן פרימאָרגן־גאַנג" צום אָרעמען געוועלבל. בינם העלער — פון זיינע דינע אַקוואַרעל־פאַרבן אין זיין ליריש ליד. אלחנן וואָגלער — פון זיין אײדעלער ליטווישער לאַנדשאַפט־צייכענונג. מ. א. קנאַפּהייס, וועלכער האָט מיך אַמאָל חבריש אַנגענומען ביי אַ האַנט און געפירט איבער זיינע וואַרשעווער גאַסן, צו דער ווילדער פליאַזשע ביי דער ווייסל, צו די טייערע יידישע מיידלעך. זיי האָבן אַלע עפּעס מער געשוויגן, ווי גערעדט.

כ'בין בייגעווען אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אויף דער דיסקוסיע, נאָכן דערשיינען פון בערל מאַרק'ס ערשט בוך וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד „חורבות דערציילן". ער האָט זיך שווער פאַרטיידיקט קעגן די, וואָס האָבן אים האַרט און ביטער פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס ער האָט אין זיין בוך צופיל אַרויסגעהויבן די ציוניסטישע גרופּירונגען, די אָרגאַניזאַטאָרן פון אויפשטאַנד, און האָט צו ווייניק אַרויסגעהויבן די קאָמוניסטן. ס'איז באַלד געווען אַרויסצופילן, אַז דאָ גייט אַ נייע, אומריינע כוואַליע. אין וואָס גייט עס ? אַלע יידן האָבן געקעמפט פאַרן כבוד פון פאָלק. צי דאַרף מען נאָך דערצו פאַרטייאישע עטיקעטן ? די נאַציס האָבן פאַרמשפּט אַלע יידן צום טויט. זיי האָבן אים געצאַפּט דאָס בלוט, פאַרוואָס ער האָט צו־ווייניק געפּעלשט די געשיכטע פון געטאָ־אויפשטאַנד. און ער האָט עס דערנאָך, ביז צו זיין טויט, געטראָגן אויף זיך, ווי אַ שווערע שולד־לאַסט. מיר זענען געזעסן ביי אים אין הויז, אויף פּראַגע, ביי אַ היימישן הערינג מיט ברויט, און געזונגען דאָס ליד, דורכגעזאַפּט מיט פּיין און האָפענונג, וואָס משה קנאַפּהייס האָט געהאַט פאַרפאַסט, „עם ישראל חי". און ווען ס'איז געקומען צו רעפרין : „איידער מיר גייען זיך פאַנאַנדער", האָט בערל מאַרק, אַ פריילעכער, אַ וויצלער, אַ גראָזשע געטון מיטן פינגער צו קנאַפּהייסן, אַז ס'איז, הייסט עס, אַ רמז, אַן אָנדייט, אַז מיר וועלן זיך פון דאַנען פאַנאַנדערגיין, פאַנאַנדערפאָרן אין דער וועלט אַריין, און אַוודאי — קיין ישראל, ווייל דאָ וועט מען שוין קיין יידיש לעבן מער נישט קענען בויען.

כ'האָב דעמאָלט פאַרשטאַנען די אינערלעכע צעריסנקייט פון אַזאַ מענטשן ווי בערל מאַרק. דאָמינירט האָט ביי אים די גרויסע ליבע צום יידישן וואָרט, צום גרויסן קולטור־רענעסאַנס, וואָס האָט אין יענע יאָרן הילכיק געשפּאַנט אויף דער „יידישער גאַס". ער האָט זיך אָבער נישט אויסגעלעבט ביי דעם, צו וואָס ער איז געווען באַרופן. ער איז גיכער פאַר אַלץ געבוירן געווען צו אַנאַליטישער ליטעראַטור־קריטיק. דורכגעדרונגען מיט דער אַלטער און נייער ליטעראַטור ביי יידן, האָט ער זיך שטאַרק אויסגעהיטן פון הורא־פראַזעאָלאָגיע.

אין אַזאַ ליכט האָב איך געזען בערל מאַרק'ן אין די נאָך־מלחמה־יאָרן, ווען ער האָט אַריינגעלייגט אַזויפיל צער און צאָרן אין זיינע היסטאָרישע שריפטן וועגן יידישן אומקום. ער האָט נישט מורא געהאַט צו רעווידירן אַלטע אמתן. ער האָט עס

טיף פֿאַרשטאַנען, אַז מיר דאַרפֿן נאָכגיין דאָס פֿאָלק, אינם געווירבל, אין וועלכן די געשיכטע האָט אונדז אַריינגעוואָרפֿן. כ׳האָב געזען זיין נישט־באַהאַלטענע פֿרייד בעתן אויפֿקום פֿון דער יידישער מדינה. ער איז צוזאַמען מיט אַ גרופּע שרייבער אין לאָדזש אַרויסגעטרעטן אויפֿן גרויסן ליטעראַרישן אָוונט, געווידמעט מדינת ישראל. די טראַגעדיע קיעלץ איז נאָך געהאָנגען אין דער לופֿט, ווען איבער דער ליידיקייט אַרום געטאָ־דענקמאָל האָט געהילכט דער אוראַלטער טרויעריקער יידי־שער אל מלא רחמים.

אין סעפּטעמבער 1949, קוים אַ יאָר נאָך דער באַפֿרייאונג־מלחמה, האָב איך זיך איינמאָל אויפֿגעהויבן און אַוועקגעלאָזן זיך אין דער ווייטער, לאַנגער, נישט־לייכטער נסיעה צו די ברעגן פֿון ישראל. כ׳האָב, דעם אמת געזאָגט, ביז דעמאָלט ווייניק זיך פֿאַרטראַכט איבער די טיפֿע סתירות אין די פֿאַרשיידענע „לייזונגען״ פֿון יידישן פּראָבלעם, און אַוודאַי נישט פּראָקלאַמירט, אַז נאָר די לייזונג איז די ריכטיקע. מ׳איז נאָך דעמאָלט ווייניק געפֿאָרן מיט אַוויאָנען. געפֿאָרן איז מען איבער מאַרסעיל, אַ לאַנגע רייזע פֿון 7־6 טעג. צווישן מאַרסעיל און חיפה האָט קור־סירט אַן אַלט, איבערגעפֿאַרבט איטאַליעניש קליין־טאָנאַזשיק שיפֿל, גע־אַלבט מיטן נאָמען „קדמה״. ווייטע, יינגלשע דערמאָנונגען פֿון חדר, פֿון חומש, פֿון תנ״ך האָבן מיך באַגלייט. כ׳האָב זיך בלינד געלאָזן פֿירן אויף די פֿליגל פֿון דער פֿאַנטאַזיע, און ס׳האָט זיך עפּעס אינעווייניק געזונגען, ווי ביי יהודה הלוי :

כ׳האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן,
טראָג מיך, ים, צו מיין מוטערס שויס.

במשך פֿון 5 מעת־לעת האָב איך זיך געוויגט איבערן שטילן, בלויען מיטל־לענדישן ים, און מאָדנע, וואַרעמע געפֿילן זענען מיך באַפֿאַלן. איך האָב די ברעגן פֿון מיטללענדישן ים אַזוי ווי „דערקענט״ פֿון דער ווייטער געשיכטע; כ׳האָב זיך אויסגעמאָלט די אַלטע רוימער, די קאַרטאַגענער, די פֿעניקיער, די גריכן, אין זייערע גאַלערעס, די שקלאַפֿן־רודערער אין די זעגל־שיפֿן, און אויבן, איבער זיי, די שקלאַפֿן־אַנטרייבער מיט דער בייטש איבער זייערע נאַקעטע לייבער. ס׳איז גע־ווען אַ שיף מיט עולים, יונגוואַרג. זיי האָבן כמעט אַלע געטראָגן אויף זייערע ליי־בער די אויסגעבערענטע נומערן פֿון אוישוויץ. און ס׳האָבן מיך פֿאַרוויגט די בענ־קענדיקע און מונטערע הורא־לידער אויפֿן דעק. ס׳איז געווען טיפֿער סעפּטעמבער, ווען איבער אייראָפּע פֿאַלן שוין די האַרבסט־רעגנס, און דאָ זענען מיר געשווומען אונטער אַ הימל, פֿול אָנגעזעצט מיט גרויסע שטערן. און ווען די שיף־מאַשינען זענען מיטן אָוונט צופֿאַלן איינמאָל שטיל געבליבן, און מיר האָבן דערזען דעם ים פֿייערלעך פֿון כרמל־באַרג, בין איך לאַנג געשטאַנען פֿאַרבלענדט און צוגעשמידט. לעבן מיר איז געשטאַנען דער אלטער חבר הערש־מענדל, און כ׳האָב געפֿילט, אַז אויך אין זיין געמיט האָט עפּעס אויפֿגעלויכטן. ער האָט נישט געלאָזן פֿאַלן קיין איין וואָרט. ביי אונדז איז געווען מסתמא דאָס זעלבע געפֿיל — מיר האָבן ביידע, ווי קאָלומבוס דערזען ערד אונטער די פֿיס, אייגענע ערד. ס׳איז געווען נאָך זיין לעצטן גרויסן קריזיס אין לעבן פֿון אַלטן, אויסגעליטענעם, אויסגעדינטן רעוואָלוציאָנער;

ווייל ער האָט זיך ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן נישט סתם פאַרכליניעט מיט ציוניזם.

דאָס לענדל איז נאָר וואָס אָפּגעגאַנגען אין בלוט און האָט שווער אָפּגעאָטעמט. אָבער די מענטשן האָבן שוין געבויט, געפלאַנצט, געזייט, געאַקערט, געלעבט זייער שווער־אויסגעקעמפט שטיקל לעבן; און דאָס האָט הערש־מענדלען אָממערסטן גע־רירט. „כדי צו קעמפן פאַר אַן אידייע — האָט ער מיר געזאָגט — דאַרף מען קודם שטיין אויף דער ערד”.

כ'בין אַרומגעגאַנגען איבערן לענדל ווי פאַרשיכורט, מיט אויפגעריסענע אויגן, פול מיט חידוש. כ'האָב געפונען די חומש־לאַנדשאַפט און די חומש־יידן און יידענעס פון דער ווייטער יוגנט אונזערער, אין טבריה, האַרט ביים כנרת, אין אַן אַלט הייזל. כ'האָב דאָרט געגעכטיקט ביי אַן איראַקער יונגן ייד, וואָס האָט זיך משדך געווען מיט אַ יידישער טאָכטער פון פוילן. דאָרט, אויפן גאַניקל, איז געזעסן אַ צעקנייטשטע צאינה וראינה־יידענע, ווי אין אַ קליין שטעטל אַמאָל, און מיר גע־וויזן מיטן פינגער אויף יענער כנרת צו די סיריער: „די גזלנים זענען געקומען און געקוילעט מיין מאַן און מיין זון, אַז אויסגעריסן זאָלן זיי ווערן”... אָבער זי אַליין האָט דאָ ווייטער געלעבט מיט די אייניקלעך, אָן שום מורא, קעגנאיבער די סירישע גזלנים, ווייל זי האָט זיך געפילט ביי זיך.

איך האָב זיך געזאָגט, אַז אויב אַזוי, מוזן אַלע אונזערע שיינע, אוראַלטע טראַ־דיציעס פון אויסגעקוילעטע יידישע שטעט און שטעטלעך אַהער אויפסניי אַריבער־געברענגט ווערן, אַריבערגעפלאַנצט ווערן. די זון אין אַלטן אייראָפּע — די יידישע זון — איז אונטערגעגאַנגען, אָדער זי גייט לאַנגזאַם אויס; און דאָ וועט זי ווידער אויפשיינען. כ'האָב נישט געוואָלט אַריינפאַלן אין סענטימענטאַליטעטן. אַז מען טרעט אויף דער דאָזיקער ערד, פילט מען אויפגיין אַ גרויס, אינטענסיוו לעבן, מיט אַלע ביטערע געראַנגלען, געבורט־ווייען פון אַ פאָלק אין ווערן. ס'איז אַ לאַנד פון יונגע מענטשן. ס'וואַקסט אַ פאָלק פון אַרבעטער, פויערים און סאָלדאַטן. ס'וואַקסן אויך מיט פּאַראַזיטן, ביוראָקראַטן, פּאָליטיקאַנער. זיי וועלן אפשר ווייניקער ווי אומעטום, האָבן אַ צו לאַנגן קיום צווישן אַזאַ דינאַמיש פאָלק, וואָס זענען אין אַלע זייערע אָפּשטאַם־לענדער געווען די פאַראויסלויפער פון סאָציאַלן פּראָגרעס. אַזוי האָב איך דעמאָלט געטראַכט. לויטן פשוטן שכל, וואָלט אַזאַ לענדל, אין סאַמע מיט פון מיטעלן מזרח, וווּ ס'מישט זיך בלוט מיט נאַפט, פעאָדאַליזם, שקלאַפעריי, באַ־דאַרפט באַטראַכט ווערן ווי אַ ליכטיקער פלעק פון סאָציאַלער עוואָלוציע פון די אויפגעשטאַנענע קאָלאָניאַלע פעלקער; ווייל צי איז ישראל דען נישט איינס פון די באַפרייטע קאָלאָניאַלע לענדער?

אַזוי האָב איך געפילט טרעטנדיק אויף דער ערד פון פרידלעכער, ביטערער, עקשנותדיקער יידישער מי. דער גרויער, פאַרהאָרעוועטער יידישער מענטש פילט אַן אין די פאַרטאָגן די אויטאָבוסן אין די פאַרשטעט און קוואַרטאַלן פון תל־אָביב, חיפה, רחובות, אילת; דער אַרבעטס־מענטש אין די קופער־מינען, אין די מעטאַל־און גלאָז־פאַבריקן פון חיפה, די פישער־דערפער, די פלייסיקע קיבוץ־לייט, וואָס גייען אַרויס באַגינען איבער דער ערד, באַדעקט מיט אַ פרוכטבאַרן טוי; די יינגלעך

און די מיידלעך אין סאָלדאַטישן כאַקי. אַ געמיש פון יידן־אָפּשטאַמיקע פעלקערשאַפטן פון אַלע עקן וועלט. דער מאָדערנער עברית ווערט ביגוואַלט באַאיינפלוסט פון אַ נייעם פאָלקס־זשאַרגאָן, וואָס וועט ווערן שפּראַך, און ווו אויך אונזער זאַפּטיקער יידיש קען נישט, נישט ווערן אַ וויכטיקער עלעמענט. דאָס איז די קומענדיקע שפּראַך פון קומענדיקן ישראל־פאָלק. קיין שום אַקאַדעמיעס וועלן דאָ גאָרנישט העלפן.

כ׳בין געזעסן ביי דער זייט פון ייִנגלעך און מיידלעך, אָנגעטון אין כאַקי, אין באַוואָפנטן דזשיפּ, וואָס האָט אונז סוף נאָוועמבער באַגלייט דעם גאַנצן וועג אויפן כביש לענגאויס דער יאַרדאַנישער גרענעץ, ביז צום איינגוס ביים ים סוף, אין אילת. מיר זענען געפאָרן צווישן פאַרשטיינערטע וואולקאַן־בערג פון דער פּרעהיסטאָריע. אַאַזיסן פון יידישער מי צווישן בשמימדיקע בערג־קייטן. די וויסטע ערד טראָגט אין זיך גרויסע שעפערישע סודות. זי דאַרף נאָר באַוואַסערט ווערן. אויף די אָפּשטעל־פּונקטן וויזט אַ געוויינלעך ברעטל דעם וועג צו אַ באַאַרבעט שטיקל וויסטעניש. זיי פאַרבעטן אייך צום אָרעמען מאָלצייט אין חדר־האוכל. איך האָב געזען די פּרישע שפּורן פון פאַרגאָסן בלוט, די פאַרברענטע אויטאָבוסן. די ייִנגלעך און די מיידלעך האָבן אויפן גאַנצן וועג געזונגען לידער וועגן געפונענעם וואַסער, וועגן אַן אייגענעם הימל איבערן קאָפּ. אָנגעלענט אין דער שויב, האָב איך אין פאַרנאַכט דערזען אַוועקשווימען אַ צעשראָקענעם הירש אין דער גאָלדיקער וויסטעניש; דעם אויסגעשניטענעם סילועט פון אַ שטומען, געדולדיקן קעמל, צופוסנס פון אַ געצעלט־לאַגער פון בעדואינער.

צו־נאַכט זענען מיר דערפאָרן ביזן פלאַכן ברעג פון רויטן ים, אין אילת. איך בין דאָרט צומאָרגנס אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצן טאָג מיטן ווונדערלעכן געפיל, אַז איך טרעט אויף דער ערד פון אַ צוקונפטיקער גרויסער יידישער פּאָרט־שטאָט; אַ שטאָט, וואָס מאַכט אויף אַ פענצטער צו דער וועלט. עס צייכענען זיך שוין די קאָנטורן פון גאַסן און פּלעצער. אין קלאָרן אַוויר האָב איך ממש דערפילט דעם אַראָמאַט פון בשמים, צימערינג, מאַנדלען און אַראַשידן־בוימל.

אַ לענדל פון פּיאָנערן. אַ נערוועזער טעמפּאָ, ווי מ׳האָט עס אַמאָל געזען ביי די גאָלד־אָדערן אין די אַנטדעקטע אַמעריקעס, ווו שטעט זענען אויפגעשטאַנען איבער נאַכט. ס׳איז אַ גוטע זון, וואָס מאַכט געבוירן פּרוכטן.

ס׳איז פאַר מיינע אויגן אויפגעגאַנגען אַ שטילער ווונדער, טאַקע ווי די נבואה פון יחזקאל — און די טויטע ביינער אין טאָל האָבן זיך צוריק באַדעקט מיט בלוט און מיט פלייש און זיי האָבן אויפגעלעבט. וואָס וועל איך זיי זאָגן אין פּאַריז? דאָרט צערינט אונזער ביסל יידישקייט, און זיי שרייען נאָך אַלץ מיט די אויפגעבלאָזענע פראַזן וועגן „די זינגענדיקע מאָרגנס״... אינטעגראַציע... אַ רעשטל פון פאָלק, וואָס קלאַמערט זיך מיט ציין און נעגל אין אַן אָרעם שטיקל באָדן. וועגן דעם האָב איך דאָך אַזוי נאָסטאַלגיש געחלומט, שטייענדיק אויף אַ פּוסט, ווינטערדיק פעלד אין פאַרשאָלטענעם דייטשן בייערישן געבירג, אונטער דער ביקס פון אַ דייטש — צו קענען אַוועקגיין ערגעץ אין עק וועלט, אַפילו צופוס, אַבי לעבן מיט אַן אייגן לעבן.

כ׳האָב נאָר באַדויערט, וואָס כ׳בין נישט אַביסל ייִנגער, צו גיין אַרבעטן און מיטלעבן מיטן קאָלעקטיוון לעבן פון קיבוץ. די פיזישע אַרבעט האָט מיך סטימו־לירט. כ׳האָב זיך דערנאָך צוריקגעקערט קיין ישראל, ווי מ׳קערט זיך אום אַהיים, אַ פאַרוואָגלטער אין דער פרעמד.

מיט שלום אַש׳ן אין ניס

דעם זעלבן יאָר האָב איך זיך באַגעגנט מיט שלום אַש׳ן אין ניס. אין מיין גרויסער צערודערונג, האָב איך ביים מייסטער געזוכט אביסל טרייסט.

איך האָב לייכט צוגעלענט די אויגן קעגן נאָכמיטאָגדיקן בלענד פון דער מילדער דרום־זון, וואָס האָט זיך געגאָסן אין ברייטע זיילן דורך די הויכע פענצ־טער אין רחבותדיקן האָל פון „האָטעל קאָנטינענטאַל". דער פאָרטיער האָט מיר נאָר־וואָס געמאָלדן, אַז שלום אַש וועט באַלד אַרונטערקומען.

מיט אַ טאָג פריער זענען מיר געזעסן אויף אַ שטול ביים ים, ווו עס רוישט לענגאויס דעם ברעג די פילפאַרביקע „פּראָמענאַד דעז אַנגלע". דער סילועט פון דער גלייך־צעשטעלטער פּאַלמען־אַליי האָט אַוועקגעפירט צום טיפן פּאַרק, האָט זיך ערגעץ פאַרלוירן; און איך האָב אַ רגע, צום ווייפלטן מאָל שוין, איבערגעלעבט יענעם ווייטן כישוף, יענעם פלאַטער אין אונז ביים דערמאָנען זיך לאַנג־דורכגע־לייענטע ביכער, צו וועלכע מען פאַרכט זיך נאָך איין מאָל אומצוקערן; ווייל מען האָט אַלץ מורא זיי זאָלן נישט פאַרלירן עפּעס פון ווייטן, האַלב־פאַרגעסענעם יוגנטלעכן צויבער, אין וועלכן זיי האָבן זיך פאַר אונז אַמאָל אַנטפּלעקט; ווייל גיכער פון אַלץ — טרוימען מיר דאָך איבער די ביכער.

אין וואָס — האָב איך זיך געפרעגט — איז פאַרט באַשטאַנען יענער כישופ־דיקער בלענד פון שלום אַש׳ס רעאַלער און אויסגעדאַכטער וועלט, ווו מיר זענען פאַרכאַפּט און געפאַנגען געוואָרן ? ס׳איז געווען די ווייסל־לאַנדשאַפט, די ברעגן ביי די סלאַווישע טייכן, וואָס שלומערן אין יעדן ייד פון פוילן. ער איז געווען די אַנטפּלעקונג, וואָס דורות יידן האָבן טיף אין זיך געטראָגן; די געשיכטלעך־אויס־געחלומטע וועלט, וואָס גרענעצט זיך מיט לעגענדע. שלום אַש האָט די שענסטע פון זיינע ווערק אויסגעחלומט, אַרויסגעזונגען פון זיך, ווי אַ העראָאישן פאָלקס־עפּאָס. ער איז דער עפּיקער און דער חלום־דיכטער פון ייד ביי די אַלטע סלאַווישע טייכן. אַ וווּנדערלעכע, אויסגעדאַכטע וועלט, וואָס דער מייסטער האָט באַשאַפן.

זייט מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט ווי שלום אַש איז געשטאַנען אין דער סאַמע מיט פון האַסטיקן, אימפּעטיקן גאַנג אין לעבן און אין אונזער ליטעראַטור. ער האָט כולל געווען דורות יידיש לעבן, פון אונזער צייטאַלטער און אין צוריק־בליק אויף אונזער עבר. ער טרעט אויס נייע שליאַכן, טראָגט זיך מיטן אימפּעט, מיטן הייסן טעמפּעראַמענט פון געדיכטן, טויזנט־יאָריקן פוילישן יידנטום. זיין קינסטלעריש אויג רוט נישט, כאַפּט אַרום אַלץ נייע שטחים, און ביז אין די זיבעציקער יאָרן פון זיין שעפעריש לעבן האָט ער נאָך אַלץ איינגעהאַלטן אין זיך דעם יוגנטלעכן פלאַם.

פון זיין גאַנץ שאַפן אָטעמט מיט ליבע צום פאָלק, נישט געקוקט אויף אַלע זייטיקע השפּעות פון זיין נאַיווער סענטימענטאַלקייט, פון זיין אָפט אידייאישער נישט־קאָנסעקווענץ. כאָטש שלום אַש איז די לעצטע צענדליקער יאָרן געווען אָפּ־געריסן פון די שפּרודלדיקע קוואַלן פון יידישן פאָלק אין פּוילן, האָט עס נאָכאַנאַנד געעיערט אין אים. אין די דרייסיקער יאָרן, ביי דער געלעגנהייט צום דערשיינען פון זיין קרוין־ווערק, „דער תהילים־ייד", האָט ער עס אַליין אָפן מודה געווען, אַז ער קערט זיך אום צום עבר פון יידן אין פּוילן, ווייל וועגן דער טרויעריקער קעגנוואַרט איז ער נישט בכוח צו זאָגן זיין וואָרט און אַוודאי נישט — צו געפינען קיין ליי־זונגען.

ער איז געווען דער עפּיקער און חלום־דיכטער ביי די אַלטע סלאַווישע טייכן. ס'איז גוט געווען צו חלומען מיט האַלב־צוגעלענטע אויגן און זען — דאָס הייזל ביי דער ווייסל אין ווינטערדיקן, פּאַרווייעטן טאָג, ווי איינגעהילט אין אַ טלית; דאָס הייזל אין שבתדיקן זומער־טאָג, ווען אַפילו דער טייך פליסט אין שבתדיקער מנוחה; דעם שליאַך הינטער די ווערבעס. זיי ציען זיך אויסערן שטעטל, ערגעץ אין דער ווייטער, אומבאַקאַנטער וועלט אַריין; די געזונטע יידן, די פישער, די טראַט־וועטרייבער; די ווזיע פון לובלינער יאַר־יאַריד און פון מיסטישן שניידערל, דעם ל'וואָווניק, וואָס האַנדלט מיט בטחון, אין זיין ווערק „קידוש השם". די ראָזע הימ־לען איבער אַלט־לובלין אין 17־טן יאָרהונדערט, ווען עס בושעווען איבער אוקראַינע און פּאָדאָליע דער רוצח כמעלניצקי מיט זיינע קאָזאַקן; ווען עס קומט זיך צונויף דער וועד ארבע הארצות אויפן יאַר־יאַריד אין לובלין, צו באַטראַכטן יידישע צרות, יידישע זאָרגן פון אַלע וויט־צעוואָרפענע יידישע קהילות; די עדה בגילופנדיקע יידן, וואָס לאָזט זיך אַוועק אין דער פול־איבערגעפּאַקטער בויד מיטן ערב־שבועות־דיקן סטעפּ, אויף אַ חתונה.

שלום אַש האָט, מיין איך, טיפער ווי אַנדערע באַנומען פּרצ'ן. פאַר אַש'ן איז פּרץ דער גרויסער שבת־יום־טובדיקער ייד, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן איבער דורות און בערג־שפּיצן. מיר געפינען עס אין זיין „בוך פון צער", סיי אין זיין בוך „וואַרשע", ווען ער באַשרייבט דעם שטראָם פּליטים בעת יענער ערשטער וועלט־מלחמה, צווישן דער אַנגעלאָפענער עדה יידן, אַנטרונענע פון זייערע הפקרע היימען, אין הויף פון דער וואַרשעווער גמינע; די בלייכע יידישע קינדער, און אין דער מיט — פּרץ. ס'איז דער אָפּשיין פון שפּעטערדיקן טאָטאַלן חורבן אונזערן. אַש איז נישט דער אויסגעצחקרנטער פּרצ'יאַנער, וועלכער לייגט אַריין אין אים כלערליי, אָפט אויס־געמוטשטע אידייען, נאָר ער טראָגט אים טיף אין זיינע דינסטע פילונגען און שפּי־רונגען. ווייל פּרץ איז געווען דער פרילינגדיקער קנאָסף פון יידישן קולטור־רענע־סאַנס, די רייפע, פונאַנדערגעוויקלטע בלום איז — שלום אַש. נישט זיינע צייט־חברים, ה. ד. נאָמבערג, אברהם רייזען, זענען די אייגנטלעכע תלמידים פון פּרצ'ן. נאָמבערג איז נאָך אין יענע יאָרן, אַרום 1905, גיך אַריינגעפאַלן אין שוואַרצן, פליגל־מאַנישן פּעסימיזם, אונטערן איינפלוס פון די דייטשע פילאָזאָפן, אַפילו אונטערן איינ־פלוס פון דער אַרציבאַשעוו'שטשינע; רייזען האָט צופיל רעאַל, אַרעמאַנסקע אויס־געדריקט די וועלט פון ניכטערן, אָרעמען ליטווישן ייד. די נשמה פון די שבת־יום־

טובדיקע יידן, אין זייער הויכער עקזאַלטאַציע, אין זייער אַלץ־פאַרברענענדיקער התלהבות, האָט שלום אַש געטראָגן מיט זיך. פּרץ אַליין האָט זיך אַ לעבן־לאַנג גע־מאַטערט, כסדר איבערגעשטראָכן און איבערגעאַרבעט און איז סוף כל סוף נישט געבליבן צופרידן מיט זיינע אידייען־דראַמעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", „די גאָל־דענע קייט"; ער האָט זיי פּאַקטיש, נאָך אַזויפיל וואַריאַנטן, קיינמאָל נישט פאַרענ־דיקט. זיינע ר' שלמהס זענען פאַרבליבן שאָטנס, סילועטן פון אידייען.

שלום אַש האָט, צוזאַמען מיט פּרצ'עס שבת־יום־טובדיקע יידן, אַריינגעשפּאַנט אין אַ פרעמדן יאָרהונדערט, ווען אונזער אַלט־איינגעפונדעוועטער שטייגער־לעבן האָט זיך גענומען איינברעכן. אַנטלויפנדיק פון דער ישיבה־באַנק, האָט באַלד דערנאָך אַש'ן פאַרלאָקט דער ראָמאַנטישער יאַגד־האָרן אין מיצקעוויטשעס „פּאַן טאַדעאוש", דער אַלטער בראַנדז פון מאַטייקאָ'ס לייוונטן אין די וואַרשעווער און קראָקעווער מוזייען, אויסערן יידישן תחום. ער האָט זיך דערפילט גלייך מיט אַנ־דערע. אויך ער האָט געגאַרט אויסצושטורעמען זיין פאַרליבטקייט אין דער שיינער פּוילישער ערד, מיטן זעלבן כוח און מיט די זעלבע רעכט, ווי וולאַדיסלאַוו ריי־מאָנט, ווי סטעפאַן זשעראָמסקי. ביז אַש האָט זיך איינמאָל אָפּגעריסן פונם גורל פון פּוילישן ייד. מען האָט זי אָבער נאָכאַנאַנד געפילט אין אים, אָט די גרויסע בענק־שאַפט; כאָטש ער איז אַוועק אין דער וועלט אַריין, פאַרמאַכט די אויגן, נישט גע־קענט מער דערזען די טיפע טראַנספאָרמאַציעס פון זיין פאָלק ביי די טייכן פון פּוילן. ר'האָט זיך פון מאָל צו מאָל אומגעקערט, אַ כאַפּ צו טון אַ שטיק רוי־שטאָף, כדי עס צו פאַרצערן אין זיינע אָפּגעשלאָסענע ד' אמות, כדי אויסצוטוישן עס אויף די געמאַרקן פון דער וועלט, אָבער אויך כדי צו באַווייזן די אומות — זעט, פון וואָס פאַראַ אידעלך, וווּנדערלעכן שטאָף מיר זענען געקנעטן! דאָס איז דער אַספּעקט פון שלום אַש'ן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

ער האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ מעטעאָר און זיין פייער־וועג וועט אייביק פאַרבלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור. צי וועט דען עמיצער אין דער וועלט געדענקען אין אים ? צי איז ער דען שוין איצט ביי זיי נישט קיין פאַרגעסענער ? אָבער אין אונזער גרויסן, אָרעמען מקדש וועט ער פאַרבלייבן. זיין מעכטיק געזאַנג צו דער פּראָסטער, הייליקער שיינקייט פון אונזערע פאַרשווּנדענע ישובים ביי די טייכן פון פּוילן, צו דער הויכער רוחניות פון אונזער אָרעם, דערשטיקט לעבן; אויב פאַרבלייבן, וועט ער נאָר ביי אונז. די צייט, דער שטרענגסטער און יושרדיקסטער קריטיקער, וועט זיכער אויסטיילן און אַוועקנעמען אַלע צופעליקייטן אינם גרויסן, רייכן שאַפן פון שלום אַש, אינם מאָנומענטאַלן ווערק זיינעם.

שלום אַש איז — סטיכיע, אינטואיציע. דער פּלאַסטישער אָנגעהויף פון בילדער פאַרפאַלגט אים. ער גיסט אים אויס פון זיך מיט שטורעם, מיט איבער־מענטשלעכן טעמפּעראַמענט. די מענטשן באַוועגן זיך פאַר אים, און אים דוכט זיך אַלץ, אַז ער גייט זיי נאָך טריט ביי טריט, ער הערט זייערע רייד, פרייט זיך מיט זייערע פריידן, ליידט מיט זייערע ליידן. ער איז איבערגענומען ביז אין די טיפע־נישן מיט זייער געמיט. ער איז טרוימעריש־פאַרליבט און בייז־פאַרהאַסט. ער איז פּאָליטיקאַנער און פילאָזאָף, דילעטאַנט און ערודיט, לעסטערער און הייליקער,

שטומער שוויגער און פול־איבערגעגאָסן מיט רייד. ער האָט נישט קיין צייט און איז אומגעדולדיק צו צערטלען דאָס וואָרט, צו שמידן עס אין פייער, ווי דער גאָלד־שמיד, אָדער ווי דער אַלטער האַנטווערקער־מייסטער, דעם אײדעלן מעטאַל אויס־צופּאָלירן. ער איז אַלץ־מיטרייסנדיקער שטראָם, גליאיקע לאַווע.

ס'איז אפשר אין אורשפּרונג געווען אַ טיף געפיל, וואָס האָט שלום אַש'ן, נאָך אין סאַמע אָנהייב פון זיין שעפערישן וועג, געבּרענגט אויפן פּשוטן געדאַנק וועגן דעם אומזיניקן קריג צווישן מענטשן און געטער. דאָס איז טאַקע זיין טיף־מענטש־לעכע דערציילונג „מענטשן און געטער", ווו עס דערציילט זיך וועגן צוויי אָרעמע אַלמנות, אַ יידישע און אַ פּוילישע. זיי וווינען אונטער איין האַלב־איינגעפאַלענעם דאַך, אין אַ קרום פישער־הייזל ביי דער ווייסל. זייערע מענער זענען ביידע אין אַ שטורעם־נאַכט דערטרונקען געוואָרן; זייערע ביידנס זין זענען אַוועק קיין אַמערי־קע. ווען עס רעגנט אַריין, און ביי דער יידענע ווערן דורכגענעצט די ווענט, נעמט איר אַריין צו זיך די פּוילישע שכנטע. ס'איז אָבער פּריוויט־צונאַכטס. די יידישע פרוי בענטשט ליכט, עסט איר אָרעמען שבתדיקן מאַלצייט און פאַרכט זיך אויפצו־הייבן דעם בליק צום הייליקן בילד אויף דער וואַנט. זי האָט מורא צו פאַרשוועכן דעם הייליקן שבת פון איר יידישן גאָט. די געטער זענען נאַריש צעקריגט, אָבער וואָס זענען די מענטשן שולדיק ? ...

דער דאָזיקער מאָטיוו חזרט זיך אַ סך מאָל איבער, אין אַנדערע וואַריאַנטן, ביי שלום אַש'ן; אין „איסט ריווער" — די טיף־מענטשלעכע פאַרבינדונג פון דער פרומער קאַטוילישער שנור מיטן פרומען ייד, וואָס דאַוונט צו זיין יידישן גאָט און האָט אַזוי שטאַרק ליב דאָס האַלב־יידישע אייניקל. דאָס האָט אַש'ן, אָן שום ספק, אויך געפירט צו זיין גרויס ווערק וועגן „נוצרי".

דער ייד אין די אויגן פון אונזערע שכנים איז נאָך אַלץ מיסטעריע. אָבער שלום אַש האָט זיי געוויזן דעם ייד אין זיין שווערער מי, אין זיין פשטות, אין זיין גרוי־סער אָרעמקייט און אין דער גרויסער רייכקייט פון זיין גייסטיקער וועלט. פאַר די אומות העולם איז ער כולו עקזאָטיק, אָבער פאַר אונז בלייבט ער לעבעדיקע לע־גענדע פון שענסטן יידישן קולטור־רענעסאַנס.

דאָס אַלץ איז מיר געקומען אויפן רעיון, ווען כ'בין אין גאָלדיקן, דרומדיקן דעצעמבער־נאָכמיטאָג געזעסן אין רחבותדיקן האָל פון „האָטעל קאָנטינענטאַל" אין ניס. איך האָב מיטאַמאָל דערזען פון טיף זאָל, הינטער די קאָלאָנאַדעס, אָרונ־טערקומען דעם מייסטער. כ'האָב געכאַפּט אַ בליק אויפן שיינעם גרויען קאָפּ פון שלום אַש'ן. ס'איז געווען צער און פאַרטראַגנקייט אין די קישעלעך אונטער זיינע אויגן, אין זיין גאַנצער זקנישער, אָבער פאַרט יונגער געשטאַלט. איך האָב זיך אויפ־געשטעלט און בין אים אַנטקעגנגעגאַנגען.

אין גאָלדיקן נאָכמיטאָג האָט אונז דער וועג, ווי געוויינלעך, אַראָפּגעפירט צום שטראַנד ביים מיטלענדישן ים, וואָס ביי זיינע ברעגן האָט ער אַלעמאָל אַזוי ליב צו חלומען : „יעדעס מאָל, ווען די שיף טראָגט מיך איבערן מיטללענדישן ים, ווערט מיין געמיט אָנגעזאָפּט מיט אַ ווייטיקדיקער בענקשאַפט". (פון זיין בוך „דער מזבח"). ס'איז צוריק געווען אין אים די פלינקייט פון אַ יונגערמאַן. ער האָט

אַ גיי געטון צום עק טראָטואַר, אַריבערצואײַלן די גאַס, פֿאַרשטעלט פֿון אַ לאַנגער קייט וואָגנס. „קומט״ — האָט ער געזאָגט, און מיר האָבן פֿלינק דורכגעשניטן די רווישיקע אַרטעריע.

אין זיין פֿאַרטראָגן רעדן, האָב איך נאָך אַלץ, מיט אומבאַוווסטער פֿרייד, אַרויסגעפֿילט דאָס געדיכטע יידישע לשון פֿון יענע פּוילישע שטעטלעך אויף דער פֿעטער מאַזאָווישער און קויאַווער ערד, וואָס עקזיסטירן נישט מער; דאָס לשון פֿון די געזונטע סעדער־יידן, פֿערד־הענדלער, טראַטווע־טרייבער איבער דער ווייסל, די פֿאַרפֿעדערטע קרעטשמערס, די בלייכע בית־מדרש־יידן, די פּשוטע תהילים־זאָגערס, וואָס האָבן זיך שווער און שטומפּיק געמאַטערט איבער אַ בלעטל עברי. פֿון דער דאָזיקער ראַסע געזונטע און גייסטיק־גרויסע יידן וואַקסט ער אַרויס, שלום אַש. אַ סך שטומע פֿיזישע און גייסטיקע ענערגיע האָט זיך אַוודאי באַדאַרפֿט האָבן אָנגעזאַמלט ביי די יידן אויף דער דאָזיקער ערד, זינט דורות. עס האָט גע־מוזט קומען איינער פֿון זיי, וואָס זאָל די דאָזיקע ענערגיע אַרויסשטורעמען פֿון זיך.

די טראַנספּאָרט־ און יאַכט־שיפֿן, וואָס ציען דאָ פֿאַרביי פֿון די איטאַליענישע ברעגן קיין מאַרסעיל, פֿאַרשווינדן אין פֿלאַקער פֿון דער זון, וואָס נייגט זיך. דאָ זיצט שלום אַש פֿאַרמיטאָג, געמיטלעך, אויף אַ בענקל, ציט פֿאַוואָליע אַרויס די בריל אויפֿן שנירל פֿון דער אויבערשטער וועסטל־קעשענע און בליקט אַריין אין אַ יידישער צייטונג פֿון פּאַריז. ער שמועסט זיך אויס מיט די יידן, וואָס כאַפּן זיך אַראָפּ אַהער, אויפֿן קאָט ד׳אַזיר. צווישן מנחה און מעריב קומט ער צוגיין אין שולכל, ווו עס קומען יידן אָפּזאָגן אַ וואָכעדיקן קדיש; עס קומט אַ ייד פֿאַרהערן אַ בר־מצווה־ייִנגל, ווי ער לייענט אין ספֿר. אַש זיצט לאַנג און שוייגנדיק. טרערן רינען אים איבער די אָנגעלאָפֿענע קישעלעך אונטער די אויגן.

ער הייבט זיך אויף און לאָזט זיך גיין אין גאָלדענעם פֿלאַקער פֿון דרומדיקן זון־פֿאַרגאַנג. דער טראָט זיינער — אַביסל געבויגן, ווי ער וואָלט געטראָגן אויף זיינע אַקסלען די שווערע לאַסט פֿון דורות יידיש לעבן.

דער טרויעריקער עפּילאָג

נישט קיין ווידוי׳ס דאַרפֿן מיר מאַכן. מיר האָבן זיך גאָרנישט וואָס פֿאַרצו־וואַרפֿן. די אויפֿגערודערטע צייט אַליין, די עפּאָכע פֿון גרויסע אַנטשיידונגען, האָט אונדז געפֿירט. ס׳האָט אונדז געפֿירט די געזונטע לאָגיק פֿון דער צייט. אין די מענטשן אַרום אונדז האָט געלעבט אַ נישט־אויסגעלאָשענער פֿלאַם. דאָס זענען געווען די שיינע, הערלאָישע טראַדיציעס פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, די טראַ־דיציעס פֿון די מאַרטירער הירש לעקערט, פֿון נפֿתלי באָטווין.

ס׳איז גיכער געמורמלט געוואָרן אַרום אונדז, אַז אַצינד, נאָך די אַלע טרויערי־קע יידישע דערפֿאַרונגען, איז געוווּנטשן מיר זאָלן זיך אַריינוואַקסן אין פֿראַנ־צויזישן פּראָלעטאַריאַט, אין פֿראַנצויזישן פֿאָלק. עפּעס איז עס פֿאַרביי דורכן אויער און מ׳האָט זיך נישט באַלד געכאַפּט; ווייל ביי אונדז גופֿא האָבן מיר קיין שום סתירה קיינמאָל נישט געזען צווישן יידישער קולטור, יידיש פֿאָלק, מיט די אידייען פֿון

סאָציאַליזם. חברים, וואָס האָבן אַוודאי געוווסט עפּעס מער, האָבן געקוקט אויף אונז מיט אַביסל חשד און אַ וואָרף געטון: „פאַר דיר עקזיסטירט נאָך אַלץ די אַלוועלט־לעכקייט פון יידישן פאָלק״... ס׳איז געווען נאָכן באַרימטן אַרטיקל פון איליאַ ערענבורג, ווו ער לייקנט פולשטענדיק אָפּ די געמיינזאַמקייט פון יידן אין דער וועלט, אַז ישראל איז אַ קאַפּיטאַליסטישער שטאַט. ס׳איז, הייסט עס, נישט געווען צופעליק, פון ערגעץ־ווו האָבן זיך געצויגן די פעדים.

איך בין נאַכט נאָך נאַכט אָפּגעלעגן אין קעלער אויף רי דע פּאַראַדי ביים לינאָטיפּ. ס׳איז נישט אַזוי לייכט געווען צו באַהערשן די אַלטע, קאַפּריזנע מאַשין. כ׳בין אָבער גליקלעך געווען צו אַנטלויפן פון וואָכעדיקן טאָג־גערודער, פון וואָכע־דיקן טאָג־ליכט, וואָס האָט פאַרבלענדט דאָס שווערע געמיט. מיינע ביכער האָב איך אין יענע יאָרן אויסגעחלומט, אויסגעטרוימט, זיצנדק ביי דער מאַשין אין די טיפע נעכט, ווען די שטאָט שלאָפט, ווען די באַגינענדיקע גערוישן כאַפּן זיך אויף מיט אַ ווייטער הילכעריי אויף די דורכפאָר־אַרטעריעס אַרום מזרח־וואָקזאַל. כ׳בין אַהיימגעפאָרן מיט דער ערשטער מעטראָ, אַוועקצוואָרפן זיך אויפן געלעגער מיט אַ מידן רויש אין קאָפּ. געשלאָפן בין איך ווייניק אין מעת־לעת. אַ ווילד פייער, עפּעס צו דערכאַפּן, ס׳זאָל נישט פאַרלוירן גיין, האָט געברענט אין מיר. ס׳איז צייט געווען אַדורכצוטראַכטן, פאַר זיך אַליין דורכקאָנטראָלירן, דאָס נייע, דאָס נאָך־מלחמהדיקע, וואָס איז אָנגעוואַקסן און ס׳האָט זיך נישט געזען וווהין עס פירט. כ׳האָב אין אַלעם, וואָס האָט גערוישט אַרום מיר, געזען — אָפּגאַנג.

ס׳האָט זיך אַרום אונז אַרומגעדרייט אַ נייע יוגנט, אַ פרעמדלעכע, אַ פאַרבי־סענע. זי האָט אונז מער נישט געקענט און נישט געוואָלט קענען. נישט ווענן אַזאַ פאַרוואַנדלונג האָבן מיר געחלומט. דעמאָלט האָב איך זיך גענומען צו פאַרצייי־כענען, אָנוואָרפן די בלעטלעך צו מיין בוך „געווען איז עס נעכטן״, דעם ערשטן וואַריאַנט צום ראָמאַן „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן״, אַרויסגעהייבן יענע העראָאי־שע יוגנט פון אונזער אויסגעקוילעטן דור, זייערע יידישע אידייען, זייער יידישן מסירת נפש. און דאָ זע איך אַרום זיך אַ יוגנט מיט אַ פרעמד לשון אין זייער מויל, מיט ביטול צו אונזער גאַנצן יידישן האָווען און טומלען, צו אונזער טראַגיק. ביז דער מלחמה האָבן מיר אַזוי שאַרף נישט געפילט דעם אַוועקגאַנג פון די, וואָס האָבן נאָר גערעדט ווענן „פּאַלסקאַ אוליצאַ״. ס׳האָט געלעבט און גערוישט אַ יידיש לעבן, אַ יידישע יוגנט. יידישע קולטור, יידישע ווערטן — אַוועקגיין פון דעם אַלעם, הייסט אַוועקגיין פון זיך אַליין, הייסט — פאַראַטן דאָס פאָלק.

כ׳האָב עס דערנאָך געפּרוווט צו באַווייזן אין מיין בוך „חברים פון מוראַנאָ־ווער ראַיאָן״, דורכן טיפּ יאַנעק, וואָס איז דווקא געקומען פון אַ יידישער היים און האָט אַלע יידישע ווערטן אָפּגעוואָרפן, אויסגעלאַכט; ביז די טרויעריקע רעאַליטעט אין פּוילן האָט אים צוריקגעפירט צו זיינע ברידער. די אָנגעוואָרפענע ליניע, דעם „סאָציאַליסטישן רעאַליזם״, האָב איך קיינמאָל נישט גענומען צו ערנסט. כ׳האָב אַליין אַלץ דורכגעטראַכט. אין דער סביבה, ווו כ׳האָב געלעבט, האָב איך זיך קיין צו־גוטן נאָמען נישט פאַרשאַפט. מ׳האָט מיר פאַרגעוואָרפן אַז כ׳בין אַ „יידישיסט״, און איך האָב געטענהט, אַז כ׳בין נישט קיין „יידישיסט״, נאָר פשוט — אַ ייד.

עס איז אין יענע קריטישע יאָרן, ביים וואַקלען זיך פון סטאַליניזם, שוין געווען אָנגעצייכנט די אינערלעכע צעריסנקייט ביי אונז גופא. די אָנפירונג האָט זיך אַ רגע דערפילט שוואַך, נישט דעצידירט, פון די קלעפּ, איינער נאָכן אַנדערן, פון די שוידערלעכע אויפדעקונגען אין ראַטנפאַרבאַנד — „די מערדער אין די ווייסע כאַלאַטן"... די שווייגנדיקע קאָנספּיראַציע אַרום די דערמאָרדעטע יידישע שרייבער. זעט אויס, אַז דאָס יידישע געוויסן ביי פיל איז נאָך נישט געווען אויפגעוואַכט. ערשט פיל שפּעטער האָבן זיי זיך אַליין געכאַפּט, ווהין זיי זענען דערפירט געוואָרן.

כאָטש די אַנדערע קרייזן אין יידישן לעבן האָבן אונז געזען ווי אַ מאָנאָליטע גרופּע „פאַרפירטע", פאַרקויפטע צום סטאַלינישן אָפּגאָט, האָט יעדן שרייבער פון אונזער קרייז געזען בלינד אידענטיפיצירט מיט דער פּאַרטיי. ס'איז אָבער זייער ווייט געווען פון אמת. מיר זענען פּשוט מיטגעגאַנגען מיטן ברייטן שטראָם, דעם סאַמע וויכטיקסטן פאָלקס־שטראָם אין יענע יאָרן.

מיר האָבן זיך פּלוצים ווי אויפגעכאַפּט פון אַ לעטאַרגיע. עס איז באמת נישט געווען צו פאַרשטיין די קראַנקע פאַרביסנקייט לגבי אונזער לעבן, אונזער קולטור. ווער זענען זיי ? עפּעס אַ כרושטשעוו, עפּעס אַ פורצעוואַ, עפּעס אַ פּאָנאָמאַרענקאָ. פינצטערע רוסישע שאָוויניסטן. ווי וואַגן זיי צו רעדן וועגן דעם, צי מיר דאַרפן אַ יידישע קולטור ! וואָס פאַראַ טייוולאָנישע קליקע די פּאַרטיי האָט דאָרט אויפגעהאָדעוועט. כמעלניצקי־מערדער אין קאָמוניסטישע פּעלעכלעך.

היסטאָריש ממש איז פאַרבליבן די לעצטע זיצונג פון אונזער קליינע, געאייניקטע שרייבער־גרופּע, צוזאַמען מיט דער אָנפירונג, אין טאָג, ווען ס'איז שוין ענדלעך פאַר אַלעמען טרויעריק־באַקאַנט געוואָרן דער אומקום, דער מאָרד איבער די יידישע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד. ס'איז געווען אַן אָפּגעשלאָסן צימערל אין טיפן הויף אויף רי דע פּאַראַדי, אויפן צווייטן שטאָק. אַ שטומע טיר מיט אַ פאַרהוילן קוק־שייבל, אַן „אויג", פון יענער זייט. דער אָנפירנדיקער חבר איז געזעסן הינטער אַ מאַסיוון שרייב־טיש. אין דעם נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט איבער אַ צענדליק. די אַטמאָספער איז באַלד פון אָנהייב געווען אַ געשפּאַנטע. דער חבר האָט אונז געגומען אויפקלערן, אין קורצע ווערטער, די סיבה, פאַרוואָס מיר זענען אַלע היינט פאַררופן געוואָרן. כ'געדענק נאָך די גלאַטיקע ווערטער : „...מיר באַדויערן שטאַרק... אַז די שונאים אונזערע וועלן עס זיכער אויסנוצן... אַז מ'דאַרף דווקא אין אַזאַ מאָמענט שטאַרק זיין... פעלערן, וואָס זענען דאָרט געמאַכט געוואָרן און וועלן זיכער פאַרריכט ווערן"...

קיין איין וואָרט נישט וועגן די טיפערע סיבות, וואָס האָבן יאָרנלאַנג דערפירט צום מאָרד איבער אַ גאַנצער ציוויליזאַציע, אַז ס'איז נישט קיין צופאַל עפּעס אין אָט דעם מאָנסטרועזן סיסטעם. דאָס האָב איך געזאָגט, ווען ס'איז געקומען מיין ריי צו נעמען אַ וואָרט. איך האָב עס געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקט קול, מיט ספּאַזמען אין האַלדז, אַז נישט סתם קיין פעלערן זענען דאָרט באַגאַנגען געוואָרן; אַז דאָס וואָרט „פעלערן" איז שרעקלעך בלאָס, אין פאַרגלייך מיטן סיסטעם; אַז די יידישע געשיכטע וועט עס קיינמאָל נישט מוחל זיין. ווו זענען זייערע קברים ? — האָב איך

געפרעגט — ווו דורות יידן זאָלן קענען קומען זיך פאַרנייגן פאַר די קדושים און אָוועקלייגן אַ בינטל בלומען זיי צוקאָפּנס ? און איך האָב זיך דעמאָלט אַרויסגעכאַפּט אַזוינס, וואָס האָט מיך אויף שטענדיק אָפּגעריסן פון זיי אַלעמען — אַז דאָס אַלץ איז נישט קיין צופאַל, אַז נאָך דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער איינשטעל צו אונזער קולטור, צו אונזער נאַציאָנאַל לעבן האָט קאָנסעקווענט געפירט דערצו. מיר האָבן, הייסט עס, געקראָגן מיט אַ מעסער אין רוקן פון אַזאַ צד, פון וועלכן מיר האָבן זיך אַמווייניקסטן געריכט.

זיי האָבן נאָך דאָרט עפּעס געפּרוווט צוריקצוכאַפּן. איינער פון זיי, ווילנער, האָט אַפילו געשריבן, אַז „עס זענען פאַראַן צייטן אין געשיכטלעכן גאַנג, ווען מ׳דאַרף גיין קעגן שטראָם״. קעגן וועלכן שטראָם ? קעגן שטראָם פון יידישן פאַרעקשנטן ווילן צו לעבן, קעגן שטראָם פון אונזער אַלטער קולטור ?

פון דעמאָלט אָן איז אַ סך בייז בלוט פאַרגאָסן געוואָרן. דעם זעלבן זומער איז דערשינען מיין ראָמאַן „די גאָלדענע אילוזיע״, אַ פאַריזער נאָך־מלחמהדיקער ראָמאַן פון אונזער צעטומלט יידיש לעבן, וועגן אילוזיעס פון גאָלד און אילוזיעס פון אידייען. דאָסמאָל האָב איך זיך נישט געקענט שענקען אַרויסצוגעבן אַ בוך און נישט אויסשרייען דעם ווייטיק, דעם גרויל. כ׳האָב דאָרט געשריבן :

„איך ברענג דאָס דאָזיקע בוך פון יידישער צעטומלטקייט, פון יידישע בלאָנדזשעניש — אָנשטאָט אַ באַשיידן בינטל בלומען אויף די פאַרשוועכטע, אומבאַקאַנטע קברים פון דער עליטע און פון אַ דור יידישע אַרבעטער־טוער, יידישע שרייבער, יידישע קולטור־שעפער. מיר האָבן לאַנג, מיט בלינדן, זינלאָזן צוטרוי געשוויגן. זאָל קיין שום „טשינאָווניק״, קיין שום חוצפהדיקער אַסימילאַטאָר נישט וואַגן מער אויפצומאַכן ס׳מויל וועגן דעם צי דאָס יידישע פאָלק באַדאַרף יאָ, אָדער נישט יידישע קולטור. אונז קומט אַ יידיש נאַציאָנאַל־ און קולטור־לעבן, גענוי אַזוי ווי דאָס רוסישע פאָלק, גענוי ווי די אַנדערע פעלקער אין ראַטנפאַרבאַנד !

„לאָמיר גיין, לאָמיר זיך צוריק אומקערן צו די גרויסע פאַרגייער אין באַגינען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, צו די דורות יידישע און נישט־יידישע רעוואָלוציאָנערע מאַרטירער, צו זייער קרישטאָל־ריינער, הויכער מענטשלעכער עטיק; לאָמיר זיך אומקערן צום בלייכן, שווינדזיכטיקן יידישן אַרבעטער־פּאָעט דוד עדעלשטאַט, ווען ער האָט אויף זיין טויט־בעט געזונגען צו דער פאָן, „באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן״ און „פון פאַרשקלאַפטן קריסט און ייד״.

מיט אַ יאָר פריער, אין 1956, בין איך דעם לעצטן מאָל געפאָרן קיין פוילן. איך האָב דאָרט באַלד, ערב דעם פּוילישן „סעפּטעמבער״, דערפילט, אַז אַלץ לאָזט זיך דאָרט אויס פאַר אונז. דער יידישער ישוב האָט געלעבט אין טויט־אימה, ס׳זאָלן זיך נישט איבערחזרן די קיעלץ־טעג. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־אַרויספאָרן. דאָס טאַקע האָט מיך אינספּירירט אַוועקצוזעצן זיך שרייבן דעם ענדגילטיקן וואַריאַנט פון מיין ראָמאַן „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן״. איך האָב פאַרענדיקט מיטן לעצטן קאַפּיטל : „די זון פאַרגייט אין פוילן״; אַ פאַראַפראַזע פון דער יידישער זון, וואָס איז אַמאָל אונטערגעגאַנגען פאַר יידן אין שפּאַניע.

און דאָך באַדויער איך נישט איין מאָל יענע אמת־גלויביקע יאָרן, די וואַרעמע חברישע סביבה. מיטן פאַנאַנדערפאַל, איז אָן שום ספק געשען אַ גרויסע קאַטאַס־טראָפע אין אונזער קולטור־געזעלשאַפטלעך לעבן. מיר זענען מיטאַמאָל שטיינ־געבליבן אינגאַנצן אויפן הפקר, צווישן אַלע ווילדע צוגווינטן.

דאָס נישט פאַרענדיקטע ליד

ער האָט דאָ אַ שטיקל צייט געלעבט צווישן אונז, דער פאַרבלאָנדזשעטער דיכ־טער פון דער ליטע, אלחנן וואָגלער. ער האָט ליב באַקומען דעם פּאַריזער בלייכן בלוי פון הימל, די געסעלעך פון אַלטן מאָנמאַרטר, ווו ער האָט זיך פאַרקליבן ער־געץ אויף אַ זעקסטן גאָרן און — האָט זיך דאָ שטיל אויסגעלאָשן.

מיר זענען אַנומלטן אַוועק צום אַלטן מאָנמאַרטר, אויפזוכן די מאַנסאַרדע, אונטערן דאַך פון זעקסטן שטאָק. דאָרט האָט זיך געזאָלט פאַרוואַלגערן דער עזבון פונם דיכטער מיט זיין צעבראָכענער נשמה. ער איז דאָ פאָר עטלעכע יאָרן שטיל אויסגעגאַנגען אין אַ פאַרוואָרפענעם שפּיטאָל. מ׳קען זאָגן, ער איז פייערלעך גע־גאַנגען צום טויט. ער האָט מער נישט געוואָלט לעבן. מיט דער קבורה האָבן זיך פאַרנומען די ווילנער לאַנדסלייט. ס׳איז געקומען אַ שיטערער עולם. כאָטש ביים אָפענעם קבר זענען געפאַלן פייערלעכע הספדים, אַז — „מ׳וועט געדענקען, אָפּהיטן זיין ווערק״... און ביזן היינטיקן טאָג איז אַלץ פאַרגעסן געוואָרן.

דאָס געסל האָט געפירט באַרג־אַרויף, דורך געדרייטע שטיגן, צו אַ טויער מיט אַלטע אינקרוסטאַציעס. די הויז־וועכטערין איז גראָד נישט געווען. אַנגעקלאַפּט אין שייבל, האָט געטון אַ שפרינג אַרויף אַ וואָלף־הונט און אויפגעמאַכט אַ פּיסק. ביז די אַלטע איז אַראָפּגעקומען פון אַ העכערן שטאָק, האָט אונז אָנגעקוקט מיט חשד, ווען מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט, און האָט צולעצט צוגעוואָרפן, נישט אָן געבייזער:

— זיין „פּטיט אַמי״ האָט זיך דאָ עטלעכע מאָל באַוויזן... מסתמא האָט זי דאָרט אַלץ אויסגערוימט...

זי האָט פונדעסטוועגן אויפגעזוכט דעם גרויסן פאַרזשאַווערטן שליסל און אונז דערלאַנגט. אַביסל אָפּגעאָטעמט אַרויפצוקריכן די זעקס שטאָק שטיגן, איז מען שטיינגעבליבן פאַר אַ פאַרהאַקטער טיר. שווערלעך האָט די טיר נאָכגעגעבן. אַ גע־בויגענע מאַנסאַרדע, טונקל, פול מיט שפּינוועבס. אויפגעשפּאַרט דעם „וואַסיסדאַס״, וואָס האָט אַרויסגעקוקט איבער די דעכער פון אַלטן מאָנמאַרטר, צווישן פאַרקאָפּ־טשעטע קוימענדלעך, האָבן מיר באַטראַכט די פּוסטע נעסט אונטערן דאַך. דאָ האָט ער זיך געגריזעשט אין די נעכט אָן שלאָף. דאָ האָט ער מיט נערוועזע פינגער אָנ־געוואָרפן זיינע פערזן אויף שטיקלעך פּאַפּיר, און ס׳האָט זיך אים אין קראַנקער התלהבות אַוודאי געדאַכט, אַז מען וועט דערהערן אַמאָל זיין ביטערן וויי־געשריי פון אַ וועלט, וואָס עקזיסטירט נישט מער.

ס׳איז נאָך געהאַנגען אַ פאַרזשאַווערט שפּיגעלע אויף דער וואַנט, אַ פאַרגעלט בילדל. אין ווינקל — אַן אייזערן בעטל. עס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד פאַרגעלטע יידישע צייטונגען; אַ צעבראָכענע שטול, אַן אָפּגעפליקט פאַרהענגל אויפן קרומען דאַך־פענצטער; עטלעכע פאַרשטויבטע ביכלעך אויף דער פּאָליצע. דאָס איז אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן. ווו איז אָבער אַהינגעקומען די וואַליזקע מיט זיינע כתבים ? זיין בוך, וואָס האָט געזאָלט דערשיינען און — איז נישט דערשינען ?

מיר האָבן זי נאָך אַלע געדענקט, דאָס שמאָלע מיידל מיטן גזשיווקעלע. זי האָט דעם דיכטער אַ שטיקל צייט באַגלייט אין זיין עלנט לעבן. געשטאַמט האָט זי ערגעץ פון דער נאָרד. אַ פאַבריק־מיידל. ווי אַזוי האָט ער זיך צונויפגערעדט מיטן פראַנצויזישן מיידל רענעי, איז פאַר אַלעמען געווען אַ חידוש. ער האָט קיין צען ווערטער פראַנצויזיש נישט געקענט. מען מוז זי ערגעץ אויפזוכן. ער איז אין די לעצטע חדשים אַרומגעגאַנגען צעטראָגן, געבעטן איינמאָל מיטצוגיין מיט אים אין אַ פאַרשטאָט, צו אַ קאַרטאָן־פאַבריק, ווו דאָס מיידל האָט געאַרבעט, אָפּצוואַרטן זי ביים אַרויסגיין פאַרנאַכט. זי האָט זיך באַוויזן, בלאַס געשמייכלט, צוגעפאַלן צו אים, פאַרענטפערט זיך עפּעס פאַרשולדיקט, אַז זי קען נישט קומען אַזוי ווייט אין שטאָט אַריין.

ס׳איז גראָד אויסגעפאַלן בעת די גרויסע מעטראָ־ און אויטאָבוסן־שטרייקן. באַגינען איז זי איינמאָל אַרונטער, כאַפּן דעם אויטאָבוס, אָבער דער גאַנצער טראַנס־פּאָרט איבער דער שטאָט איז געווען פּאַראַליזירט. אויפן ראָג, ביי דער סטאַציע, איז אָנגעפאָרן אויף זיין מאָטאָציקל אַ יונג מיט אַ לעדערנער וועסט, מיט אַ טשופּ־רינע אין ווינט. ער האָט אַראָפּגעשטעלט אַ פוס.

— פריילין, איך נעם אייך מיט ?... — האָט ער שמייכלענדיק פאָרגעלייגט.

ער האָט זי פאַרבעטן אויפן הינטערשטן זיץ און — זי האָט נישט אָפּגעזאָגט. ער האָט געמאַכט אַ קורצן, האַסטיקן אומקרייז מיטן מאָטאָציקל און באַלד דערנאָך אָוועקגערוישט איבער די באַגינענדיקע ברוקן. זי האָט זיך מיטביידע הענט איינ־געקלאַמערט אינעם יונג, און איר שעוועליורע פון אונטערן בערעטל האָט מיטגע־פלאַטערט אין ווינט.

עטלעכע מאָל האָט זי נאָך פונדעסטוועגן פאַרבלאָנדזשעט צו אים, צום אור־מעטיקן יידישן דיכטער אויף דער מאַנסאַרדע און — איז אַוועק. אַ פאַלקס־מיידל, אַ קאָזעט, לויטן „מיזעראַבל״ פון וויקטאָר הוגאָ, אַ קינד פון פּאַריזער ברוק. זי האָט אָבער געטראָגן עפּעס אַ שטילן דרך ארץ פאַרן פאַרבלאָנדזשעטן יידישן פּאָעט פון ווייטע לענדער, לויט אירע באַגריפן, פון היגטער די הרי חושך. עס האָט עפּעס אויך דערמאָנט אין באַלזאַק׳ס „קוזינע בעטי״, ווו עס ווערט דערציילט וועגן דעם סקולפּטאָר, דעם פּאָליאַק, פאַרבלאָנדזשעט אין פרעמדן פּאַריז, און עס פאַר־ליבט זיך אין אים דאָס פראַנצויזישע מיידל פון פאַראָרעמטן אַדל.

זי איז נאָך עטלעכע מאָל צוריקגעקומען אין דער מאַנסאַרדע, די קליינע; צו־ריקגעקומען, אַן רייד, פאַרבליבן אַ ווײַלע, אויסגעזוכט אַלערליי תירוצים אַוועקצו־גיין. דער דיכטער מיט דער קראַנקער נשמה איז לאַנג שטיינגעבליבן ביי דער פאַר־האַקטער טיר, איינגעהערט זיך אין אירע דראַבנע טריט, ווי זיי קלאַפּן אויס ביים

אַרונטערגיין די שטיגן. אירע טריט האָבן לאַנג אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן. ער האָט זיך געזאָגט: „מיין לעבן איז געענדיקט... כ׳וועל זי מער נישט צוריקזען”... צום נישט־פאַרענדיקטן ליד אויפן טישל האָט ער זיך מער נישט צוגערירט. ער האָט זיך דאָרט אַליין פאַרגליכן צו אַ קרוג, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן... דער ווייַן אין אים — איז זויער...

„מיין גאָט, קום צו מיר אַמאָל אין שעה פון טרויער”...

מ׳האָט דאָס נישט־פאַרענדיקטע ליד געפונען אויפן טישל, צווישן אָנגעוואָרפענע סיגאַרעטן־עקלעך.

— דאָס איז אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן?

— ס׳איז פאַרבליבן... נאָר ווו געפינט מען דער קליינער? ס׳איז געווען אַ בוך, וואָס איז צוליב אַ קאָמע, אָדער אַ פּונקט, נישט דערשינען. ער האָט געשלעפּט אַ קאַרג יאָר, איז אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמט פון איינעם צום אַנדערן, נאָכפרעגן, דערפאַרשן, צי ס׳קומט דאָ אַ קאָמע, אָדער אַ פּונקט. דערווייל האָט די דרוקעריי זיך געשלאָסן. דער בליי איז צעגאָסן געוואָרן. דאָס האָט עפּעס געוואָרפן ס׳גאַנצע ליכט אויף זיין צעטראָגן לעבן. דער מענטש האָט זיך אַליין אויפגעגעסן.

די שפּורן צום קליינעם מיידל האָבן געפירט צו אַ פאַרשטאָט. אַ פּשוט מיידל. וואָס ווייסט זי וועגן עזבון פון אַ יידישן פּאָעט? מ׳איז געפאָרן לאַנג אין איבער־געפּאַקטן אויטאָבוס צום פאַבריק־טויער. אַרום 6 אַזייגער האָט זיך די קליינע באַוויזן. זי איז געווען אַביסל געפּלעפט, ס׳בלייכע פּנים אָפּגעצויגן. זי האָט עפּעס געשטאַמלט:

— די צעשטויסענע וואַליזקע דאַרף זיך דאָ געפינען אונטערן בעט ביי דער מוטער... כ׳וועל אַריינגיין זען...

מיר זענען נאָכגעגאַנגען דאָס קליינע מיידל מיט ציטערדיקע הערצער. זי האָט יעדעס מאָל פאַרריכט דאָס לעקעלע פון די קורץ־פאַרשניטענע האָר אונטערן בערעט.

— דאָס איז ס׳פייגעלע, וואָס איז איינמאָל צו אים אַריינגעפלויגן? ...

— און — אַרויסגעפלויגן...

— כ׳וואָלט זי פונדעסטוועגן נישט אינגאַנצן באַשולדיקט. מיר אַליין האָט ער איין מאָל אַ זאָג געטון: „וואָס האָט זי דען פון מיר?”... יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך פאַרשפּעטיקט פון דער אַרבעט, איז ער לאַנג געשטאַנען ביי דער טיר, ביז ער האָט דערהערט אויסקלאַפּן אירע דראָבנע טריט איבערן אַלטן הויז און דאָס האַרץ האָט ביי אים אויפגעצאַפּלט.

זי איז אַריין, אַרומגעפּלאָטערט ווי אַ פלאַטערל אין דער מאַנסאַרדע, אַוועקגעשטעלט אַ בלימל אין אַ גלאָז וואַסער, פאַרצויגן אַ ריין פאַרהענגל איבערן קרומען דאַך־פענצטער, צוגעגלעט דאָס צעראַיעטע בעטל, פאַרבריט שטאַרקע אַראָמאַטישע קאַפע און ס׳האָט געהילכט איר שטימעלע — אַביסל פאַלש — מיט די לידער פון פּאַריזער ברוק.

אין דער ראַגאַווער ביסטראָ, ווו מיר זענען אַריין עפּעס אויסטרינקען, האָט זיך אין פאַרנאַכט געשפּאַרט אַן עולם פאַבריק־אַרבעטער אַרום ציינק; קאַנאַל־אַר־

בעטער מיט גלאַנציקע היטלען און לעדערנע פּאַרפּעטסטע וועסטן, אַרומגעהאָגען מיט לאַמטערלעך; בוי־אַרבעטער, פּאַרשפּריצטע פֿון וואַפּנע און צעמענט. די ווײַבער און מיידלעך האָבן געדרעדט געדיכט, געלאַכט. געזופּט פֿון די פּאַרביקע אַפּעריטיוון, אין אַ רויך פֿון סיגאַרעטן. אין הינטערשטן חדרל, הינטערן פּאַראַוואַן, האָבן מיר געפֿונען אַ טישל צוצוזעצן זיך. מיר האָבן אַלץ געוואָלט דערגיין, ווו איז אַהינגעקומען די צעשטויסענע וואַליזקע מיט זיינע כתבים ?

— דאָס האָט זיכער די הויז־וועכטערין... — האָט ס׳מיידל זיך ווי דערמאָנט — די כיטרע... זי איז באַלד צומאָרגנס געקומען נישטערן אויבן...

כ׳האָב אָנגעקוקט דאָס פּאַלקס־מיידל מיטן גזשיווקעלע פֿון אונטערן בערעט, און געטראַכט דערביי, אַז די אַנגסט זיינע לעבן מיר דאָך, אייגנטלעך, אַלע איבער. מיר רייסן זיך מ׳זאָל דערהערן אונזער אינערלעכע וועלט און די טויבע וועלט — וויל אונדז נישט. אים, דעם היפּער־עמפּינדלעכן, האָט זיכער שטאַרק וויי געטון, וואָס ער האָט זיך אַמאָל געהאַט אויפגעהויבן אין פּלי און — איז נישט דערפלויגן. אָבער אַלץ איז סוף כל סוף — אילוזיע.

די צעשטויסנע וואַליזקע מיט זיינע כתבים האָבן מיר מער קיינמאָל נישט אָפּגעפֿונען. מיר זענען אַוועק אויפן בית עולם באַניע לייגן אַ בלימל אויף זיין אייגזאַמען קבר, וואָס וועט מיט דער צייט פאַרגעסן ווערן, פּונקט ווי זיין נישט־פאַרענדיקט ליד.

ב. שלעווין

ביכער פון זעלבן מחבר:

צווישן ווענט, **דערציילונגען, וואַרשע** (1933)

גרויע פּראָפּילן, **דערציילונגען, פּאַריז** (1937)

דער מאַרש אויף בריסק, **ראָמאַן, פּאַריז** (1938)

די יידן פון בעלוויל, **ראָמאַן, פּאַריז** (1948)

רות און נעמי, **דערציילונג, ווראָצלאַוו** (1950)

געווען איז עס נעכטן, **ראָמאַן, פּאַריז** (1951)

די ברידער כייקין, **טרילאָגיע:**

1) דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס, **פּאַריז** (1955)

2) אויפן פּאַריזער ברוק, **וואַרשע** (1956)

3) דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, **פּאַריז** (1956)

די גאָלדענע אילוזיע, **ראָמאַן, פּאַריז** (1958)

חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן, **ראָמאַן, פּאַריז** (1961)

געקליבענע דערציילונגען, **פּאַריז** (1964)

ליפּע קאָמאַשנמאַכער, **ראָמאַן, פּאַריז** (1969)

שאָטנס פון מאָנפּאַרנאַס, **ראָמאַן, תל אָביב** (1972)

אונטער די שטערן פון נגב, **דערציילונגען, פּאַריז** (1974)

וואוהין גייסטו, דאַניעל? **ראָמאַן, פּאַריז** (1977)

שווערע געמיטער, **דערציילונגען, פּאַריז** (1981)

איבערזעצונגען, אין פראַנצויזיש:

Les Juifs de Belleville, roman (1956).

אין עברית:

סתיו פולני, **סיפורים, תל אָביב** (1979)

B. SCHLEVIN

NOUVELLES

Paris — 1981